The Ohio State University
3 2435 00738 9455

OHIO STATE
UNIVERSITY
LIBRARIES

א. ס. טורגעניעוו

א פריצישער הויף

Дворянское Гнѣздо

ראמאן אין פינף און פופציג קאפיטלען
מיט אן עפילאג

איבערזעצט פון
ה. ראזענפעלד

מאקס נ. מייזעל
אידישער פארלאג פאר ליטעראטור און וויסענשאפט
424 גרענד סטריט, ניו יארק.
1921

PG 3427
Y5 D8

Copyright by
MAX N. MAISEL
1921

א פריצישער הויף

.1

דער ליכטינגער פריהלינג טאָג האָט אָנגעפאַנגען אפצושטאַר־
בען. קליינע ראָז־קאָלירטע וואָלקענדלאַך זיינען געשטאַנען הויך
איבערן הימעל, און עס האָט זיך געדוכט, אז זיי געהען ניט פאַר־
ביי, נאָר האָבען זיך אוועקגעלאָזט אין דער סאַמע טיעף פון דער
בלויקייט.

נעבען אן אָפענעם פענסטער פון א שעהן הויז, אויף איי־
נער פון די עקסטע גאַסען פון דער פּראָווינציעלער הויפּט־שטאָדט
א... (דאָס איז געווען אינ'ם יאָהר 1842), זיינען געזעסען צוויי
פרויען; איינע פון א פופציג יאָהר, די צווייטע שוין אן אלטינ־
קע, פון א יאָהר זיעבעציג.

די ערשטע האָט געהייסען מאַריא דמיטריעוונא קאַליטינא.
איהר מאַן, א געוועזענער גובערנסקי פּראָקוראָר, א גאַנצער מאַכער
אין זיין צייט — אן ענערגישער און ענטשלאָסענער, אן אויפגע־
רעגטער און אן עקשן — איז געשטאָרבען מיט צעהן יאָהר צוריק.
ער האָט געהאַט א וואוילע ערציהונג, געלערענט אין אן אוניווערזי־
טעט, נאָר אזוי ווי ער האָט געשטאַמט פון אן אָרעמער פאַמיליע,
האָט ער נאָך יונגערהייד פאַרשטאַנען אליין זיך אויסלייגען א
וועג און אפשפּאָרען א קערבעל. מאַריא דמיטריעוונא האָט מיט
איהם חתונה געהאַט אויס ליעבע; ער איז געווען ניט מיאוס, קלוג
און, ווען ער האָט נאָר געוואָלט, אויך ליעבליך. מאַריא דמיטריעוו־
נא (מיידעל־וויז האָט מען זי גערופען פעסטאַווא) איז געבלי־
בען א יתומה נאָך קינדווייז, האָט פאַרבראַכט עטליכע יאָהר אין
מאָסקווא, אין אינסטיטוט, און ווען זי איז צוריקגעקומען פון
דאָרטען, האָט זי געוואוינט מיט א מוהמע איהרער און מיט איהר
עלטערען ברודער טאַקע אין איהר אייגען דאָרף, א ווערסט פופ־
ציג פון דער שטאָדט א... איהר ברודער האָט זיך אין א קורצער
צייט ארום איבערגעקליבען קיין פעטערבורג אויף א שטעלע, און

האָט געהאַלטען אי די שוועסטער אי די מוהמע אין שפּלות, ביז דער טוידט האָט זיך ניט אריינגעמישט און זיי ביידע מציל געווען פון זיינע הענט. מאַריא דמיטריעוונא האָט גע'ירש'עט דאָס דאָרף פּאָקראָווסקאָיע, נאָר זי האָט דאָרטען געוואוינט ניט לאַנג; אויפ'ן צווייטען טאָג נאָך איהר חתונה מיט קאַליטינען, וועלכער האָט אין איינע עטליכע טעג געוואונען איהר הארץ, האָט מען פּאָקראָווסקאָיע אויסגעביטען אויף אַן אַנדער מאַיאָנטעק, הגם ניט אַזאַ גרויסאַרטיגען און אָהן א הויף, אָבער דערפאַר מיט מעהר הכנסה. אין יענער צייט טאַקע האָט קאַליטין געקויפט אַ הויז אין דער שטאָדט א., וואו ער האָט זיך באזעצט מיט'ן ווייב אויף שטענדיג. נעבען הויז איז געווען א גרויסער סאַד; פון איין זייט האָט ער זיך אריינגעשניטען גלייך אין די פעלדער, הינטערן שטאָדט. קאַליטין, וואָס איז ניט געווען קיין גרויסער בעלן אויף דער דאָרפישער שטילקייט, האָט איצטער באַשלאָסען, אז ס'איז ניטאָ צוליעב וואס זיך צו שלעפּען אין דאָרף אריין. מאַריא דמיטריעוונא האָט ניט איינמאָהל זיך פארביינקט נאָך איהר שעהנעם מאַיאָנטעק פּאָקראָווסקאָיע, נאָכ'ן פרעהליכען טייכעל, נאָך די ברייטע לאָנקעס און גרינע וועלדלאַך; זי האָט אבער אין קיין זאך ניט מעיז געווען איהר מאַן, זי פלעגט גרויס דרך־ארץ האָבען פאר זיין שכל און פאר זיין קענען די וועלט. און ווען ער איז, מיט פופצעהן יאָהר נאָך דער חתונה, געשטאַרבען, איבערלאָזענדיג דריי יתומים, א זוהן און צוויי טעכטער האָט שוין מאַריא דמיטריעוונא זיך אזוי געהאט צוגעוועהנט צום הויז און צום שטאָדטיגען לעבען, אז זי האָט שוין אליין קיין חשק ניט געהאט פארלאָזען די שטאָדט א...

אין דער יוגענד האָט מאַריא דמיטריעוונא גע'שם'ט פאר א שעהנינקער בלאָנדינקע, און אפילו איצטער, שוין קרוב צו פופציג יאָהר, ליגט נאָך אויך אויף איהר א מין חן, הגם, איהרע שטריכען פונ'ם פּנים זיינען שוין אביסעל אנגעשוואָלען און צושוואומען. זי איז געווען מעהר סענטימענטאל ווי גוט, און ביז די עלטערע יאָהרען האָט זי זיך ניט געקענט באפרייען פון די אינסטיטוט־געוועהנהייטען. זי האָט זיך צופעסטעט, פלעגט גרינג אויפגערייצט ווערען און אפילו וויינען, ווען מען האָט געשטערט איהרע גע־

וועהנהייטען; דערפאר איז זי געווען זיס און ליעבליך, ווען מען האט איהר ניט ווידערשפראכען און מען האט ערפילט אלע איהרע פארלאנגען. איהר הויז האט זיך גערעכענט צווישען די אנגענעהמסטע אין שטאדט. א פארמעגען האט זי געהאט א גאנץ פיינעם, צו איהר אייגענער ירושה איז צוגעקומען נאך א גרעסערע, וואס איהר מאן האט אנגעזאמעלט. ביידע טעכטער זיינען געווען מיט איהר צוזאמען; דער זוהן האט זיך ערצויגען אין איינעם פון די בעסטע רעגיערונגס־אנשטאלטען פון פעטערבורג.

די אלטינקע, וואס איז געזעסען מיט מאריא דמיטריעוונא'ן נעבען פענסטער איז געווען יענע מוהמע, איהר פאטערס א שוועסטער, מיט וועמען זי האט אמאל פארבראכט עטליכע אייניזאמע יאהר אין פאקראווסקאיע. זי האט געהייסען מארפא טימאפעיעוונא פעסטאווא. זי האט גע'שמ'ט פאר אביסעל א צודרעהטער, געהאט א פעסטען כאראקטער, געזאגט אלעמען דעם אמת אין די אויגען און באטש קיין נגידת'טע איז זי ניט געוועזען, האט זי זיך געהאלטען, ווי זי וואלט געהאט טויזענדער. דעם פארשטארבענעם קאליטינען האט זי ניט געקענט סובל זיין, און ווי נאר איהר פלימעניצע האט מיט איהם חתונה געהאט, איז זי אוועק צו זיך אין דארף און האט דארט אפגעוואוינט צעהן גאנצע יאהר ביי א פויער ערגעץ אין א כאטקע אהן א קוימען. מאריא דמיטריעוונא פלעגט אונטערציטערן פאר איהר. א קליינינקע, א שווארצינקע מיט א פארשפיצטען נעזעל פלעגט מארפא טימאפעיעוונא לעבעדיג זיך באוועגען, שטעהען גלייך ווי א סטרונע, רעדען גיך און קלאר מיט א דין קלינגענדיג קול'כעל. שטענדיג האט זי געטראגען א ווייסע הויב און א ווייסע קאפטע.

— וואס איז? — האט זי פלוצלונג א פרעג געטאן מאריא דמיטריעוונא. — וואס זיפצסטו עפעס, מאמע מיינע?

— אזוי, האט יענע א זאג געטאן. — ס'ארא וואונדערבארע וואלקענס.

— האסטו אויף זיי רחמנות, צי וואס?

מאריא דמיטריעוונא האט גאר ניט געענטפערט.

— פארוואס קומט עפעס ניט געדעאנאווסקי? — האט מארפא טימאפעיעוונא א זאג געטאן, און שנעל געדרעהט מיט

די דריטלאך ((זי האָט געשטריקט א גרויסען וואָלענעם שאַרף).
— ער וואָלט דיר אונטערגעהאָלפען זיפצען — אַניט וואָלט ער אזוי עפּעס אפּגעטאָקט.

— שטענדיג רעדט איהר פון איהם צו בייזען! סערגעי פּעטראָוויטש איז א בכבוד'יגער מענש.

— א בכבוד'יגער — האָט די אַלטינקע איבערגע'חזר'ט מיט א פאָרוואורף.

— ער איז דאָך אזוי געטריי געווען מיין מאַן, עליו השלום!
— האָט מאַריא דמיטריעוונא א זאָג געטאָן. ער היום קען ער נאָך גלייכגילטיג איהם ניט דערמאָנען.

— אודאי! ער האָט דאָך איהם פאר די אויערן פשוט פון דער בלאָטע ארויסגעשלעפּט, — האָט מארפא טימאָפעיעוונא א בורטשע געטאָן, און די דריטלאך האָבען זיך נאָך שנעלער צו־טאַנצט אין איהרע הענט.

— קוקט אויס ווי א צדיק א גאַנצער, — האָט זי נאָך אַמאָל אָנגעפאַנגען, — קיין שפּרינקעלע ניטאָ אויף איהם, עפּענט ער אבער דאָס מויל, גליטשט זיך באלד ארויס א ליגען אדער עפּעס א רכילות. און דאָס איז נאָך א שטאַטסקי סאָוועטניק! דערצו נאָך א גלח'ס א זוהן!

— ווער־זשע זינדיגט ניט אויף דער וועלט, מוהמעניו? אמת, ער האָט טאקע אָט די שוואכקייט. סערגעי פּעטראָוויטש האָט קיין ערציהונג ווירקליך ניט געקראָגען, קיין פראנצויזיש קען ער ניט רעדען אבער, ווי איהר ווילט זיך, אַן אנגענעהמער מענש איז ער.

— יא, ער לעקט דאָך ביי דיר אַלץ דאָס הענטעל. ער רעדט ניט קיין פראנצויזיש, — אזא'ן אומגליק! איך אליין בין אויך ניט אזא בקי אין דעם לשון. הלואי וואָלט ער בעסער עפּעס אנ־דערש ניט גערעדט: הלואי וואלט ער ניט געליייגט. נאָר אָט איז ער, געווען משיח'ן דערמאָנען, — האָט מארפא טימאָפעיעוונא צוגעלעגט, א קוק טוענדיג אין גאַס. — אָט שפּאַנט ער, דיין אנ־גענעהמער מענש. ס'אַרא לאַנגער, ווי א בושעל!

מאַריא דמיטריעוונא האָט אביסעל צוגעקאַמט איהר לאָ־

קען. מארפא טימאָפעיעוונא האָט א קוק געטאָן אויף איהר מיט א שמייכעל.

— וואס איז דאָס דארטען ביי דיר, שוין א גרויע האָר, מאַמע מיינע? זאלסט אָפּגעבען א פסק דיין פאלאשקען. וואס טראכט זי זיך?

— שטענדיג זוכט איהר זיך גאָר, מוהמעניו, שטענדיג... — האָט מאריא דמיטריעוונא א בורטשע געטאָן מיט פארדרוס און האָט אָנגעפאנגען צו קלאפּען מיט די פינגער איבער דעם פּאַרענטש פון שטוהל.

— סערגעי פּעטראָוויטש געדעאָנאָווסקי — האָט אויסגעפישטשעט א רויטינקער קאזאקעל, וואס איז ארויסגעשפּרונגען פון הינטער דער טיר.

2

עס איז אריינגעקומען א הויכער מאן אין א נעטען פראק, מיט קורצינקע, שמאָלינקע הויזען, גרויע זאמשענע הענטשקעס און צוויי שניפּסלאך — איינס א שווארץ פון אויבען, דאָס צווייטע א ווייס פון אונטען. פון אלעם אויף איהם האָט געאָטעמט מיט אנשטענדיגקייט און ארטינקייט, פון זיין שעהנעם פּנים און גלאַטינג־פּארקאמטען קאָפּ ביז די שטיוועל אָהן קנאפּעל און אָהן סקריפּ. ער האָט זיך פארנייגט פריהער פאר דער באַלעבאָסטע, דערנאָך פאר מארפא טימאָפעיעוונא, און, פּאמעלאך אראָפּציהענדיג די הענטשקעס, האָט ער זיך א לאָז געטאָן צום הענטעל פון מאריא דמיטריעוונא. א קוש געטאָן דאס מיט דרך־ארץ און צוויי מאָל איינס נאָכ'ן אנדערן, האָט ער זיך אוועקגעזעצט ניט־איילענדיג אויף א שטול, מיט א שמייכעל א רייב געטאָן די סאמע שפּיצען פון די פינגער און א זאָג געטאָן:

— און וואָס מאכט עפּעס יעליזאַוועטא מיכאילאָוונא, געזונד?

— יא, — האָט מאריא דמיטריעוונא געענטפערט, — זי איז אין סאָד.

— און יעלענא מיכאילאָוונא?

— לענאטשקא איז אויך אין סאַד. ס'איז דאָ אפשר עפּעס נײַס?

— אודאי, אודאי איז דאָ, — האָט דער גאסט געענטפערט און פאמעלאך א פּאָר געטאָן מיט די ליפּען אהער און אהין. — הם! אָט האָט איהר א נײַס, טאקע א חדוש'ליכע: פעאָדאָר איוואַנאָוויטש לאַווּרעצקי איז געקומען.

— פעדיאַ? — האָט מארפא טימאָפעיעוונא אויסגעשריען.

— טאָקסטו, טאַטע מײַנער, דאָ איצטער ניט אָפּ קײַן ליגען?

— ניין, איך האָב איהם אַליין געזעהן.

— נו, דאס איז נאָך ניט קײַן באווייז.

— זיי זיינען זעהר געזונד געווארען, — דערצעהלט גע־דעאָנאָווסקי ווייטער, ווי ער האָט כלומר'שט ניט איינגעהערט מארפא טימאָפעיעוונא'ס באמערקונג. — די פּלייצעס זיינען ביי זיי אביסעל ברייטער געווארען און דאָס פּנים רויט.

— געזונטער געווארען, — האָט מאריא דמיטריעוונא צוצוי־גען די ווערטער: — פון וואס, מאָלט אייך, האָט ער געקענט גע־זונטער ווערען?

— נו, יא, — האָט גערעאָנאָווסקי געענטפערט: — אן אנ־דערער אויף זיין פּלאַץ וואלט זיך אפילו געשעמט די נאָז ארויס־צושטעקען.

— פארוואס עפּעס? — האָט מארפא טימאָפעיעוונא אי־בערגעשלאָגען; — וואס איז דאָס פאר אן אונזין? א מענש קומט צוריק א היים — וואוהין דען וואָלט איהר איהם באפוילען אוועק? גלייך ווי ער וואָלט עפּעס א מעשה פארשטופּט!

— דער מאן, מיט רעספּעקט צו מעלדען, איז שטענדיג שול־דיג, מאדאם, ווען זיין פרוי פיהרט זיך אויף ניט־גוט.

— אָט דאָס, טאַטע מיינער, זאָגסטו דערפאר, וואָס דו האָסט קיינמאָל ניט חתונה געהאט. — געדעאָנאָווסקי האָט ניט ווילענ־דיג א שמייכעל געטאָן.

— ענטשולדיגט מיין נייגעריגקייט, — האָט געדעאָנאָווסקי זיך אָנגערופען נאָך א קורצער פּאוזע, — וועמען איז באשערט אזא זיסינקער שארף?

. . . .

מארפא טימאפעיעווגא האט אויף איהם געווארפען א שנעלען בליק.

— ער איז באשערט דעם, — האט זי געענטפערט: — ווער ס'טרייבט קיינמאל ניט קיין רכילות, וואס ביטרעוועט ניט און לייגט ניט, אויב ס'איז נאר דא אזא מענש אויף דער וועלט. פעדיא'ן קאן איך גוט; שולדיג איז ער נאר דערמיט, וואס ער האט צופיעל צולאזען זיין פרוי. יא, און חתונה געהאט האט ער אויס ליעבע, און פון אט די ליעבעס קומט קיינמאל קיין גוטס ניט ארויס, — האט די אלטינקע צוגעלעגט, א קרומען קוק גע־טאן אויף מאריא דמיטריעוונא און איז אויפגעשטאנען. — און איצטער, טאטע מיינער, שארף די צייהנדעלאך אויף וועמען דו ווילסט, אפילו אויף מיר אליין; איך געה אוועק און וועל ניט שטערען. — און מארפא טימאפעיעוונא איז אוועק.

— אזוי איז זי שטענדיג, — האט מאריא דמיטריעוונא א זאג געטאן און זי באגלייט מיט די אויגען: — שטענדיג!

— די יאהרען זייערע! וואס קען מען העלפען! — האט געדעאנאווסקי באמערקט. — אט, למשל, האבען זיי געזאגט: ווער עס ביטרעוועט ניט. אבער ווער ביטרעוועט ניט היינטיגע צייטען? איינער א באקאנטער מיינער, א זעהר בכבוד'יגער מענש און, לאם איך אייך זאגען, טאקע א הויכער באאמטער אויך, פלעגט שטענדיג זאגען: היינטיגע צייטען, זאגט ער, רוקט זיך א הון צום קערענדעל, זאגט ער, אויך מיט חכמה — אלע פרוא־ווען צוקומען פון דער זייט. און איהר, מאדאם, האט דאך באמת א מלאך־הארץ; גיט מיר, איך בעט אייך, אייער שנעה־ווייסע הענטעלע.

מאריא דמיטריעוונא האט א שמייכעל געטאן, אויסגעצויגען צו געדעאנאווסקי'ן איהר אנגעבלאזענע האנט, מיט'ן פיפטען פינ־גערעל אפגעטיילט. ער האט צוגעלעגט זיינע ליפען צו איהר; זי האט אביסעל צוגערוקט איהר שטול צו איהם, זיך קוים־קוים איינ־געבויגען און שטיל א פרעג געטאן:

— האט איהר איהם טאקע געזעהן? און זעהט ער טאקע באמת אויס ניש־קשה, געזונד, פרעהלאך?

— פרעהלאך, ניש־קשה, — האָט נערעאָנאָוואָסקי קוים ארויס־געשושקעט.

— און איהר האָט ניט געהערט וואו זיין ווייב איז איצטער?

— די לעצטע צייט איז זי געווען אין פאריז; איצט, זאגט מען, איז זי אפגעפאָרען קיין איטאליען.

— פעדיא׳ס לאגע איז באמת שרעקליך; איך וויים גאר ניט, ווי ער וועט דאָס אלעס אריבערטראגען. ביי יעדען טרעפט א מאָל אן אומגליק, איהם האָט מען אבער פובליקירט איבער גאנץ אייראָפּא.

נערעאָנאָוואָסקי האָט א זיפץ געטאָן.

— יא, יא. מען זאָגט דאָך, אז זי האָט זיך דארט ארומגע־פיהרט מיט ארטיסטען און פיאניסטען און ווי מען רופט זיי דאָר־טען, מיט לייבען און מיט חיות רעות. גאר די חרפה פארלאָרען...

— א רחמנות, א גרויס רחמנות, — האָט מאריא דמיטריעוו־נא א זאָג געטאָן: — פארט א קרוב; ווייסט איהר, סערגעי פעט־ראוויטש — ער איז דאָך מיינער א גליד־גליד געשוועסטערקינד.

— אודאי, אודאי. ס׳הייסט איך׳ל ניט וויסען, וואס ס׳איז שייך צו אייער פאמיליע? וואס רעדט איהר?

— ווי מיינט איהר, ער וועט קומען צו אונז?

— ס׳קען זיין, און אפשר, זיי קלייבען זיך אפפאָהרען צו זיך אין דאָרף אריין.

מאריא דמיטריעוונא האָט אויפגעהויבען די אויגען צום הי־מעל.

— אך, סערגעי פעטראוויטש, סערגעי פעטראוויטש, אז איך דערמאָן זיך, ווי אזוי מיר, פרויען, דארפען זיך פאָרזיכטיג אויפ־פיהרען!

— ניט אלע פרויען זיינען גלייך, מאריא דמיטריעוונא. צום אומגליק זיינען דאָ אזעלכע, וואס האָבען ניט קיין פעסטען כאראק־טער.. נו אין די יאָהרען: און ווייעדער, קיין דרך ארץ האָט מען זיי קליינערהייד ניט געלערענט. (סערגעי פעטראוויטש האָט פון קעשענע ארויסגענומען א קליין געקעסטעלט טיכעלע און דאָס פאַ־מעלאך צונומען). — אזעלכע פרויען זיינען, פארשטעהט זיך, דאָ. (סערגעי פעטראוויטש האָט צונעטוליעט א ווינקעל פונ׳ם טיכעלע

פריהער צו איין אויג, נאָכדעם צום צווייטען). נאָר אין אַלגע־מיין גערעדט, ווען מען טראַכט זיך אריין, דאָס הייסט... דער שטויב אין שטאָדט איז מסוכן, — האָט ער געענדיגט.

— Maman, Maman, — האָט א געשריי געטאָן א שעה־נינקע עלף־יאהריגע מיידעלע, ארייגלויפענדיג אין צימער: — אָט פאָהרט צו אונז וולאדימיר ניקאָלאיעוויטש, רייטענדיג פאָהרט ער!

מאריא דמיטריעווגא האָט זיך אויפגעהויבען; סערגעי פעט־ראוויטש איז אויך אויפגעשטאַנען און האָט זיך פארנייגט. — אה, יעלענא מיכאילאָוונא, וואס מאכט איהר עפּעס? — האָט ער א זאָג געטאָן, איז אוועק אין א ווינקעל, צוליעב דרך־ארץ און דאָרט אָנגעפאנגען צו שנייצען זיין לאַנגען אָפּגעטאָקטען נאָז.

— ס'אָרא טייער פערדעל ער האָט! — האָט דאָס מיידעלע ווייטער גערעדט. — ער איז נאָר וואס געוועזען ביי דער פאָרטקע און מיר מיט ליזאָ'ן געזאָגט, אז ער פאָהרט אונטער צום גאַניקעל!

עס האָט זיך דערהערט א געראויש פון קאָפּיטעס; א שלאַנ־קער רייטער אויף א שעהנעם ברוינעם פערד האָט זיך באוויזען אין גאס און האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים אָפענעם פענסטער.

3.

— א גוטען אווענט, מאריא דמיטריעווגא! — האָט דער רייטער אויסגעשריען מיט א קלינגענדיגער, אנגענעהמער שטימע.

— ווי געפעלט אייך עפּעס מיין נייע מציאה?

מאריא דמיטריעווגא איז צוגעגאנגען צום פענסטער.

— א גוטען אווענט וואָלדעמאר! אך, ס'אָרא פיינער פערד! ביי וועמען האָט איהר איהם געקויפט?

— ביים מיליטערישען פערד־איינברעכער... א מטמון מיט גאָלד האָט ער צוגענומען, דער גזלן.

— ווי רופט מען דעם פערד?

— אָרלאַנד... נאָר דאָס איז עפּעס א נארישער נאָמען. איך וויל איהם איבערבייטען.. . Eh bien, eh bien, mon garcon. ס'אָרא אונרוהיגער ער איז!

דער פערד האט געפארסקעט, איבערגעשפאנט פון איין פוס אויף דעם צווייטען און געטרייסעלט מיט דער פארשוימטער מארדע.

— לענאטשקא, גיט איהם א גלעט, האט קיין מורא ניט...

דאס מיידעלע האט ארויסגעשטעקט איהר הענטעל דורכ'ן פענסטער, נאר ארלאנד האט זיך פלוצלונג א שטעל געטאן אויף די הינטערשטע קאפיטעס און האט זיך א ווארף געטאן אן א זייט. דער רייטער איז דערפון גיט נתפעל געווארען; ער האט איהם א ציה געטאן ביים צוימעל און א שמיץ געטאן מיט'ן בייטשעל איבער'ן האלדז און, ניט קוקענדיג אויפ'ן פערד'ס עקשנות, האט ער איהם דאך אוועקגעשטעלט צוריק נעבען פענסטער.

—Prenez garde, Prenez garde,— האט מאריא דמיטריעוונא געהאלטען אין איין ווידערהאלען.

— טוט איהם א גלעט, לענאטשקע, — האט דער רייטער גערענטפערט. — איך'ל איהם ניט לאזען אייך עפעס טאן.

דאס מיידעלע האט נאך א מאל ארויסגעשטרעקט די האנד און שרעקענדיג א ריהר געטאן די ציטערנדע נאזדרעס פון ארלאנדען, וואס האט געהאלטען אין איין ציטערן און אלץ געריסען דאס צוימעל.

— בראוואָ! — האט מאריא דמיטריעוונא א געשריי געטאן, — און איצט קריכט אראפ פונ'ם פערד און קומט אריין צו אונז.

דער רייטער האט וואוילעריש א דרעה געטאן דאס פערד, איהם א דריק געטאן מיט די שפארען, זיך א לאז געטאן מיט א דריבנעם גאלאפ איבערן גאס און אריין אין הויף. אין א מינוט ארום איז ער אריינגעלאפען פונ'ם פארצימער אין גאסט-צימער, פאכענדיג מיט'ן בייטשעל; אין דער זעלבינער צייט איז דורך א צווייטער טיר אריין א שלאנקע, הויכע, שווארץ-חן'עוודיגע מיידעל פון א יאהר ניינצעהן, — מאריא דמיטריעוונא'ס עלטערע טאכטער, ליזא.

.4

דער יונגערמאַן, מיט וועמען מיר האָבען נאָר־וואָס באקאנט דעם לעזער, האָט געהייסען וולאַדימיר ניקאָלאַיעוויטש פּאַנשין. ער האָט געדיענט אין פּעטערבורג אין דעם מיניסטעריום פון אינער־ליכע אנגעלעגעהייטען, באַשעפטיגט זיך דאָרטען מיט ספּעציעלע ענינים. אין דער שטאָדט א. . . איז ער געקומען צוליעב א צייט־ווייליגען רעגיערונגס־אויפטראַג און איז געווען אינ׳ם רשות פונ׳ם גובערנאטאָר, גענעראַל זאָנענבערג, טאקע זיינער עפּעס א ווייטער קרוב. פּאַנשין׳ס פאָטער, א געוועזענער שטאַב־ראטמיסטער, א באוואוסטער קאָרטען־שפּיעלער, א מענש מיט זיסע אויגען, א גע־קנייטשטען פּנים, מיט א נערוועזער ציטערניש אין די ליפּען, האָט זיך אלע זיינע יאָהרען געריבען צווישען די פּני, געווען אַן אָפטער אריינגעהער אין די ענגלישע קלובען פון ביידע הויפּט־שטעדט און האָט גע׳שם׳ט פאר א פעהיגען, ניט זעהר קיין געשטעלטען, נאָר וואוילען חברה־מאַן. מיט אלע זיינע פעהיגקייטען איז ער, פונ־דעסטוועגען, שטענדיג געווען אויף צרות, כמעט אַן ארימאַן; זיין בן־יחיד האָט ער איבערגעלאָזען א קליינע בעל־הבית׳ישקייט, וואָס האָט זיך געהאלטען אויף הינערשע פיסלאך. דערפאַר האָט ער זעהר פיעל געזאָרגט, לויט זיין השגה, פאַר׳ן זוהן׳ס ערציהונג: וולאַדימיר ניקאָלאַיעוויטש אָט זעהר גוט גערעדט פראַנצויזיש, ניש־קשה׳דיג ענגליש און קוים־קוים דייטש. אזוי דאַרף טאקע זיין: לייטישע מענשען שעמען זיך צו קענען ריי־דען גוט דייטש. אמאָל, ביי א ציקאווער געלעגענהייט — מעג מען. C'est meme tres chick, ווי עס דריקען זיך אוים די פּעטער־בורגער פראַנצויזען. וולאַדימיר ניקאָלאַיעוויטש האָט שוין ביי פופצעהן יאָהר געקענט אריינקומען אין יעדען קלוב, לחלוטין ניט צוטומעלט ווערען, גאַנץ וואוילעריש אביסעל זיך ארומדרעהען און ארויסגעהן אין צייט. פּאַנשין׳ס פאָטער האָט באזאָרגט זיין זוהן מיט א ברייטער באקאנטשאפט; צווישען איין קאָן און דעם צווייטען, ביי די קאָרטען אָדער נאָך א געלונגענעם איינפאל, האָט ער קיין איין געלעגענהייט ניט דורכגעלאָזט אריינצוּוואַרפען א גוט וואָרט פאַר זיין „וואָלאָדקען“ צו עפּעס א וויכטיגער פּער־

זענליכקייט, וואָס איז א ליעבהאָבער פון קאָמערציעלע שפּילען.
וולאדימיר ניקאָלאיעוויטש האָט זיך אליין באקאנט, בעת ער האָט
נאָך געלערענט אין אינוווירזיטעט, פון וואנען ער איז ארויס מיט׳ן
טיטול פון א ווירקליכען סטודענט, מיט עטליכע יונגע מיוחסים
און איז געוואָרען אן אריינגעזהער אין די פאָרנעהמסטע הייזער.
איבעראל האָט מען איהם צופריעדען אויפגענומען; געוועז איז
ער ניט קיין מיאוסער, א צוגעלאָזענער און א פרעהליכער, שטענדיג
געזונד און גרייט אויף אלעס; וואו מען האָט געדארפט — א
בעל דרך ארץ, וואו מען האָט געקענט א חוצפה׳ניק, אן אויסגע־
צייכענטער חבר, מיט איין וואָרט "Un Charmant Garcon"
די הייליגע טויערען האָבען זיך פאר איהם צועפענט. פאנשין האָט
שנעל טופס געוועזן דעם סוד פון דער וועלטליכער וויסענשאפט.
עס האָט זיך איהם איינגעגעבען אריינצוזאפּען אלע איהרע דינים,
ער האָט געקענט מיט א האלב־סארקאסטישען ערנסט זיך באשעפ־
טיגען מיט א נעכטיגען טאָג און צייגען דערביי, אז ביי איהם
איז אלעס וויכטיגעס באמת א נעכטיגער טאָג. געטאנצט האָט
ער אויסגעצייכענט און געקליידט האָט ער זיך ווי אן ענגלענדער.
נאָך אין א קורצער צייט איז ער פאר׳שם׳ט געוואָרען פאר איינעם
פון די ליעבליכסטע און פעהיגסטע יונגע לייט אין פעטערבורג.
פאנשין איז ווירקליך געוועזן זעהר פעהיג, — ניט ערגער פונ׳ם
פאָטער: נאָר ער איז געוועזן פיעל מעהר באגאבט. אלעס האָט
זיך איהם איינגעגעבען: ער האָט געזונגען זיס און קרעפטיג גע־
מאָהלען, געשריעבען ליעדער און גאָר ניט שלעכט געשפּיעלט אויף
דער ביהנע. צו אכט־און־צוואנציג יאָהר איז ער שוין געוועזן א
קאמער־יונקער און האָט שוין געהאט א גאנץ ניש־קשה׳דיגען ראנג.
פאנשין האָט שטארק געגלויבט אין זיך, אין זיין חכמה, אין זיין
טיעפען און וווייט־אריינדרינגענדען בליק; ער האָט מאַרשירט פאָר־
ווערטס זיכער און פרעהליך, מיט׳ן פולען אימפּעט; זיין לעבען
האָט זיך געגליטשט ווי אויף פוטער. ער האָט זיך איינגעוועהנט
אלעמען צו געפעלען, אלט און יונג, און האָט געקלערט, אז ער קען
מענשען, ספּעציעל פרויען: ער האָט גרונטליך געוואוסט אלע זייערע
געוועהנטליכע שוואכקייטען. אלס א מענש, וועמען קונסט איז
ניט פרעמד, האָט ער באזעסען א געוויסע מאָס היץ, ענטוזיאזם,

התפעלות און דערפאר האט ער זיך ערלויבט אביסעל אפצואווענ־
דען פונ׳ם אויסגעטראטענעם וועג: מאכען א לחיים, זיך באַ־
קענען מיט מענשען ניט פון דער „געזעלשאפט“, און, בכלל, האט
ער זיך געהאלטען פריי און איינפאך; אין הארצען איז ער אבער
געווען אייז־קאלט און כיטרע, און אינ׳ם סאמע ברען פון דער
טומעלדיגסטער הוליאנקע, האט זיין קלוג גרוי אויגעל אלץ גע־
וואכט און נאכגעשפירט. אט דער אומערשראקענער, אט דער
פרייער איינגעל האט קיינמאל זיך ניט געקענט פארגעסען, קיינמאל
ניט געקענט אריינגעשלעפט ווערען אינ׳ם שטראם פון התפעלות.
צו זיין עהרע מוז מען זאגען, אז ער האט זיך קיינמאל ניט באַ־
ריהמט מיט זיינע נצחונות. מיט דער פאמיליע פון מאריא דמיט־
ריעוונא איז ער באקאנט געווארען באלד ווי ער איז אנגעקומען אין
דער שטאדט א . . ., און איז דארט באלד געווארען היימיש. מאריא
דמיטריעוונא איז אין איהם גאר פארקאכט געווארען.

פאנשין האט זיך ליעבליך באגריסט מיט אלע אנוועזענדע
אין צימער, געדריקט די האנט אי מאריא דמיעטריעוונא׳ן אי
יעליזאוועטא מיכאילאוונא׳ן, פריינדליך א קלאפ געטאן אין פלייצע
געדעאנאווסקי׳ן, זיך וואוילעריש א דרעה געטאן אויף די קנאַ־
פעל, א כאפ געטאן לענאטשקען ביים קעפעלע, אונטערגעהויבען
זי אביסעל און איהר א קוש געטאן אין שטערן.

— און איהר האט גאר קיין מורא ניט צו פאהרען אויף אזא
ווילדען פערד? — האט מאריא דמיטריעוונא איהם א פרעג געטאן.

— וואס רעדט איהר! ער איז דאך א שטילינקער; מורא
האב איך נאר פאר איין זאך: איך האב מורא צו שפיעלען פרע־
פעראנס מיט סערגעי פעטראוויטשען; נעכטען האט ער מיך ביי
די גאליצינס אין הויז אינגאנצען אויסגעבייטעלט.

געדעאנאווסקי האט זיך צולאכט מיט א דריבנינקען און
אונטערטעניגען געלעכטערעל: ער האט זיך גע׳חנפ׳עט צום יונ־
גען גלענצענדען פעטערבורגער באאמטען, דעם גובערנאטאר׳ס
ליעבלינג. אין זיינע געשפרעכען מיט מאריא דמיטריעוונא׳ן פלעגט
ער אפט דערמאנען פאנשין׳ס גלענצענדע פעהיגקייטען. סטייטש
פארוואס, האט ער גע׳חקירה׳ט, פארוואס זאל מען איהם ניט
ליובען? דער יונגערמאן איז אי ערפאלגרייך אין, דער העכסטער

געזעלשאפט, אי ער טוט זיין ארבייט בשלומות, אי ער האָט ניט קיין טראָפּען גאוה. אגב, פאנשינ׳ען האָט מען אויך אין פעטער־בורג גערעכענט פאר א פעהיגען באַאַמטען: די ארבייט האָט גע־ברענט אונטער זיינע הענט; ער האָט גערעדט טאקע וועגען איהר מיט א שפאס, ווי עס פּאסט פאר א וועלטליכען מענשען, וואָס גיט ניט צו קיין ספּעציעלע באדייטונג זיין אייגענער ארבייט, אָבער ער איז געווען א „טוער“. די באַאַמטע האָבען ליעב אזעלכע ארויסהעלפער. ער אליין האָט ניט געצווייפעלט אז ווי באלד איהם וועט זיך נאָר פארגלוסטען, וועט ער מיט דער צייט ווערען א מיניסטער.

— איהר האָט נאָר־וואָס באווירדיגט צו זאגען, אז איך האָב אייך אויסגעבייטעלט, — האָט גערעדאָנאָווסקי א זאָג געטאָן: — און ווער האָט ביי מיר ערשט יענע וואָך געוואונען צוועלף רובעל? און נאָך...

— בזלן, גזלן, — האָט פאנשין איהם איבערגעשלאָגען מיט א ליעבליכער און קוים־קוים באמערקבארער נאכלעסיגקייט, האָט אויף איהם אפילו ניט א קוק געטאָן און גלייך צוגעגאנגען צו ליזא׳ן.

— איך האָב דאָ ניט געקענט געפינען אבערסאָן׳ס אוווערטיור־רע, — האָט ער אָנגעפאנגען: — בעליצינא האָט זיך נאָר באַ־ריהמט, אז ביי איהר איז דאָ די גאנצע קלאסישע מוזיק, — באמת האָט זי נאָר ניט אויסער פאָלקעס און וואלצען; נאָר איך האָב שוין געשריבען קיין מאָסקוואַ, און אין א וואך ארום וועט איהר קריגען אָט די אָווערטיורע. אגב, — האָט ער פאָרטגעזעצט, — איך האָב נעכטען אָנגעשריבען א נייעם ראָמאנס; די ווערטער זיינען אויך מיינע. אויב איהר ווילט וועל איך דאָס פאר אייך איבערזינגען. איך ווייס ניט, צי עס האָט זיך מיר איינגעגעבען; בעליצינא זאָגט אז דאָס איז אויסגעצייכענט, אָבער איהרע ווער־טער האָבען ניט קיין באדייטונג, — איך וויל וויסען אייער מיינונג. נאָר איך טראַכט אפשר איז בעסער שפּעטער...

— פאר וואס שפּעטער? האָט זיך מאריא דמיטריעווונא ארייגעמישט: — פאר וואס ניט איצטער?

— איך בין מרוצה, — האָט פאנשין א זאָג געטאָן מיט עפּעס א ליכטיג און זיס שמייכעלע, וואס האָט זיך באוויזען און פאר־

שוואונדען פלוצלונג — צוגערוקט מיט'ן קניע דאָס פיאנא־בענקעל, ויך אוועקגעזעצט נעבען דער פיאנא, א נעהם געטאָן עטליכע אקאָר־דען און אָנגעפאנגען צו זינגען דעם פאלגענדען ראָמאנס, אָפּ־טיילענדיג דייטליך יעדעס וואָרט:

אין הימעל פון אויבען שווימט רוהיג
אויף וואלקענדלאך־בלאס די לבנה.
א כישוף־שטראהל איהרער באוועגט דאָך
א כוואליע, וואס רוישט אין די ימים.

דו ביסט די לבנה פון ימים,
וואס רוישען אין הארצען אין מיינעם.
דו ברויזט אויף אליין אין מיר שטענדיג
די פריידען און ליידען פון הארצען.

עס בענקט מיין נשמה נאָך ליעבע,
עס ברויזען דאָרט האָפנונגען שטומע...
נאָר דו ביסט געלאסען און רוהיג
ווי אויבען די בלאסע לבנה.

דעם צווייטען פערז האָט פאנשין דורכגעזונגען מיט נאָר אַן אנדער אויסדרוק און קראפט; אינ'ם שטורעמדיגען אקאמפאני־מענט האָט מען געקענט הערען דאָס רוישען פון כוואליעס. נאָך די ווערטער: „עס ברויזען דאָרט...", האָט ער א לייכטען זיפץ געטאָן, אראפגעלאָזט די אויגען און גענידערט די שטימע אין א מארענדא.*) ווען ער האָט געענדיגט, האָט ליזא אונטערגעכאפּט די מעלאָדיע, מאריא דמיטריעוונא האָט א זאָג געטאָן: אויסגע־צייכענט, — און גערעאָנאָווסקי האָט אפילו אויסגעשריען: — ענטציקענד! אי די פּאָעזיע, אי די הארמאָניע,ביידע ענטצי־קענד! — לענאטשקא האָט מיט א קינדערשען יראת־הכבוד א קוק געטאָן אויפ'ן זינגער. מיט איין וואָרט, אלע אנוועזענדע איז זעהר געפעלען געווארען די ארבייט פונ'ם יונגען דילעטאנט;

*) א מין שטילען גוסס'ען.

נאָר הינטער דער טיר פונ׳ם גאַסט־צימער איז געשטאַנען אַן אַל־טער מאַן, וועמען פאַנשין׳ס ראָמאַנס, הגם אזא זיסינקער, איז ניט געפעלען געוואָרען; דאָס האָט מען געקענט זעהען אויפ׳ן אויסדרוק פון זיין אראפגעלאָזטען פּנים און אויף זיין צוקען מיט די אַקסעל. ער האָט זיך אויף א רגע אפּגעשטעלט, אפּגעטריי־סעלט דעם שטויב פון זיינע שטיוועל מיט א גראָב נאָז־טיכעל, פאַר־בלויזט די אויגען, שטרענג צוזאַמענגעפּרעסט די ליפּען, איינגעבוי־גען זיין, אזוי אויך סטולעוואַטע פּלייצע, פּאַמעלאַך זיך אריינ־געשאַרט אין גאַסט־צימער.

— א! כריסטאָפאָר פעדאָריטש, א גוטען אָוועגט! האָט פאַנשין פריהער פאַר אַלעמען אויסגעשריען און האָט זיך שנעל א הויב געטאָן פונ׳ם בענקעל.

— ס׳האָט זיך מיר אפילו ניט גע׳חלומ׳ט, אז איהר זענט דאָ, — פאַר אייך וואָלט איך בשום אופן ניט געוואָגט צו זינגען מיין ראָמאַנס. איך וויים, איהר זענט א קליינער בעלן אויף גרינגע מוזיק.

— יא נע סלושיל,* — האָט דער אריינגעקומענער מאַן גע־ענטפערט אין א זעהר שלעכטען רוסיש, פאַרנייגט זיך פאַר אַלע־מען און איז עפּעס אומגעשיקט געבליבען שטעהן אין מיטען צי־מער.

— מוסיע לעמם, האָט מאַריא דמיטריעוונא א זאָג געטאָן, — איהר זענט געקומען געבען א מוזיק־לעקציע ליזא׳ן?

— ניין, ניט ליסאַפעטא מיכאַילאָוונא׳ן, נאָר עלען מיכאַי־לאָוונען.

— א! נו — זעהר גוט. לענאָטשקא, געה ארויף מיט׳ן הער לעמם.

דער אַלטער האָט זיך א לאָז געטאָן נאָכ׳ן מיידעלע, נאָר פאַנ־שין האָט איהם אָפּגעשטעלט.

— כריסטאָפאָר פעדאריטש, געהט ניט אוועק נאָך דער לעס־ציע, — האָט ער א זאָג געטאָן — איך מיט יעליזאַוועטא מיכאַי־לאָוונא׳ן וועלען שפּיעלען בעטכאָווענס סאָנאַטע אין פיער הענט.

---

*) איך האָב ניט געהערט.

דער אלטער האָט עפּעס א וואָרטשע געטאָן זיך אונטערן נאָז, און פאנשין האָט ווייטער גערעדט, שוין אויף דייטש, זעהר שלעכט ארויסרעדענדיג די ווערטער:

— יעליזאַוועטא מיכאילאָוונא האָט מיר געוויזען די הייליגע סאָנטאַטע, וואס איהר האָט איהר געשענקט, — א גלענצענדע שטיקעל ארבייט! איך בעט אייך, מיינט ניט, אז איך קען ניט אָפּשאַ־צען קיין ערנסטע מוזיק, — אדרבא: זי איז א מאָל אומעטיג, נאָר זעהר נוצליך.

דער אלטער איז רויט געווארען איבער די אויערן, א וואָרף געטאָן א קרומען קוק אויף ליזא'ן און איז שנעל ארויס פון צי־מער.

מאריא דמיטריעוונא האָט געבעטען פאנשינען נאָך אמאָל איבערזינגען זיין ראָמאנס; נאָר ער האָט געזאָגט, אז ער וויל ניט באַלעסטיגען דעם געלערנטען דייטש און האָט געבעטען ליזא'ן, אז זי זאָל אָנפאנגען בעטכאָווענס סאָנאטא. דעמאָלט האָט מאריא דמיטריעוונא א זיפץ געטאָן און געבעטען געדעאָנאָווסקי'ן אבי־סעל זיך דורכגעהן מיט איהר אין סאָד. — איך וויל, — האָט זי א זאָג געטאָן, — מיט אייך זיך אביסעל דורכרעדען און זיך אויס'עצה'ן אביסעל מכח אונזער אומגליקליכען פעדיא'ן. — גע־דעאָנאָווסקי האָט נאריש א שמייכעל געטאָן, זיך פארנייגט, האָט א נעם געטאָן צווישען צוויי פינגער זיין הוט מיט זיינע הענטשקעס, וואס זיינען זארגפעלטיג געלעגען אויפ'ן ראנד, און איז ארויסגע־גאנגען צוזאמען מיט מאריא דמיטריעוונא'ן. אין צימער זיינען געבליבען פאנשין און ליזא: זי האָט אפּגעזוכט די סאָנאטא און זי אוועקגעשטעלט אויפ'ן פיאנא; ביידע האָבען אָהן ווערטער זיך אוועקגעזעצט נעבען דער פיאנא. פונ'ם צווייטען עטאזש האָבען זיך דערטראָגען די שוואכע קלאנגען פון די גאממען, וואס לענאָטש־קעס אומגעאיבטע האנט האָט אויפגעשפּיעלט.

5.

כריסטאָפאר טעאָדאָר גאָטליעב לעמם איז געבאָרען געוואָרען איג'ם יאָהר 1786, אין דעם סאקסאָנער פירשטענטום, אין דער

שטאָדט כעמניץ ביי אָרעמע כלי־זמר. זיין פאָטער האָט געשפיעלט אויף קופערנע כלים, זיין מוטער — אויף א הארפע. צו אכט יאָהר איז ער געבליבען א יתום, און פון צעהן יאָהר אָן האָט ער שוין אָנגעפאנגען צו פארדיענען זיין שטיקעל ברויט דורך זיין קונסט. א לאנגע צייט האָט ער זיך ארומגעשלעפט, געשפיעלט אומעטום — אין טראקטירען, אויף ירידים, אויף פויערשע חתונות און אויף בעלער; ענדליך איז ער אריין אין אָן ארקעסטער און האָט געשטיגען אלץ העכער און העכער ביז ער איז געוואָרען דער קאפעלמייסטער. א שפיעלער איז ער געווען א גאנץ שלעכטער, אבער נאָטען האָט ער געקענט גרונטליך. צו אכט־און־צוואנציג יאָהר האָט ער זיך איבערגעקליבען קיין רוסלאנד. אריבער געבראכט האָט איהם א גרויסער פריץ, וואס האָט אליין קיין מוזיק ניט געקענט סובל זיין, נאָר האָט דאָך אויפגעהאלטען אָן אָרקעסטער צוליעב באריהמעריי. זיבען יאָהר האָט לעמם ביי איהם אפגעלעבט אלס קאפעלמייסטער, און איז נאָכדעם פון איהם אוועק מיט די ליידיגע הענט; דער פריץ איז רואינירט געוואָרען דורך שארלאטאנסטווא, געוואלט אין אָנפאנג איהם געבען א וועקסעל נאָר שפעטער האָט ער דאָס אויך ניט געטאָן, — מיט איין וואָרט, ער האָט איהם אפילו קיין גראשען ניט באצאָהלט. מען האָט איהם געראטען אבפאָהרען צוריק אהיים, האָט ער אבער ניט געוואָלט קומען קיין קבצן פון רוסלאנד, פון דער גרויסער רוסלאנד, וואָס איז א גאָלד־קוואל פאר אלע ארטיסטען; ער האָט באשלאָסען צו בלייבען און ווייטער פרובירען זיין מזל. צוואנציג יאהר נאָכדעם האָט דער אָרעמער דייטש אלץ פרובירט זיין מזל; געדיענט ביי פארשיעדענע פריצים, געוואוינט אין מאָסקווא, אין פראווינציעלע הויפט־שטעדט, געליטען און איבערגעטראגען מכות אכזריות, פארזוכט דעם טעם פון ארעמקייט און זיך געווארפען ווי א פיש אויפ'ן ברעג; נאר דער געדאנק זיך אומצוקעהרען אהיים האָט איהם שטענדיג געוואָרעמט אין אָט דער ביטערער קעלט; נאר אָט דער געדאנק האָט איהם צוגעגעבען חיות אלעס אריבערצוטראגען. ווייזט אויס, אז זיין מזל האָט איהם ניט געוואלט דערפרעהען אפילו מיט אָט דעם גליק אויך: צו פופציג יאָהר, קראנק און, פאר דער צייט פארעלטערט, איז ער פארקראכען אין דער שטאָדט א...

און שוין דארט אויף שטענדיג פארבליבען, אהן האפנונג ווען ס'ניט איז ארויסרייסען זיך פון דער פארפלוכטער רוסלאנד און קוים־קוים אונטערגעהאלטען זיין עלענדע עקזיסטענץ מיט'ן פארדיענסט פון מוזיק־לעקציעס. לעמם'ס אויסזעהען איז ניט געווען אנציהענד. ער איז געווען א ניעדעריגער און סטולעוואטער, מיט קרום־ארויסגעשטארצטע לאפעטקעס, מיט אן איינגעצויגענעם בויך, מיט גרויסע פלאכע פיס־טריט, מיט בלאס־בלויע נעגעל אויף די פאר־קליאקנעטע פון די, מיט אדערען אנגעצויגענע, הענט; דער פנים איז ביי איהם געווען געקנייטשט, די באקען איינגעפאלען, מיט די צוזאמענגעפרעסטע ליפען האט ער אלע מאל באוועגט, אפט זיי געביסען, דערצו איז ער נאך געווען א שווייגער בנאטור; דאס האט נאך דעם איינדרוק פארערגערט. זיינע גרויע קאלטענוואטע האר האבען איהם אריבערגעהאנגען איבער'ן שטערען; ווי נאר־וואס אבגעגאסענע הייסע קוילען, האבען זיינע קליינע אומבאוועג־ליכע אויגען שטום געצאנקט; שפאנען פלעגט ער שווער, אויף יעדען טריט ווי איבערווארפען זיין אומגעשיקטען קערפער. מאנ־כע באוועגונגען זיינע האבען דערמאנט דאס אומגעלומפערטע פוצען זיך פון א סאווע אין א שטייגעל, בעת זי פיהלט, אז מען קוקט אויף איהר און אליין קען זי קוים קוקען מיט איהרע גרויסע, געלע, שרע־קעדינע אויגען, וואס קלעפען זיך פון שלאף. דער פארעלטערטער אומדערבארעמדיקער וועהטאג האט ארויפגעלעגט זיין בולט'ן שטעמפעל אויפ'ן ארעמען כלי־זמר, האט איהם צוקרימט און העס־ליך געמאכט זיין, אזוי אויך צוהרעהטע, פיגור; נאר דער, וואס האט זיך ניט אבגעשטעלט אויף די ערשטע איינדריקען, האט גע־קענט זעהן עפעס גוטעס, ערענטליכעס און אויסערגעוועהנליכעס ארויסקוקען פון אט דעם האלב־צושטערטען נפש. אן אנהעננגער פון באך און הענדעל, א קענער אין זיין פאך, באגאבט מיט א לע־בעדינער איינבילדונגס־קראפט און מיט יענער דרייסטקייט פון גע־דאנק, מיט וועלכער נאר גערמאנען זיינען באשאנקען, וואלט לעמם מיט דער צייט — ווער ווייסט? — אפשר געווארען איינער פון די גרעסטע קאמפאזיטארס פון זיין פאטערלאנד, ווען דאס לעבען וואלט איהם געווען געפיהרט אויף אן אנדער וועג; נאר ער האט נעהאט א זעהר ביטער מזל! אין זיין לעבען האט ער א סך גע־

שריבען — איהם איז אבער ניט געלונגען ארויסצוגעבען אפילו איין זאך; ער האט ניט געוואוסט ווי זיך א נעהם טאן צו א זאך ווי עס באדארף צו זיין, זיך פארנייגען ווען מען דארף, צו־ארבייטען אין צייט. עפעס האט א מאל זיינער א פארעהרער און פריינד, אויך א דייטש און א קבצן, אויף זיין אייגענעם חשבון ארויסגעגע־בען לעמם׳ס צוויי סאנאטא׳ס — זיינען זיי אבער עד היום פאר־בליבען אין די קעלערען פון די מוזיק־קראמען; שטום און אהן א רושם זיינען זיי פארפאלען געווארען, אקוראט ווי עמיצער וואלט זיי אין טייך אריין אריינגעווארפען. לעמם האט ענדליך אויף אלעם א מאך געטאן מיט דער האנד; דערצו האט די צייט געטאן איהרס: ער איז פארהארטעוועט געווארען, פארהילצערט געווארען אקוראט ווי זיינע פינגער. אליין, מיט אן אלטער קעכין, וואס ער האט ער־נעץ געקראגען אין א הקדש (ער האט ניט חתונה געהאט), האט ער זיך אזוי געלעבט אין א קליינער שטיבעלע, ניט ווייט פון דעם קאליטין־הויז, אין דער שטאדט א...; ער פלעגט א סך שפאצי־רען, לייענען די ביבעל און א פראטעסטאנטישע זאמלונג פון תהילים, שעקספיער׳ס ווערק אין שלעגעל׳ס איבערזעצונג. ער האט שוין לאנג אליין גאר ניט פארפאסט; נאר, ווייזט אויס, ליזא, זיין בעסטע שילערין, האט איהם אביסעל צוטרייסעלט: ער האט פאר איהר אנגעשריבען א קאנטאטע, וועגען וועלכער פאנשין האט נאר־וואס גערעדט. די ווערטער צו דער קאנטאטע האט ער ענטנומען פון זיין תהילים־זאמלונג; אייניגע ליעדער האט ער אליין צו־געשריבען; די קאנטאטע האבען געזונגען צוויי כארען, — א כאר פון גליקליכע און א כאר פון אומגליקליכע; ביים סוף האבען זיי זיך פאראייניגעט און געזונגען צוזאמען: „גאר דערבארעמדינער! דערבארעם זיך איבער אונז זינדיגע און פארטרייב פון אונז אלע מחשבות רעות און ערדישע האפנונגען". אויפ׳ן שער־בלעטעל איז זעהר זארגפעלטיג געווען אנגעשריבען און אפילו צוגעצאצקעט: „נאר צדיקים זיינען גערעכט". „א הייליגע קאנטאטע". „פאר־פאסט און געווידמעט פריילין יעליזאוועטא קאליטינא, מיין ליעבער שילערין פון איהר לעהרער כ. ט. ג. לעמם". די ווערטער: „נאר צדיקים זיינען גערעכט" און „יעליזאוועטא קאליטינא" זיינען געווען ארומגערינגעלט מיט שטראהלען. אונטען איז געווען צוגע־

שריבען: „פאַר אייך אַליין, .Fur sie Allein‟ דערפאַר טאַקע איז לעמם רויט געוואָרען און אַזאַ קרומען בליק געוואָרפען אויף ליזאַ׳ן; עס האָט איהם פאַרקלעהמט ביים הארצען ווען פאַנשין האָט איהם אין די אויגען אנגעפאַנגען צו ריידען וועגען זיין קאָנ־טאַקטע.

6.

פאַנשין האָט הויך און ענטשלאָסען אַ נעהם געטאָן די ערשטע אַקאָרדען פון דער סאָנאַטע (ער האָט געשפּיעלט די צווייטע האַנט), נאָר ליזאַ האָט נאָך ניט געהאַט אנגעפאַנגען איהר אבטיילונג. ער האָט זיך אבגעשטעלט און אַ קוק געטאָן אויף איהר. ליזאַ׳ס אויגען, וואָס זיינען געווען געריכטעט גלייך אויף איהם, האָבען אויסגע־דריקט אונצופריעדענהייט; איהרע ליפּען האָבען ניט געשמיי־כעלט, דאָס פּנים איז געווען שטרענג, כמעט פאַארטרויערט.

— וואָס איז אייך? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

— פאַרוואָס האָט איהר ניט געהאַלטען אייער וואָרט? — האָט זי געזאָגט. — איך האָב אייך געצייגט כריסטאָפאָר פעדאָ־ריטשעס קאַנטאַטע אונטער דער באַדינגונג, אַז איהר זאָלט מיט איהם וועגען דעם ניט רעדען.

— חטאתי, ליזאַוועטאַ מיכאַילאָוונאַ, ס׳איז גראַד געקומען צו רייד.

— איהר האָט איהם מצער געווען און — מיך אויך. איצט וועט ער שוין צו מיר אויך קיין צוטרויען ניט האָבען.

— וואָס זאָל איך טאָן, יעליזאַוועטאַ מיכאַילאָוונאַ! פון די וויקעלאַך אָן קען איך ניט קוקען גלייכגילטיג אויף אַ דייטש: — עס טראַגט מיך פשוט אונטער איהם אַ רייץ צו טאָן.

— וואָס רעדט איהר, וולאַדימיר ניקאָלאַיעוויטש! אַט דער־דייטש איז אַן אָרעמער, עלענדער, דערשלאָגענער מענש — און איהר האָט אויף איהם גאָר קיין רחמנות ניט? איך גלוסט זיך איהם רייצען?

פאַנשין איז צוטומעלט געוואָרען.

— איהר זייט גערעכט ליזאַוועטאַ מיכאַילאָוונאַ, — האָט ער

אזאַג געטאָן. — שולדיג אין דעם איז מיין שטענדיגע אומבאַ־טראַכטקייט. ניין, חקירה׳ט ניט מיט מיר; איך קען זיך גוט. אַט די אומבאַטראַכטקייט האָט מיר א סך שלעכטס געטאָן. צוליעב איהר גנעדיגקייט בין איך פאַרשם׳ט געוואָרען אלס עגאָאיסט.

פאַנשין איז אנשוויגען געוואָרען. פון וואס ער זאָל ניט אָנ־פאַנגען א געשפּרעך, פלעגט ער איהם, געוועהנליך, ענדיגען וועגען זיך גופא און אויסגעקומען איז דאָס אזוי, ליעב וועיך, הארציג, אזוי ווי דאס וואלט געוועזן אומגערן.

— אַט נעהמט, למשל, אייער פאַמיליע, — האָט ער ווייטער גערעדט: — ביי אייער מאַמאשי האָב איך געפונען חן — זי איז דאָך אזא גוטע; ביי אייך... נאָר אייער מיינונג וועגען זיך ווייס איך ניט; דערפאר אבער קען מיך אייער מוהמעניו פשוט ניט סובל זיין. איך האָב זי מן הסתם אויך באַליידיגט מיט עפּעס א נאַריש אומבאַטראַכט וואָרט. זי האָט מיך דאָך פיינט, ניט אמת?

— יא, — האָט ליזא ארויסגערעדט, אביסעל שטאַמלענדיג. איהר געפעלט איהר ניט.

פאַנשין האָט שנעל א פיהר געטאָן מיט די פינגער איבער די פּיאַנאַ־ביינדלאך; א קוים באַמערקבארער שפּאָט האָט זיך אראָב־געגליטשט פון זיינע ליפען.

— נו, און איהר? — האָט ער א זאָג געטאָן: — איהר קוקט אויך אויף מיר ווי אויף אן עגאָאיסט?

— איך קען אייך נאָך זעהר ווינציג, — האָט ליזא געענט־פערט, — נאָר איך האַלט ניט, אז איהר זייט אן עגאָאיסט; אדרבא, איך דאַרף אייך גאר דאַנקבאר זיין...

— איך ווייס, איך ווייס, וואס איהר ווילט זאָגען, — האָט איהר פאַנשין איבערגעשלאָגען, און נאָכאַמאָהל א לויף געטאָן מיט די פינגער איבער די פּיאַנאַ־ביינדלעך: — פאַר די נאָטען, פאַר די ביכער, וואס איך ברייננג אייך, פאַר די שלעכטע צייכנונגען מיט וועלכע איך באַציער אייער אַלבום, א. ז. וו., א. ז. וו. איך מעג דאָס אַלץ מאַכען טאָן און דאָך זיין א עגאָאסט. איך וואָג האָפען, אז אייך איז ניט אומעטיג מיט מיר, און, אז איהר האַלט מיך ניט פאַר קיין העסליכען מענשען; נאָר, פונדעסטוועגען, קלערט איהר,

אז איך בין, ווי זאל איך זיך אויסדריקען? — צוליעב א שעהן ווארט וועל איך מבקיר זיין אי טאטע־מאמע, אי גוטע פריינד.
— איהר זייט צושטרויט און פארגעסליך, ווי אלע וועלטליכע מענשען, — האט ליזא א זאג געטאן, — און מעהר ניט.
פאנשין האט זיך אביסעל פארוואלקענט.
— הערט אויס, — האט ער א זאג געטאן, — לאמיר מעהר וועגען מיר ניט רעדען; לאמיר בעסער אנפאנגען צו שפיעלען די סאנאטע. איין זאך נאר בעט איך אייך, — האט ער א זאג געטאן, אויסגלעטענדיג די בלעטער פונ׳ם מוזיק־בוך, וואס איז געלעגען אויפ׳ן מוזיק־טישעל, — קלערט וועגען מיר וואס איהר ווילט, רופט מיך אפילו עגאאיסט — זאל זיין אזוי! נאר רופט מיך ניט וועלטליכער מענש, אט דעם צו־נאמען קען איך ניט סובל זיין... Anchro sono pittore איך בין אויך אן ארטיסט, הגם, א שלעכ־טער, און דאס און אפשר טאקע נאר דאס לעצטע וועל איך באלד באווייזען אין דער ווירקליכקייט. לאמיר־זשע אנפאנגען.
— גוט, לאמיר אנפאנגען, — האט ליזא געזאגט.
די ערשטע adagio איז אריבער ניט שלעכט, הגם, פאנשין האט זיך ניט איינמאהל פארפלאנטערט: זיין אייגענס און וואס ער האט איינגעלערענט האט ער געשפיעלט גאנץ זיס, אבער אזוי האט ער שלעכט געקענט לעזען און צוזאמענשטעלען די נאטען. דערפאר האט זיך די צווייטע טהייל פון דער סאנאטע, די גאנץ רוישענדע אללעגרא, לכתחילה ניט איינגעגעבען: אויפ׳ן צוואנ־ציגסטען טאקט האט פאנשין, וואס איז געבליעבען הינטערשטעליג מיט צוויי טאקטען, מעהר ניט געקענט אויסהאלטען און, מיט א געלעכטער, אבגערוקט זיין שטוהל.
— ניין! — האט ער אויסגעשריען, — איך קען היינט ניט שפיעלען; גוט וואס לעמם האט אונז ניט געהערט, ער וואלט גע־פאלען חלשות.
ליזא איז אויפגעשטאנען, פארמאכט די פיאנא און האט זיך אומגעדרעהט צו פאנשינען.
— וואס־זשע וועלען מיר טאן? — האט זי געפרעגט.
— אין אט דער פראגע דערקען איך אייך! איהר קענט בשום אופן ניט זיצען מיט צונויפגעלעגטע הענט. מילא, אויב

איהר ווילט, לאמיר צייכענען איידער ס'ווערט פינסטער. אפשר וועט די צווייטע מוזע — די מוזע פון צייכענען — ווי רופט מען זי? איך האָב שוין פארגעסען... אפשר וועט זי זיין צו מיר מילדער. וואו איז אייער אלבאָם? מיר דאכט, אז דאָרט איז מיין לאנדשאפט ניט פארענדיגט.

ליזא איז אוועק אין צווייטען צימער נאָכ'ן אלבאָם. פאנשין איז אליין דערווייל געבליעבען, האָט ארויסגענומען א באטיסטען טיכעלע, ארומגעווישט זיינע נעגעל און א קוק געטאָן אויף זיינע הענט פון דער זייט. זעהר שעהנע ווייסע הענט זיינען זיי געווען; אויפ'ן מיטעלסטען פינגער פון דער לינקער האנט האָט ער געטראָגען א שרויפען־פארמיג גילדען פינגערל. ליזא איז צוריק געקומען; פאנשין האָט זיך אוועקגעזעצט נעבען פענסטער און אויפגעעפענט דעם אלבאָם.

— אהא! — האָט ער אויסגעשריהען, — איך זעה, איהר האָט אנגעפאנגען נאָכצוצייכענען מיין לאנדשאפט — און טאקע שעהן. זעהר גוט! אָט דאָ נאָר — גיט מיר נאָר דאס בליישטיפט — זיינען ניט גענוג אנזיכטיג די שאָטענס. זעהט.

און פאנשין האָט ברייטליך דורכגעפיהרט עטליכע לאנגע שטריכען. שטענדיג האָט ער געצייכענט איינעם און דעם זעלבען לאנדשאפט: אויפ'ן פאדערגרונד עטליכע גרויסע שטארק באַבלעטערטע בוימער, אביסעל ווייטער א טאָהל, און שפיציגע בערג ביים האָריזאָנט. ליזא האָט דורך זיין פלייצע אראָבגעקוקט אויף זיין ארבייט.

— אין א צייכנונג, און בכלל אין לעבען, — האָט פאנשין גערעדט, וועגדענדיג זיין קאָפ אלע מאהל אָט רעכטס, אָט לינקס, — איז די הויפט זאך פלינקייט און געוואגטקייט.

אין דער מינוט איז אין צימער אריין לעמם, טרוקען זיך פארנייגט און געוואָלט אוועקגעהן; נאָר פאנשין האָט א וואָרף געטאָן א זייט דעם אלבאָם און בליישטיפט און איהם פארשטעלט דעם וועג.

— וואוהין־זשע געהט איהר כריסטאָפאָר פעדאָריטש? איהר שטעלט זיך דאָ ניט אָב אויף טעה?

— איך דארף אהיים, — האט לעמם געזאגט מיט א בייזער, די קאפ טוהט וועה.

— ווייס איך וואס איהר רעדט, — בלייבט איבער. מיר'ן אביסעל זיך פלפול'ן וועגען שעקספיער'ן.

— דער קאפ טוהט וועה, — האט דער אלטער ווידער געזאגט.

— און מיר האבען זיך דא אהן אייך א נעהם געטוהן צו שפיעלען בעטכאָווענ'ס סאנאטא, — האט פאנשין אלץ גערעדט און איהם אזוי ליעבליך אנגענומען ביי דער טאליע און זיס געשמייכעלט: — ס'האט זיך אבער ניט אנגעהויבען צו קלעפען. שטעלט אייך פאר, קיין צוויי נאטען האב איך ניט געקענט צוזאמענשטעלען ריכטיג.

— שפילען זי בעסער איהר ראמאנצע נאכמאל איבער, — האט לעמם געענטפערט, אבגעשפארט פאנשינען אביסעל די הענט און איז ארויס פון הויז.

ליזא איז איהם נאכגעלאפען. זי האט איהם דעריאגט אויפ'ן גאניקעל.

— כריסטאפאר פעדאריטש, הערט נאר, — האט זי איהם געזאגט אין דייטש און איהם באגלייט ביז'ן טויער איבער'ן גרינעם נידעריגען גראז פונ'ם הויף: — איך האב געזינדיגט נעגען אייך, זייט מיר מוחל.

לעמם האט גאר ניט געענטפערט.

— איך האב געוויזען וולאדימיר ניקאלאיעוויטשען אייער קאנטאטע; איך האב טיעף געגלויבט, אז ער וועט זי אבשעצען,

— און זי איז איהם טאקע געפעלען.

לעמם האט זיך אבגעשטעלט.

— ס'מאכט ניט, — האט ער א זאג געטאן אויף רוסיש, און דערנאך צוגעלעגט אויף זיין מוטער־שפראך: — נאר ער קאן גאר ניט פארשטעהן; ווי אזוי זעהט איהר דאס ניט? ער איז א דילעטאנט און א סוף!

— איהר זייט פארטייאיש צו איהם, — האט ליזא געזאגט.

— ער פארשטעהט אלץ און קען כמעט אלץ אליין טאן.

יא, אלץ פון צווייטען גראד, טאנדעטנע סחורה, אויפגע־

שטשאַבעט, און אראַב פון מארק. דאָס געפעלט אלעמען, און ער געפעלט, אליין איז ער אויך דערמיט צופריעדען — נו, בלייבט אונז איבער נאָר צו אפּלאָדירען. איך בין אויף אייך ניט ברוגז; אט די קאנטאטע און איך — זיינעןביידע אלט און נאריש; מיר איז מאקע אביסעל א חרפה, נאָר דאָס איז ניט קיין גוואלד.

— ענטשולדיגט מיר, כריסטאָפאָר פעדאָריטש, — האָט ליזא נאָך אמאָל א זאָג געטאָן.

— עט, מילא, — האָט ער ווידער געזאגט, — איהר זייט א וואוילע פריילין... אָט געהט נאָר עמיצער צו אייך. זייט געזונד. איהר זייט זעהר א וואוילע פריילין.

און לעמם איז אוועק מיט פארשנעלערטע טריט צום טויער, דורך וועלכען עס איז אריינגעקומען עפּעס אן אומבאקאנטער מענש אין א גרויען ראָק און א ברייטען שטרויענעם הוט. לעמם האָט זיך העפליך פארנייגט פאר איהם (אזוי האָט ער זיך נוהג געווען מיט אלע נייע מענשען אין דער שטאָדט א..., פון באקאנטע פלעגט ער זיך אבדרעהען אין גאס — אָט אזא מנהג איז שוין ביי איהם געווען), איז פארבייגעגאנגען און פארשוואונדען אויף יענער זייט פּארקען. דער אומבאקאנטער האָט מיט פארוואונדערונג איהם נאָכגעקוקט און איינקוקענדיג זיך אין ליזא'ן איז ער גלייך צוגע־גאנגען צו איהר.

7.

— איהר דערקענט מיר ניט, — האָט ער א זאָג געטאָן, אראָב־נעהמענדיג זיין הוט, — און איך האָב אייך דערקענט, כאָטש אכט יאָהר זיינען שוין אוועק זינט איך האָב אייך דעם לעצטען מאָל גע־זעהן. איהר זייט נאָך דעמאָלט געווען א קינד. איך בין לאווריעצקי. איז אייער מאמעשי אין דער היים? קען מען זי זעהן?

— די מאמע וועט זיין זעהר צופריעדען, — האָט ליזא גע־ענטפערט, — זי האָט שוין געהערט, אז איהר זייט געקומען.

— אייך רופט מען, דאכט זיך, יעליזאוועטא? האָט לאוו־רעצקי געזאגט, האָט זיך א נעהם געטאָן אויף די טרעפּ פונ'ם גאַ־ניקעל.

— יאָ.

— איך גערדיינק אייך גוט. איהר האָט שוין רעמאָלט גע־האָט א פּנים, וואס מען קען ניט פאַרגעסען; איך פלעג אייך דע־מאָלט אלץ ברייננגען קאנפעקטען.

ליזא האָט זיך פאררויטעלט און א קלעהר געטאָן: ס׳ארא מאָדנער ער איז! לאַוורעצקי האָט זיך אויף א מינוט אבגעשטעלט אין פאָרצימער. ליזא איז אריין אין גאסט־צימער, פון וואנען עס האָט זיך געהערט פּאנשין׳ס קול און געלעכטער; ער האָט דער־צעהלט עפּעס א שטאָדטישע רכילות מאריא דמיטריעוונא׳ן און גע־דעאנאָווסקי׳ן, וועלכע זיינען שוין געהאט צוריקגעקומען פון סאָד, דערצעהלט און אליין געלאכט דערפון אויף א קול. ביים נאָמען לאַוורעצקי איז מאריא ממיטריעוונא אינגאנצען צוטומעלט געוואָ־רען, בלאס געווארען און זיך אלאָז געטאָן איהם באגעגענען.

— א גוטען אווענט, א גוטען אווענט, מיין טייערער Cousin! האָט זי אויסגעשריען מיט א צוציגענער און כמעט א וויינענדער שטימע.

— א גוטען אווענט, מיין טייערע קוזינע, — האָט לאַוורעצקי געענטפערט, און פריינדליך געדריקט איהר אויסגעשטרעקטע האנט. — טוט גאָט מיט אייך חסד?

— זיצט, זעצט אייך, מיין טייערער פעאָדאָר איוואנאָוויטש! אָך, ווי עס פרעהט מיך! ראשית, ערלויבט מיר אייך פארצושטע־לען מיין טאָכטער ליזא׳ן...

— איך האָב זיך שוין אליין פארגעשטעלט ליזאוועטא מי־כאילאָוונע׳ן, — האָט לאַווריצקי איהר איבערגעשלאָגען.

— מסיא פּאנשין... סערגעי פּעטראָוויטש גערעאנאָווסקי... נו, זעצט זיך שוין אניעדער! איך קוק אויף אייך און גלויב מיינע אויגען ניט. וואס מאכט איהר עפּעס אין געזונד?

— אָט ווי איהר זעהט מיך: איך בליה. און איהר אויך, קוזינע, ס׳זאָל אייך קיין עין־הרע ניט זיין, זייט אויך ניט מאָגער געווארען אין אָט די אכט יאָהר.

— ווען עס קומט ארויף אויפ׳ן גערדאנק, אז אזא צייט האָט מען זיך ניט געזעהען, — האָט מאריא דמיטריעוונא א זאָג געטאָן.

— פון וואנען קומט איהר איצט? וואו האָט איהר איבערגע־לאָזט... ס׳הייסט, איך האָב געוואלט זאגען, — האָט זי זיך שנעל

פארכאפט, איך האב געוואלט פרעגן, אויף לאנג זייט איהר צו אונז געקומען?

— איך קום איצט צופארען פון בערלין, — האט לאווערעצקי געענטפערט, און מארגען פאר איך אב אין דארף, ווארשיינליך אויף לאנג.

— איהר וועט מן הסתם זיך באזעצען אין לאווריקי?

— ניין, ניט אין לאווריקי, נאר א צוואנציג וויארסט פון דא־נען האב איך א דארף; אהין פאר איך.

— איז דאס ניט דאס דערפעל, וואס איז אייך געבליעבען פון גלאפירא פעטראוונא?

— טאקע דאס זעלבינע.

— וואס רעדט איהר, פעאדאר איוואנאוויטש! איהר האט דאך אזא שעהן הויז אין לאווריקי!

ביי לאווריקצי'ן האבען זיך די ברעמען לייכט פארוואלקענט.

— יא... נאר אין יענעם דערפעל איז אויך דא א וואויל שטי־בעלע; און איך דארף דערווייל מעהר ניט האבען. דאס איז איצ־טער פאר מיר דער בעקוועמליכסטער פלאץ.

מאריא דמיטריעוונא האט זיך ווידער אזוי פארלארען, אז זי האט אזש צושפרייט די הענט. פאנשין האט איהר דא ארויסגע־האלפען און האט פארפיהרט א געשפרעך מיט לאווערעצקי'ן. מאריא דמיטריעוונא האט זיך בארוהיגט, זיך אנגעשפארט אויפ'ן אנלעהן פונ'ם שטול און נאר זעלטען אריינגעשטעלט איהרם א ווארט; דערביי האט זי מיט אזא רחמנות־פנים געקוקט אויף איהר גאסט, אזוי באדייטענד געזיפצט און אזוי טרויעריג אלע מאל א שאקעל געטאן איהר קאפ, אז ער האט ענדליך ניט אויסגעהאלטען און גאנץ שטרענג איהר א פרעג געטאן: צו זי איז געזונד?

— א דאנקען גאט, — האט מאריא דמיטריעוונא געענט־פערט, — וואס איז דען?

— אזוי, מיר האט זיך אויסגעוויזען, אז איהר זייט עפעס ניט מיט אלעמען.

מאריא דמיטריעוונא האט געמאכט א ווירדיג פנים, א ביסעל א באליידיגטען.

— אויב אזוי, — האט זי א קלער געטאן, — איז מיר אלץ

איינם : ווייזט אוים, טאטע מיינער, אלעם קלעפט זיך צו די ווי
און ארבעם צו דער וואנט ; און אנדערער אויף דיין ארט, וואלט
פון אזא וועהטאג אויסגעדארט געווארען, און דו ביזט נאך גע־
שוואלען געווארען". מאריא דמיטריעוונא האט מיט זיך אליין
געמאכט ווינציג וואס צערעמאָניעס ; אויף א קול האט זי גערעדט
עדעלער.

לאוורעצקי איז באמת ניט געוועזן עהנליך אויף א קרבן פונ'ם
ביטערען מזל. פון זיין רויטען, עכט־רוסישען פנים, מיט'ן גרויסען
ווייסען שטערען, עטוואס גראבען נאז און מיט די ברייטע רעגעל־
מעסיגע ליפען האט פשוט געשטראמט א סטעפען־גבורה, א שטאר־
קע, אייביגע קראפט. געבויט איז ער געוועזן אויף חדושים, — און
זיינע בלאנדע האר האבען זיך געגרייזעלט אויף זיין קאפ, ווי ביי א
בחור'על. נאר אין זיינע אויגען, בלויע אויסגעגלאצטע און עטוואס
אונבאוועגליכע, האט זיך באמערקט אי פארטראכטקייט אי מיער־
קייט, און זיין קול האט געקלונגען שוין עפעס צו גלאט.

פאנשין האט דערווייל אויפגעהאלטען דעם געשפרעך. ער
האט פארפיהרט א רעדע מכח די נוצען פון צוקער־פאבריקאציע,
וועגען וועלכער ער האט ערשט ניט לאנג איבערגעלייענט צוויי
פראנצויזישע בראשורקעס, און מיט א רוהיגער עניוות האט ער זיך
גענומען איבערגעבען זייער אינהאלט.

— אי, דאס איז דאך פעדיא ! — האט זיך פלוצלונג דער־
הערט אין דעם דערבייאיגען צימער, דורך דער האלב־אפענער טיר,
דאס קול פון מארפא טימאפעיעוונא : — פעדיא, בנאמנות ! און
די אלטינקע איז לעבעדיג אריין אין גאסט־צימער. איידער לאוו־
רעצקי האט זיך אויפגעהויבען פון שטול, האט זי איהם שוין
ארומגענומען. — לאָם איך דיך נאר אנקוקען, לאז מיר א קוק טאן
אויף דיר, — האט זי אזאג געטאן צוריקטרעטענדיג אביסעל פון
זיין פנים. — ע ! ס'ארא שיינער דו ביזט ! עלטער געווארען,
אבער א הארעלע ניט מיאוס'ער געווארען, בנאמנות ! וואס קוש־
סטו מיינע הענט — קוש מיך אליין, אויב מיינע געקנייטשטע באַ־
קען עקלען דיך ניט. גיש־קשה, האסט אפילו ניט א פרעג געטאן
אויף מיר : וואס, לעבט נאך די מוהמע ? דו ביזט דאך אויף
מיינע הענט געבארען געווארען, שייגאץ איינער ! מילא, דאס איז

אלץ איינס; וואו האָסטו זיך שוין געקענט דערמאָנען אָן מיר. דו ביזט אבער א חכם, וואס דו ביזט אהער געקומען. נו, מאמע מיינע, — האָט זי זיך געווענדט צו מאריא דמיטריעוונא, — האָסט איהם מיט עפּעס מכבד געווען?

— איך דארף גאר ניט, — האָט לאַווּרעצקי שנעל א זאָג געטאָן.

— נו, טרינק זיך כאָטש אָן מיט טעה, טאַטע מיינער. אַל־מעכטיגער גאָט מיינער! געקומען ווער ווייסט פון וואנען, און מען גיט איהם ניט אפילו קיין גלעזעל טעה. ליזא, געה נאָר, ריהר זיך נאָר, גיכער. איך געדיינק, א קליינינקער איז ער געווען א מסוכנ׳ער פרעסעריל, און אפילו איצטער, ווייזט אוים, האָט ער ליעב אריינצו־עסען.

— איך האָב די עהרע אייך צו באגריסען, מארפא טימאָפע־יעוונאַ, — האָט פאנשין א זאג געטאָן, און איז צוגעגאנגען פון דער זייט און זיך פארנייגט פאר דער אלטינקער, וואס האָט זיך ערשט צורעדט.

— ענטשולדיגט מיר, מיין הער, — האָט מארפא טימאָפע־יעוונא געענטפערט, — צוליעב דער שמחה האָב איך אייך גאר ניט באמערקט. ביזט געווארען עהנליך צו דיין מאמען, דער שטי־לינקער טויב, — האָט זי פארגעזעצט, זיך נאכאמאָל ווענדענדיג צו לאַווּרעצקי׳ן, — נאר די נאָז דיינע איז געווען ווי דעם טאַטעג׳ס און איז שוין אזוי פארבליבען. נו, און אויף לאנג ביזטו געקומען צו אונז?

— איך פאָר מאָרגען, מוהמעניו.

— וואוהין?

— צו זיך, קיין וואסילקאָווסקאָיע.

— מאָרגען?

— מארגען.

— נו, אז מארגען, איז מאָרגען. פאָר געזונטערהייט, — דו ווייסט בעסער. נור זעה, געה אריין זיך געזעגענען. די אלטינקע האָט איהם א גלעט געטאָן איבער׳ן באק. — ניט געקלערט זיך שוין דערוואַרטען אויף דיר; און ניט צוליעב דעם, וואָס איך האָב זיך שוין געגרייט צו שטארבען; ניין — מיט א צעהנדליג יאהרען

בין איך נאָך זיכער. מיר אלע, פעסטאָװוס, לעבען לאנג; דער זיידע דיינער, עליו השלום, פלעגט אונז אָפט רופען צוויי־אָדער־דיגע (קרעפטיגע); נאָר, גאָט ווייסט דיך, ווי לאנג נאָך דו וואָלסט זיך געוועןארומגעשלעפט אין אויסלאנד. נו, אבער א חברה־מאן ביזטו; טוסט נאָך אודאי איצט אויף א הויב א צעהן־פודניק מיט איין האנד? דער טאטע דיינער, זאל ער מיר מוחל זיין, געוועז טאקע א צודרעהטער, אבער זעהר גוט האָט ער געטאָן, וואס ער האָט פאר דיר געדונגען דעם שווייצער; דו געדיינקסט, ווי אזוי דו ביזט מיט איהם געגאנגען אויף קאלאטשיקעם; גימנאסטיקע, דאכט מיר, האָט מען דאס גערופען? נור פונדעסטוועגען, וואס האָב איך זיך אזוי צוקוואקעט; נור געשטערט דעם הערר פאנ־שינ׳ען אין זיין חקירה׳ן. אגב, לאמיר בעסער טרינקען טעה; לא־מיר אבער, טאטע מיינער, ארויסגעהן אויפ׳ן באלקאָן טרינקען; ביי אונז איז די סמעטענע ניט אזוי ווי ביי אייך אין אייערע לאנדאנ׳ס און פאריז׳ען. קומט, קומט, און דו, פעדיניו. גיב מיר דיין ארעם. אָ, ס׳ארא גראבער ארעם דאָס איז! נישקשה, מיט דיר קען מען שוין ניט פאלען.

אלע זיינען אויפגעשטאנאען און אוועק אויפ׳ן באלקאָן, אויס־סער געדעאנאָווסקי׳ן, וואס איז שטילינקערהייד אוועקגעגאנגען. פאר דער גאנצער צייט, וואס לאווערעצקי האָט גערעדט מיט מאריא דמיטריעוונא׳ן, מיט פאנשינ׳ען, מיט מארפא טימאָפייעוונא׳ן, איז ער, געדעאָנאָווסקי, געזעסען אין א ווינקעלע, אויפמערקזאם צו־געפינטעלט מיט די אויגען און מיט קינדערשער נייגעריגקייט אויס־געצויגען די ליפען: ער האָט זיך איצט געאיילט צו צוטראגען די ידיעה וועגען דעם נייעם גאסט איבער׳ן שטאָדט.

אין דעם זעלביגען טאָג, ארום עלף אזייגער ביינאכט, האָט אָט וואָס געטראָפען אינ׳ם הויז פון מאדאם קאליטינא. פון אונטען, אויפ׳ן שוועל פונ׳ם גאסט־צימער, אויסנוצענדיג א גינסטיגע מי־נוט, האָט וולאדימיר ניקאָלאָיעוויטש זיך געזעגענט מיט ליזא׳ן און, האלטענדיג איהר אזוי ביי דער האנד, האָט ער איהר געזאָגט: איהר ווייסט, וואָס עס ציהט מיך אהער; איהר ווייסט, צוליעב וואס איך פאָר אהן אן אויפהער צו אייך אין הויז; צו וואס דאַרף מען

דאָ ווערטער, אז אלעס איז אזוי קלאָר. ליזא האָט איהם גאר ניט געענטפערט. אָהן א שמייכעל האָט זי עטוואס אויפגעהויבען די ברעמען, זיך פאררויטעלט און געקוקט אויף דער פּאָדלאָגע, נאָר די האַנט האָט זי ניט צוגענומען; און אויבען, אינ'ם צימער פון מארפא טימאָפעיעוונא, ביי דער שיין פונ'ם לעמפּעלע, וואס איז געהאנגען געגענאיבער די טונקעלע אלטע הייליגע בילדער, איז לאווּרעצקי געזעסען אויף א שטוהל, געהאלטען דעם פנים אויף די הענט, וועלכע ער האָט אונטערגעשפּארט אויף די קניע; די אַל־טינקע איז געשטאַנען נעבען איהם, און פון צייט צו צייט שוויי־גענד איהם געגלעט די האָר. אריבער א שעה האָט ער ביי איהר פארבראַכט, נאכדעם ווי ער האָט זיך געזעגענט מיט דער הויז־ווירטין; ער האָט כמעט גאר ניט געזאגט זיין אמאָליגער גוטער פריינדין, און זי האָט זיך ביי איהם ניט נאָכגעפרעגט... און צו וואס רעדען, וועגען וואָס זיך נאָכפרעגען? זי האָט אזוי אויך אַלץ פארשטאַנען, זי האָט אזוי אויך מיטגעפיהלט אַלץ, מיט וואָס זיין הארץ איז פול געווען.

8.

פעאָדאָר איוואַנאָוויטש לאַורעצקי (מיר מוזען בעטען ער־לויבניש ביים לעזער איבערצורייסען דעם פאָדעם פון אונזער ער־צעהלונג אויף א קורצער צייט) האָט געשטאַמט פון אַן אַלטער פריצישער משפּחה. דער ערשטער לאַורעצקי האָט זיך איבער־געקליבען פון פרייסען אינ'ם פירשטענטום פון וואסילי דעם פינ־סטערן, וואו מען האָט איהם באַווילינט צוויי הונדערט טשעט־ווערטען לאַנד אויף דער בעזשעצקער בארג־פלאכע. פיעלע פון זיינע נאָכפאָלגער האָבען פארנומען פארשיעדענע עמטער, געזעס־סען אין ווייטע וואיעוואָד־פּראָווינצען אונטער פירשטען און פראָ־מינענטע לייט, נאָר קיינער פון זיי האָט זיך ניט אויפגעהויבען העכער פון א טיש־באַדיענער אין קעניגליכען הויף און ניט אָנ־געזאַמעלט קיין גרויסען פארמעגען. רייכער און אויסגעצייכענטער פון אלע לאַורעצקים איז געווען פעאָדאָר איוואַנאָוויטשעס על־טער זיידע, אנדריי, א גרויזאמער מענש, א פרעכער, א קלוגער און א כיטרער. עד היום האָט מען נאָך ניט אויפגעהערט צו ריי־

דען וועגען זיין ווילקירליכקייט, זיין משוגע'נעם כאראקטער, זיין גרענעצלאָזע פרייגעביגקייט און וועגען זיין גיהיריגקייט, וואָס האָט ניט געוואוסט פון קיין זעט. ער איז געווען זעהר דיק, הויך, ברוין אויף פנים, אָהן א סמן פון א באָרד; ארויסגערעדט דעם „ריש" האָט ער מיט'ן גומען; דער שלאָף איז איהם שטענדיג געלעגען אויפ'ן פנים. וואָס שטילער ער האָט גערעדט, אלץ מעהר האָבען אלע ארום פאר איהם געציטערט. און א ווייב האָט ער געקראָגען אזא ווי ער אליין. לויט איהר יחוס א ציגיינערקע מיט א סיי־לעכדיג פנים, ארויסגעשטארצטע אויגען און א שפּארבער־נאָז, איז זי געווען א שוועבעלע און א נוקם ונוטר, ניט נאָכגעגעבען אפילו אויף א האָר דעם מאַן, וועלכער האָט זי שיער ניט פארהונגערט צום טויט, און וועמען זי האָט ניט איבערגעלעבט, כאָטש, האָט זיך שטענדיג מיט איהם געריזעט. אנדריי'ס זוהן, פּעטער, פּעאָדאָר'ס זיידע, איז ניט געווען געראָטען אין זיין פאָטער: דאָס איז געווען אן איינפאכער, פּראָווינציאלער פּריץ, א גאַנץ נארעשעוואטער, א שרייער, און א בטלן, א גראָבער, נאָר ניט קיין שלעכטער, א מכניס־אורח און יעגער. ער איז אלט געווען אריבער דרייסיג יאָהר, בעת ער האָט גע'יורש'ט פונ'ם פאָטער צוויי טויזענד נפשות *) אין פאלקאָמענער אָרדנונג; נאָר ער האָט זיי גיך פארטאכלעוועט, א טהייל פון זיין גוט האָט ער פארקויפט, די הויז באדיענטע צובאלעוועט. ווי די געסטלאך זיינען זיך צונויפגע־קראָכען פון אלע זייטען באקאנטע און אומבאקאנטע ניעדעריגע מענשעלאך אין זיינע גראמע ווארעמע און שמוציגע צימערען; דאָס אלעס האָט זיך אָנגעפרעסען מיט וואָס ס'איז נאָר אונטער'ן האַנט געקומען, זיך אָנגעזויפען ביז שכרות און געשלעפּט, וואָס נאָר ס'האָט געקענט, לויבענדיג דעם פריינדליכען באלעבאָס; און דער באלעבאָס, ווען ער איז געווען אביסעל צודרעהט, פלעגט אויך מכבד זיין זיינע געסט מיט אזעלכע טיטולען, ווי: אומ־זיסטיגע פרעסער, פאסקודניאקעס, אָבער אָהן זיי האָט ער גע־ביינקט. פּעטער אנדרייאיטשעס ווייב איז געווען א צדקנית: גענומען האָט ער זי פון א פאמיליע, וואָס האָט געוואוינט ניט ווייט

*) פּאנשטשעזניקעס.

פון זיינער, לויט'ן טאטען'ס אויסוואהל און באפעהל; געהייסען האט זי אנא פאוולאָווגא. זי האט זיך אין קיין זאך ניט געמישט, מיט פרייד האט זי אויפגענומען געסט און האט אליין אויך ליעב געהאט פאָהרען צו גאסט, הגם, פודרען זיך, לויט איהרע ווערטער, איז ביי איהר געווען ווי דער טויט. מען שטעלט דיר אוועק, פלעגט זי דערצעהלען אויף דער עלטער, א פילצענעם קאָלפאק אויפ'ן קאָפּ, אלע האָר פארקעמט מען דיר ארויף, מען שמירט זיי אָן מיט חזיר־פעטס, מען באשיט דיך מיט מהעל, מען שטעקט דיר אָן מיט אייזערנע שפילקעס, — ס'ט זיך שפעטער ניט קענען דער־וואשען; צו־גאסט געהן אָהן פודרע קען מען אָבער ניט — מען וועט באליידיגען; אי צרות! זי האָט ליעב געהאט זיך דורכצו־פאָרען אויף ברענענדיגע פערד, אין קארטען אין זי גרייט געווען צו שפיעלען פון פארטאָג ביז ביי נאכט, און פלעגט שטענדיג צו־דעקען מיט דער האנט דאָס צעטעלע מיט'ן קאָפּעקע־גע־ווינס, בעת דער מאן איז צוגעגאנגען צום שפיעל־טיש; און אינגאנצען איהר נדן, איהר גאנצע געלד, האָט זי איהם אָפּגע־געבען און האָט קיינמאָל ניט געפאָדערט ביי איהם קיין דין וחשבון. זי האָט מיט איהם געהאט צוויי קינדער: א זוהן איוואן, פעאָדאָר'ס פאָטער, און א טאָכטער גלאפירא. איוואן איז ערצויגען געוואָרען ניט אין דער היים, נור ביי א רייכער אלטער מוהמע, ביי דער פירשטין קובענסקאיא: זי האָט איהם געמאכט פאר איהר יורש (אָהן דעם וואָלט דער פאָטער איהם ניט געווען אָפּגעלאָזט); האָט איהם געקליידעט ווי א ליאלקע, האָט צוגענומען צו איהם מכל המינים לעהרערס, געדונגען פאר איהם אַן ערציהער, א פראנ־צויז, א געוועזענער אבבאט, א תלמיד פון זשאן זשאק רוססאָ, עפעס איינער א Mr. Courtin de Vaucelles, א פלינקער און שפי־ציגער אינטריגאנט, — ווי זי פלעגט זיך אויסדריקען, די סאמע fin fleur פון דער אימיגראציע, — און האָט געענדיגט דער־מיט, וואס שוין כמעט ביז זיבציג יאָהר האָט זי חתונה געהאט מיט דעם זעלביגען „פין פליאָר"; אויף זיין נאָמען האָט זי איבער־געשריבען איהר גאנצען פארמעגען און באלד נאָכדעם, א פאררוי־טעלטע, א דורכגעזאפּטע מיט פארפיום א לא Richelieu ארומגערינ־געלט מיט א באָפּטע נעגערלאך, דינפיסיגע הינטעלאך און שריי־

ענדיגע פּאָפּוגאַיען, איז זי געשטאָרבען אויף א זיידען קרום סאָפּ־קעלע פון לודאָוויק דעם 15טען׳ס צייטען, מיט א פּאָלירט טאַבאַק־קעסטעלע, פעטיטאַ׳ס ארבייט, אין איהרע הענט, — און געשטאָר־בען איז זי א פארלאָזענע פונ׳ם מאַן; דער כיטרער הער קורטען האָט פארגעצויגען אָפּצוציהען קיין פּאַריז מיט איהר געלד. ביי אָט דעם קלאָפּ איז איוואן סך הכל אלט געווען דאָס צוואַנציגסטע יאָהר (מיר רעדען וועגען דער פירשטין׳ס חתונה, ניט וועגען איהר טוידט); ער האָט שוין ניט געוואָלט איבערקלייבען זיך אין דער מוהמע׳ס הויז, וואו ער איז פלוצלונג פון א רייכען יורש פארוואַנ־דעלט געוואָרען אין אַן אָרעמען אורח; די געזעלשאַפט אין פּעט־טערבורג, צווישען וועלכער ער איז אויסגעוואקסען, האָט זיך פאר איהם פארמאַכט; צו אַן אַמט פון די קלענערע ראנגען, א שווע־רען און פינסטערן, האָט ער געפּיהלט אַן עקעל (דאָס אלעס איז גע־שעהן בעת דער קסר אַלעקסאַנדער איז נאָר־וואָס געהאט ארויף אויפ׳ן קעניגליכען טראָהן); ניט ווילענדיג האָט ער זיך געמוזט צוריק אומקערען אין דאָרף אריין, צום פאָטער. קויטיג, אָרעם און עלענד האָט א שיין געטאָן פאר איהם זיין היימיש נעסט: דאָס טעמפּע, קויטיג, פארוואָרפען לעבען האָט איהם באליידיגט אויף יעדען טריט און שריט; דאָס בענקעניש האָט זיך איהם איינגעגעסען אין די ביינער; דערפאר האָבען אויף איהם אלע אין הויז, אויסער דער מוטער, געקוקט אומפריינדליך. דעם פאָטער זיינען ניט געפעלען געוואָרען זיינע שטאָדטיגע געוואוהנהייטען, זיינע פראַקען, זיינע שניפּסען, זיינע ביכער, זיין פלייס, זיין ריינ־ליכקייט, וואָס איז געווען דורכגעזאפּט מיט איבערקלייבערישקייט; ער האָט זיך אלץ געקלאָגט און אונטערגעוואָרטשעט אויפ׳ן זוהן.— „קיין זאך שמעקט איהם דאָ ניט: — מיט׳ן עסען קען מען איהם ניט צוטרעפען, ער עסט ניט, קיין מענשליכען גערוך, קיין פּארע קען ער ניט סובל זיין, דער אַנזעהן פון שכורים צודרעהט איהם, שלאָגען זיך פאר איהם אין די אויגען — חלילה, דיענען וויל ער ניט: עס איז דאָך שוואך אין געזונד; טפו זאָלסטו ווערען, ס׳ארא צופּעסטעטער דאָס איז! און אלץ איז דערפאר, וואָס וואָל־טער זיצט ביי איהם אין קאָפּ". דער אלטער האָט הויפּטזעכליך פיינט געהאט וואָלטער׳ן און ספּעציעל דעם „פאַנאַטיס" דידע־

ראט'ן, הגם ער האָט קיין איין שורה פון זייערע ווערק ניט גע־לייענט: לייענען איז ניט געווען זיין עובדא. פעטער אנדרייאיטש האָט טאקע קיין טעות ניט געהאט: אמת, אי דידעראט, אי וואָלטער זיינען געזעסען אין קאָפּ ביי זיין זוהן, און ניט נור זיי אליין — אויך רוססאָ, און רעינאל, און העלוועציוס און א סך אנדערע מחברים פון זייער שניט זיינען געזעסען ביי איהם אין קאָפּ — אָבער נאָר טאקע אין קאָפּ. איוואן פעטראָוויטשעס אמאָליגער ערציהער, דער געוועזענער אבבאט און ענציקלאָפּעדיסט, האָט זיך באנוגענט דערמיט, וואָס ער האָט אריינגעגאָסען אין זיין תלמיד די גאנצע חכמה פונ'ם 18טען יאָהרהונדערט, און אָן אָנגעפילטער האָט ער זיך אזוי מיט איהר ארומגעטראָגען; זי האָט זיך דאָר־טען ביי איהם באזעצט, אָבער זי האָט זיך ניט אויסגעמישט מיט זיין בלוט, ניט אריינגעדרונגען אין זיין נשמה, ניט ארויסגעוויזען זיך אלס א פעסטע איבערצייגונג... און ווי האָט מען געקענט פאָ־דערען איבערצייגונגען פון אזא יונגען בחור'על מיט פופציג יאָהר צוריק, ווען מיר זיינען נאָך איצטער אויך צו זיי ניט דערוואקס־סען? די געסט, וועלכע פלעגען קומען צום פאָטער, האָבען איוואן פעטראָוויטש'ן שטענדיג געבראכט אין א פארלעגענהייט; עס פלעגט איהם פון זיי איבלען, זיי פלעגען פאר איהם מורא האָבען; און מיט דער שוועסטער גלאפירא, וואָס איז געווען מיט צוועלף יאָהר עלטער פון איהם, איז ער זיך גאָר ניט צוזאמענגעגאנגען. אָט די גלאפירא איז געווען א מאָדנע באשעפעניש; ניט קיין שעהנע, א האָרבאטע, א מאגערע, מיט ברייט צועפענטע, שטרענגע אויגען און מיט א דין צוזאמענגעפרעסטען מויל, האָט זי מיט'ן פנים, קאָפּ, זייטיגע פלינקע באוועגונגען דערמאָנט איהר באָבע, די ציגיינערקע, אנדריי'ס פרוי. א הארטנעקיגע און אמביציעזע, האָט זי אפילו ניט געוואָלט הערען וועגען חתונה האָבען. איוואן פעטראָוויטשעס צוריקקומען איז איהר ניט געווען צום הארצען. כל זמן די פירשטין קובענסקאיא האָט איהם געהאלטען ביי זיך, האָט זי געהאָפּט צו קריגען, לכל הפחות א האלב פונ'ם פאָטער'ס גוט; שוין צוליעב קארגשאפט איז זי פארזעסען. א חוץ דעם, גלאפירא האָט מקנא געווען דעם ברודער: ער איז געווען אזוי געבילדעט, אזוי גוט גערעדט פראנצויזיש, מיט א פאריזער אויס־

שפראך, און זי האָט קוים געקענט זאָגען: „באַנזשור", און „קאמאַן וואו פּארטע וואו?" אמת, איהרע עלטערען האָבען גאָר ניט פאר־שטאַנען קיין פראנצויזיש, — נאָר איהר איז פון דעם ניט גרינ־גער געוואָרען. איוואַן פּעטראָוויטש האָט ניט געוואוסט וואו זיך אהינצוטאָן פון זאָרג און בענקעניש; כמעט א יאָהר האָט ער פאר־בראַכט אין דאָרף, נור געצוואונגען האָט ער זיך ביי איהם ווי צעהן יאָהר. נור פאר זיין מוטער פלעגט ער זיך אויסרעדען דאָס הארץ, און שעה'ען גאנצע פלעגט ער איבערזיצען אין איהרע ניעדעריגע חדרים'לאך, זיך איינהערען אין דער איינפאַכער פלאַפלעריי פון דער גוטער פרוי און זיך אָנעסען מיט איינגעמאכטס. האָט זיך גראד געמאכט, אַז צווישען אַנאַ פּאוולאָוונאַ'ס דיענסט־מיידלאך איז געוועזען איינע זעהר אַ שעהנינקע, מיט קלאָרע עניות'דיגע אוי־געלאך און מיט זעהר עדעלע שטריכען; געהייסען האָט זי מאַ־לאַניאַ און געוועזען איז זי אַ קלוגע און אַ צנועה. פונ'ם ערשטען בליק איז זי געפעלען געוואָרען איוואַן פּעטראָוויטשען; ער האָט זיך פארליעבט אין איהר: ער האָט ליעב געקראָגען איהר שרע־קעדיג געגנגעלע, איהרע שעמעוודיגע ענטפערס, איהר שטיל קול'־בעלע, איהר שטיל שמייכעלע; וואָס אַ טאָג איז זי איהם געוואָרען אלץ ליעבער. און זי האָט זיך אויך צוגעבונדען צו איוואַן פּעט־ראָוויטשען מיט איהר גאנצער נשמה, ווי נאָר רוסישע מיידלאך קענען זיך צובינדען — און האָט זיך איהם אָפּגעגעבען. אין אַ א פּריציש דאָרפיש הויז קען זיך קיין סוד לאַנג ניט האַלטען: באַלד האָבען זיך אַלע דערוואוסט וועגען די באציהונגען צווישען דעם יונגען פּריץ מיט מאלאַניען; די ידיעה וועגען אָט די באַ־ציהונגען איז ענדליך דערגאַנגען צו פּעטער אַנדרייאיטשען אליין. אַן אַנדערס מאָל וואָלט ער, מן הסתם, קיין אויפמערקזאמקייט ניט געשענקט אָט אַזאַ קלייניגקייט; נאָר ער איז שוין פון לאַנג אין כעס געוועזען אויפ'ן זוהן, און האָט זיך פּשוט דערפרעהט מיט'ן צופאַל אביסעל צו מביש זיין דעם פּעטערבורגער חכם און פראַנט. ס'איז געוואָרען אַ גוואלד, אַ געשריי און אַ טומעל: מאלאַניען האָט מען איינגעשפּארט אין אַ קאַמער; איוואַן פּעט־ראָוויטש'ען האָט מען מטריח געווען צום פאָטער. אַנאַ פּאוולאָוו־נאַ איז אויך געקומען צולויפען אויפ'ן געשריי. זי האָט געמאכט

א פראָבע איינצוגעהמען דעם מאַן, נאָר פּעטער אַנדרייאַיטש האָט שוין גאָר ניט געהערט. ווי א רויב־פויגעל האָט ער זיך אַרויפ־געוואָרפען אויפ'ן זוהן, האָט איהם באַשולדיגט אין אוממאָראַלי־טעט, געזאָגט, אַז ער איז אַ כופר בעיקר, אַ צבועק. בעת מעשה האָט ער שוין צו איהם אויסגעלאָזט, וואָס ס'האָט זיך איהם קאַ־לאָטעט אויפ'ן הארצען געגען דער פירשטין קובענסקאיא, האָט איהם פשוט באַוואָרפען מיט זידלערייען. לכתחילה האָט איוואַן פּעטראָוויטש געשוויגען און זיך געשטארקט, נאָר ווען דער פאָ־טער האָט איהם אַ סטראַשע געטאָן שענדליך צו באַשטראָפען, האָט ער שוין ניט אויסגעהאַלטען. „אָט איז דער פאַנאַטיקער דידעראָט ווידער אַמאָל אויף דער ביהנע, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — נו, איך וועל איהם שוין באַארבייטען, וואַרט נאָר אויס." און טאַקע אויפ'ן פּלאַץ, האָט איוואַן פּעטראָוויטש, מיט אַ רוהיגער גלייכער שטימע, הויט מיט אַ אינערליכען ציטער אין אַלע זיינע אברים, ערקלערט דעם פאָטער, אַז ער באַשולדיגט איהם אומזיסט אין אוממאָראַליטעט און, הגם, ער וויל ניט אָפּלייקענען זיין שולד, איז ער אָבער גרייט פאַרריכטען, וואָס ער האָט קאַליע געמאַכט, נאָך מיט מעהר חשק דערפאַר, וואָס ער שטעהט העכער פון יעדען אבערגלויבען — נעמליך — ער איז גרייט חתונה האָבען מיט מאַלאַניען. מיט אָט די ווערטער, האָט איוואַן פּעטראָוויטש, אָהן אַ ספק דערגרייכט זיין ציעל: פּעטער אַנדרייאַיטש איז אַזוי מבולבל געוואָרען, אַז ער האָט אויסגעגלאָצט די אויגען און איז אויף אַ רגע פאַרשטומט געוואָרען; ער איז אָבער באַלד געקומען צו זיך, און ווי ער איז אַזוי געשטאַנען מיט'ן פּעלצעל און מיט די שיך אויף די באָרוועסע פיס, האָט ער זיך אַזוי אַ וואָרף געטאָן מיט די קולאַקעס אויף איוואַן פּעטראָוויטש'ען, וואָס האָט זיך אַזוי ווי אויף צולהכעיס דעם טאָג גראַד פאַרקאַמט a la Titus און אָנגעטאָן אַ נייעם ענגלישען בלויען פראַק, שטיוועל מיט קו־טעסלאַך און עלעגאַנטע, שמאָלינקע לעדערנע הויזען. אַנאַ פּאַוו־לאָוונאַ האָט אַ געשריי געטאָן מיט איהר גאַנצען כח און פאַר־דעקט איהר פּנים מיט די הענט, און דער זוהן איז דורכגעלאָפען דאָס גאַנצע הויז און אַרויסגעטאַנצט אין גאָרטען, אינ'ם סאָד און דורכ'ן סאָד אַרויפגעלאָפען אויפ'ן שליאַך, און איז אַלץ גע־

לאַפען, זיך ניט אומגעקוקט ביז עס איז פאַרשטילט געוואָרען דאָס האַסטיגע קלאַפּען פונ׳ם פאַטער׳ס טריט הינטער איהם און זיינע קרעפטיגע און אָפּגעריסענע קולות... — שטעה, באנדיט איינער! — האָט ער געליארעמט — שטעה! איך׳ל דיר פארשילטען! —
איוואן פעטראָוויטש האָט זיך באהאלטען ערגעץ ביי א שכן און פעטער אנדרייאיטש איז צוריקגעקומען אהיים אן אויסגעמאטער־טער, א פארשוויצטער און ערקלערט, קוים אָפּכאַפּענדיג דעם אָטעם, אז ער זאָגט דעם זוהן אָפּ פון דער ירושה און פון זיין פאָטערליכער ברכה, און באפוילען פארברענען אלע זיינע נארישע ביכער און דער מויד מאלאניען פארשיקען ערגעץ אין א ווייטען דאָרף. עס האָבען זיך געפונען גוטע מענשען, וואָס האָבען אָפּ־געזוכט איוואן פעטראָוויטש׳ען און האָבען איהם וועגען אלעם מודיע געווען. א פארשעמטער און א אויפגערעגטער ביז משוגעת, האָט ער זיך א נדר געטאָן זיך נוקם זיין אָן דעם פאָטער, און טאקע אין דער זעלביגער נאכט האָט ער אָפּגעוואַרט די פוהר, אויף וועלכער מען האָט געפיהרט מאלאָניען, האָט זי מיט גוואלד אָפּ־געשלאָגען, איז מיט איהר אוועק אין דער נאָהענטסטער שטאָדט און מיט איהר חתונה געהאט. מיט געלד האָט איהם באזאָרגט א שכן, א שטענדיג־שכור׳ער און הארציגער, א געוועזענער מאטראָז, א מסוכנ׳ער ליעבהאָבער פון אלערליי נאָבעלע געשיכטעס, ווי ער פלעגט זיך אויסדריקען. אויפ׳ן צווייטען טאָג האָט איוואן פעט־ראָוויטש אָנגעשריבען א בייסיג־קאלטען און העפליכען בריעף צו פעטער אנדרייאיטש׳ען, און אליין איז ער אוועק אין א דאָרף, וואו עס האָט געוואוינט זיינער א גליעד־געשוועסטער־קינד, דמיטרי פעסטאָוו מיט זיין שוועסטער מארפא טימאָפעיעוונא, וועלכע איז שוין באקאנט דעם לעזער. ער האָט זיי אלעם דערצעהלט, ער־קלערט אז ער וויל פאָהרען קיין פעטערבורג זוכען א שטעלע און האָט זיך ביי זיי איינגעבעטען, אויף א שטיקעל צייט כאָטש, אויפהאלטען זיין ווייב. ביים וואָרט: ווייב — האָט ער זיך ביטער צוואויינט און, ניט קוקענדיג אויף זיין גרויס־שטעדטיגער בילדונג און פילאָזאָפיע האָט ער זיך מיט הכנעה, כעני בפתח, א וואָרף געטאָן צו זייערע פיס און אפילו אָנגעקלאַפּט דעם שטערען אָן דער פּאָדלאָגע. די פעסטאָווס, ווייכהארציגע און גוטע מענ־

שען זיינען מיט שמחה מרוצה געוואָרען צו ערפילען זיין בקשה; ער האָט ביי זיי אָבגעוואוינט א דריי וואָכען, בסוד געווארט אויף אַן ענטפער פונ'ם פאָטער. נאָר קיין ענטפער איז ניט אָנגעקומען, — און טאקע ניט געקענט אָנקומען. ווען פעטער אנדרייאיטש האָט זיך דערוואוסט וועגען זוהנ'ס חתונה איז ער קראַנק געוואָרען און פארבאָטען אפילו צו דערמאָנען זיין נאָמען, נאָר די מוטער האָט שטילענקערהייט, אָהן דעם מאַנ'ס וויסען, אנטליהען ביים אונטער־גלח און צוגעשיקט קנאָקעדיגע פינף הונדערטער, און א חוץ דעם א קלייניניקע איקאָנא דעם ווייב; אנשרייבען האָט זי מורא געהאט, נאָר האָט געהייסען דעם שליח, א מאָגערער פויערל, וואָס האָט געקענט אויסגעהן זעכציג ווערסט א מעת־לעת, זאָגען איוואַן פעטראָוויטש'ען, אז ער זאָל זיך ניט נעהמען אזוי צום הארצען, און גאָט וועט העלפען, אלעס וועט זיך בארוהיגען און דער פאָטער וועט זיין צאָרן פארבייטען אויף רחמנות; אז זי וואָלט אויך בעסער געוואָלט געווען האָבען אַן אנדער שנור, נאָר, ווייזט אויס, גאָט האָט אזוי געוואָלט, און זי שיקט מאלאניע סערגעיעוונא'ן איהר מוטערליכע ברכה. דער דארער פויערל האָט באקומען א רובעל, האָט געבעטען ערלויבניש זיך צו זעהן מיט דער נייער פריצה, וועמעס טויף־פאָטער ער איז געווען, האָט איהר א קוש געטאָן אין הענטעל און איז אוועק צו אלדי גוטע יאָהר.

און איוואַן פעטראָוויטש איז אוועק קיין פעטערבורג מיט א גרינג הארץ. א אומבאקאנטע צוקונפט האָט איהם ערווארטעט; אפשר האָט די אָרעמקייט איהם געדראָהעט, נאָר ער האָט פארלאָזט דאָס פאר'נמאס'ט דאָרפיש לעבען, און דער עיקר ער האָט ניט פארגעסען זיינע לעהרער, ער האָט באמת אויסגענוצט און מקיים געווען אויף דער וואהר אי רוססאָ'ן, אי דידעראָט'ען אי la Declaration des droits de l'home די פרייד פון אַן ערפילטער פליכט, פון נצחון, א מין גאוה־געפיהל האָט ארומגעבאפט זיין נשמה; אויך די שיידונג מיט זיין פרוי האָט איהם ניט זעהר געשראָקען; איהם וואָלט גיכער צוטומעלט די נויטווענדיגקייט שטענדיג צו לעבען מיט איהר. יענע זאך איז שוין געווען אָפגעטאָן; מען האָט זיך געדארפט א נעהם טאָן פאר אנדערע זאכען. אין פעטערבורג, האָט איהם אָפגעגליקט, אויף

צולהכעים זיינע ערוואַרטונגען: די פירשטען קובענסקאַיא, — וועמען מוסיע קורטען האָט שוין געהאַט פארלאָזען, נאָר וועלכע איז נאָך דערווייל ניט געהאַט געשטאָרבען, — כדי אביסעל כאָטש צו פאַרגלעטען איהר שולד געגען איהר פלימעניק, האָט איהם רעקאָמענדירט צו אלע איהרע פריינד, האָט איהם געשענקט פינף טויזענד רובעל — כמעט דאָס לעצטע געלט איהרס — און לעפעסקאָוו'ס א זייגערל מיט זיין מאָנאָגראַם אין א קופּיד־קראַנץ. קיין דריי חדשים זיינען נאָך ניט געהאַט פאַרבייגעגאַנגען און ער האָט שוין געקראָגען א שטעלע ביי דער רוסישער מיסיע אין לאָנדאָן און אויף דער ערשטער אָפּגעהענדער ווינד־שיף (פון קיין דאַמף־שיפען איז נאָך דעמאָלט אפילו קיין זכר ניט געווען) האָט ער זיך אוועקגעלאָזט מעבר לים. אין עטליכע חדשים אַרום האָט ער ערהאַ[illegible]ען א פון פעסטאָוו'ן. דער גוטער פריץ האָט איהם געשיקט א מזל־טוב מיט א זוהן, וואָס איז געקומען אויף דער וועלט אינ'ם דאָרף פּאָקראָווסקאַיא דעם 20טטען אויגוסט 1807, און וועמען מען האָט א נאָמען געגעבען פעאָדאָר, לכבוד דעם הייליגען מאַרטירער פעאָדאָר סטראַטילאַט. צוליעב דעם, וואָס מאלאניא סערגעיעווּנאַ איז געווען זעהר אָפּגעשוואַכט, האָט זי נאָר צוגעשריבען עטליכע שורות; נאָר אפילו די עטליכע שורות האָבען אויך פאַר'חדוש'ט איוואַן פּעטראָוויטש'ען: ער האָט ניט געוואוסט, אז מאַרפאַ טימאָפעיעוונאַ האָט אויסגעלערענט זיין פרוי שרייבען. איבריגענס, איוואַן פּעטראָוויטש האָט זיך ניט לאַנג איבערגעגעבען די זיסע אָנרעגונגען פון די פאָטערליכע געפיהלען: ער האָט פלירטירט מיט איינער פון די באַוואוסטע דעמאָלדיגע פרינס אָדער לאַאיס'עס (קלאַסישע נעמען האָבען נאָך דעמאָלט געבליהט); מען האָט נאָר וואָס געהאַט געשלאָסען דעם טילזיטצער פריעדען, און אלעס האָט געאיילט נאָך פאַרגעניגענס, אלעס האָט זיך געדרעהט אין עפּעס א משוגענעם שטורעם; די שוואַרצע אויגען פון דער ציקאַווער שעהנהייט האָט איהם אויך פאַרדרעהט דעם קאָפּ. געלד האָט ער געהאַט זעהר ווייניג; נאָר ער האָט זעהר גוט געשפּיעלט אין קאָרטען, געמאַכט אלע מאָל מעהר קענטשאַפט, אָן אָנטייל גענומען אין אלע הוליאַנקעס, מיט איין וואָרט, געפאָהרען אויף אלע ירידים.

9.

דער אַלטער לאַווּרעצקי האָט אַ צייט לאַנג ניט געקענט מוחל זיין דעם זוהן פאַר זיין חתונה; ווען איוואַן פּעטראָוויטש זאָל געווען קומען שפּעטער מיט אַ האַלב יאָהר צום פאָטער מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, און זיך געוועז אַ וואָרף טאָן צו איהם צו די פיס, וואָלט ער איהם אפשר געווען מוחל געווען, אויסזידלענדיג איהם אַפריהער גאַנץ גוט און אָנקלאַפּענדיג איהם מיט דער קוליע, כדי איהם אָנצושרעקען אַביסעל; נאָר איוואַן פּעטראָוויטש האָט געלעבט אין אויסלאַנד און אַ פיינעלע אין וואַלד געלאָזט זינגען — „שווייג! קיין וואָרט!" פלעגט פּעטער אַנדרייאַיטש אַלץ ווידער־האָלען צו זיין פרוי, ווען נאָר יענע האָט פּרובירט איהם בויגען צו גוטען: „ער, אַזאַ הינטעל, דאַרף אייביג בעטען גאָט פאַר מיר, וואָס איך האָב איהם ניט פאַרשאָלטען. אַנאַ פּאַוולאָוונאַ פלעגט זיך ביי אַזעלכע ווערטער נאָר צלמ'ען, בגנבה. וואָס ס'איז שייך אָבער איוואַן פּעטראָוויטש'עס ווייב, האָט פּעטער אַנדרייאַיטש אפילו ניט געוואָלט הערען פון איהר, און האָט אפילו אין זיין ענטפער אויף פּעסטאָוו'ס אַ בריעף, אין וועלכען ער האָט איהם דערמאָנט וועגען זיין שנור, געהייסען איהם איבערגעבען, אַז ער הויבט ניט אָן צו וויסען פון קיין פּתרון און פון קיין חלום, ער קען קיין שנור זיינע דערווייל נאָך ניט; אַז דאָס געזעץ פאַרבאָט צו אויפהאַלטען אַנטלאָפענע מיידען, און אַז ער האַלט דאָס פאַר זיין חוב דאָס איהם מודיע צו זיין. שפּעטער אָבער, ווען ער איז געוואָהר געוואָרען וועגען דעם געבורט פון זיין אייניקעל, איז ער אַביסעל ווייכער געוואָרען, באַפוילען אַזוי, הינטערוויילעכטס, זיך דערוויסען, ווי עס פיהלט זיך אין געזונד די געווינערין, האָט איהר צוגעשיקט, אויך כלומר'ש ניט פון זיך, אַביסעלע געלט. פעדיאַ איז נאָך אפילו קיין יאָהר ניט אַלט געווען, בעת אַנאַ פּאַוולאָוונאַ איז פאַרשלאָפט געוואָרען אויף אַ טויטליכער קריינק. עטליכע טעג פאַר איהר סוף, שוין ניט אַראָפּגעהענדיג פונ'ם בעט, האָט זי, מיט טרערעלאַך אין די כמעט אויסגעלאָשענע אויגען, אין דער אָנוועזענהייט פונ'ם גלח, ערקלערט דעם מאַן, אַז זי וויל זעהן און זיך געזעגענען מיט דער שנור און בענשען דאָס אייניקעל. דער

צושראָקענער אַלטער האָט זי באַרוהיגט און גלייך אַוועקגעשיקט זיין אייגענע קאַרעטע נאָך דער שנור, און זי צום ערשטען מאָל אָנגערופען מאַלאַניא סערגעיעוונאַ. זי איז געקומען מיט'ן זוהן און מיט מאַרפאַ טימאָפעיעוונאַ, וועלכע האָט זי באַין אופן ניט געוואָלט אַליין אָפּלאָזען און וואָלט זי שוין באַליידיגען ניט געוועזן געלאָזט. קוים אַ לעבעדיגע פון שרעק איז מאַלאַניא סערגיעוונאַ אריינגעקומען אין'ם קאַבינעט פון פּעטער אַנדרייאַיטש. די ניאַנ־קע האָט הינטער איהר געטראָגען פּעדיאַ'ן. פּעטער אַנדרייאַיטש האָט שווייגענד אַ קוק געטאָן אויף איהר; זי איז צוגעגאַנגען צו זיין האַנט; איהרע ציטערנדע ליפּען האָבען זיך קוים צוזאַמענגע־שלאָסען אין אַ קלאַנגלאָזען קוש.

— נו, פּריש־געבאַקענע פּריצה, — האָט ער ענדליך אַ זאָג געטאָן: — ברוך הבא; קום צו דער באַלעבאָסטע.

ער איז אויפגעשטאַנען און זיך איינגעבויגען צו פּעדיאַ'ן; דאָס קינד האָט אַ שמייכעל געטאָן און האָט זיך צו איהם אַ ציה געטאָן מיט זיינע בלאַסינקע הענטעלאך. דער אַלטער איז פול געוואָרען מיט רחמים.

— אָך יתומ'על! — האָט ער אַ זאָג געטאָן. — האָסט אויס־געגעבעטען אַ מחילה פאַר'ן טאַטען פאַר דיינעם; ניט פאַרלאָזען וועל איך דיר, פויגעלע מיינס.

ווען מאַלאַניא סערגיעוונאַ איז אריינגעקומען אין שלאָף־צימער פון אַנאַ פּאַוולאָוונאַ, האָט זי זיך גלייך אַ וואָרף געטאָן אויף די קניע נעבען דער טיר. אַנאַ פּאַוולאָוונאַ האָט איהר אַ ווינק געטאָן צוקומען צום בעט, האָט זי אַרומגעכאַפּט און גע־בענשט איהר זוהן; נאָכדעם, ווענדענדיג איהר פּנים, וועלכער איז געוועזן אָפּגעצערט פון דער געפעהרליכער קרייִנק, צו איהר מאַן, האָט זי געוואָלט עפּעס אָנפאַנגען צו ריידען...

— איך וויים, איך וויים, וואָס דו ווילסט מיך בעטען, — האָט פּעטער אַנדרייאַיטש אַ זאָג געטאָן: — האָב קיין יסורים ניט: זי וועט שוין בלייבען ביי אונז, און וואַניע'ן וועל איך שוין אויך מוחל זיין צוליעב איהר.

אַנאַ פּאַוולאָוונאַ האָט מיט אַן אָנשטרענגונג געכאַפּט דעם

מאַנ׳ס האנד און צו איהר צוגעדריקט איהרע ליפּען. אין דעם זעלבינגען אָוונט איז זי געשטאָרבען.

פּעטער אנדרייאיטש האָט זיין וואָרט געהאַלטען. ער האָט מודיע געווען דעם זוהן, אַז צוליעב׳ן טויט פון זיין מוטער און צוליעב׳ן פּיצעלע פעאָדאָר׳ן איז ער איהם מוחל און שיקט איהם זיין פאָטערליכע ברכה, און מאַלאַניא סערגיעוונאַ׳ן וועט ער שוין האַלטען ביי זיך. מען האָט איהר אָפּגעגעבען צוויי צימערן אינ׳ם אויבער־שטיבעל, ער האָט איהר פאָרגעשטעלט פאר זיינע וויר־דינסטע געסט, פאר דעם קרומען בריגאַדיר סקורעכינען און זיין פרוי; האָט איהר געשענקט צוויי מיידען און א קאַזאַקעל אלס שיק־אינגעל. מארפא טימאָפעיעוונא האָט זיך מיט איהר געזעג־נענט; זי האָט פיינט געקראָגען גלאַפירען און דריי מאָל זיך צו־קריגט מיט איהר אינ׳ם משך פון איין טאָג.

די אָרימע פרוי האָט זיך געפיהלט אין אָנפאנג עפּעס פרעמד און שווערליך; נאָר נאָכדעם האָט זי זיך אָנגעזעטיגט מיט די צרות און זיך צוגעוועהנט צו איהר שוועהר. ער האָט זיך אויך צו איהר צוגעוועהנט און זי ליעב געקראָגען, הגם ער האָט כמעט מיט איהר קיינמאָל ניט גערעדט, כאָטש אין זיינע צערטליכקיי־טען האָט זיך געשפּירט עפּעס א מין ניט־ווילענדיגע פאראכטונג. מעהר פון אַלעם האָט מאַלאַניא סערגיעוונא געליטען פון איהר שוועגערין. גלאַפירא האָט נאָך ביי דער מוטערס לעבען צובים־לאָך אריינגעכאַפּט דאָס גאַנצע הויז אין איהרע הענט; אַלע, אפילו דער פאָטער אַליין, האָבען איהר געפאָלגט; אָהן איהר באַפעהל האָט מען אפילו קיין שטיקעל צוקער ניט ארויסגעגעבען; זי וואָלט גיכער מרוצה געוואָרען צו שטאַרבען, איידער זיך טיילען מיט איהר מאכט מיט אַן אנדער באַלעבאָסטע, — און נאָך מיט א וואָסערער באַלעבאָסטע! דעם ברודער׳ס חתונה האָט איהר נאָך מעהר געערגערט, ווי פּעטער אנדרייאיטש׳ען: זי האָט זיך א נעהם געטאָן אָנצולערנען די נייע, פריש־געבאַקענע פּריצה, און מאַלאַניא סערגיעוונא איז פון דער ערשטער מינוט טאַקע געוואָ־רען איהר שקלאַפין. און ווי טאַקע האָט זי געקענט קעמפען גע־גען דער האַרטנעקיגער, גדול׳דיגער גלאַפירא, זי — אַזא מילדע, אַזא אָנגעשראָקענע און א שוואכע? קיין איין טאָג איז ניט אַריי־

בער אז גלאפירא פּעטראָווגא זאָל איהר ניט אויפוואַרפען איהר צמאָליגע לאַגע, אז זי זאָל איהר ניט ליבען דערפאַר, וואָס זי פאַרגעסט זיך ניט. מאַלאַניע סערגעיעוונא וואָלט שוין ווי עס איז איבערגעטראָגען אָט די אַלע אָנדרייטונגען און ליב־געזאַנגען, ווי ביטער זיי זיינען ניט געווען... נאָר מען האָט ביי איהר צוגע־נומען פעדיא'ן: אָט דאָס האָט איהר שוין גאָר דערהרג'ט. אונטער'ן אויסרייד, אז זי איז ניט ביכולת צו פאַרנעמען זיך מיט זיין ער־ציהונג, האָט מען זי פּשוט צו איהם ניט צוגעלאָזט; גלאפירא האָט זיך דערצו גענומען; דאָס קינד איז אינגאַנצען געבליבען אונטער איהר השגחה. מאַלאַניא סערגיעוונא האָט פון יסורים אָנגעפאַנגען צו בעטען אין איהרע בריעף צו איוואַן פּעטראָ־וויטש'ען, אז ער זאָל גיכער קומען אהיים; פּעטער אַנדרייאַיטש אַליין האָט זיך געוואָלט זעהן מיט'ן זוהן; נאָר ער פלעגט נאָר אָפּקומען מיט'ן שרייבען, אָנדאַנקען דעם פאָטער פאַר דער פרוי, פאַר'ן צוגעשיקטען געלד, צוזאָגען, אז ער וועט אין גיכען קומען, — און איז ניט געקומען. דאָס צוועלפטע יאָהר*) האָט איהם ענדליך מטריח געווען פון אויסלאַנד. די באַגעגעניש צווישען פאָטער און זוהן, נאָך א זעקס־יאָהריגער צושיידונג איז אראָפּ גלאַט: דער טאַטע מיט'ן זוהן האָבען זיך ארומגעכאַפּט, צוקושט און אפילו קיין וואָרט ניט דערמאָנט וועגען די אַמאָליגע צאַנקע־רייען; וועמען איז דאָס דעמאָלט אין קאָפּ אריין געקראָכען? גאַנץ רוסלאַנד האָט זיך אויפגעהויבען געגען שונא, און ביידע האָבען דערפיהלט, אז דאָס רוסישע בלוט פליסט אין זייערע אָדערען. פּעטער אַנדרייאַיטש האָט אויף זיין אייגענעם חשבון באַקליידט א גאַנצען פּאָלק סאָלדאַטען. נאָר די מלחמה האָט זיך געענדיגט, די סכנה איז אַריבער: איוואַן פּעטראָוויטש האָט זיך ווייטער פאַרבענקט, און ווידער האָט איהם א ציה געטאָן יענע ווייטע וועלט, מיט וועלכער ער איז שוין צוזאַמענגעוואַקסען געוואָרען, און, וואו ער האָט זיך געפיהלט היימיש. מאַלאַניא סערגיעוונא האָט איהם ניט געקענט אָפּהאַלטען; זי איז ביי איהם געווען ניט אַזאַ גרויסער באַטרעף. אפילו איהרע האָפנונגען זיינען

*) 1812.

אויך ניט מקוים געוואָרען: איהר מאַן האָט אויך באַשלאָסען, אַז עס איז אַ סך לייטישער איבערצוגעבען גלאַפירען די ערציהונג פון פעדיאַ׳ן. די אָרעמע פרוי פון איוואַן פעטראָוויטש׳ען האָט אזא קלאַפּ ניט געקענט אריבערטראָגען: זי האָט ניט איבערגע־טראָגען די צווייטע צושיידונג: שטיל, אָהן אַ מורמעל, איז איהר נשמה אויסגעלאָשען געוואָרען אין איינע עטליכע טעג. פאַר׳ן משך פון איהר גאַנצען לעבען האָט זי זיך קיין זאַך ניט געקענט ווידערשטעלען, און אויך מיט דער קריינק האָט זי ניט געקעמפט. זי האָט שוין ניט געקענט ריידען, די קברים־שאָטענס האָבען זיך שוין אויסגעצויגען אויף איהר פנים, נאָר איהרע שטריכען האָבען, ווי פריהער, אויסגעדריקט אַ געדולדיגע פאַרלעגענהייט און אַ שטענדיגע זאַנפטיגקייט פון עניוות; זי האָט אַלץ געקוקט מיט יענער שטומער אונטערטעניגקייט אויף גלאַפירא׳ן, און ווי אַנאַ פּאַוולאָוונאַ, האָט זי אויפ׳ן טויטענבעט אַ קוש געטאָן די האַנט פון פעטער אַנדרייאַיטש׳ען, פונקט אַזוי האָט זי זיך צוגעטוליעט צו גלאַפּירא׳ס האַנט, איבערגעבענדיג איהר, גלאַפירא׳ן, איהר בן־יחיד. אַזוי האָט געענדיגט איהר ערדיש לעבען אַ שטילע און גוטע נשמה, וועלכע איז אַרויסגעריסען געוואָרען, גאָט ווייס צו־ליעב וואָס, פון איהר היימישען באָדען, און באַלד אַוועקגעשליי־דערט געוואָרען, ווי אַן אויסגעריסען בוימעלע, מיט די וואָרצלען אויף דער זון; זי איז פאַרוועלקט געוואָרען, פאַרלאָרען געוואָרען אָהן דעם מינדסטען שפור, און קיינער האָט אפילו נאָך איהר ניט געקלאָגט. מאַלאַניאַ סערגיעוונאַ האָט נאָר באַנג געטאָן איה־רע דיענסט־מיידלעך און אויך פעטער אנדרייאַיטש׳ען. דעם אַל־טען איז אָפּגעגאַנגען איהר שווייגענדע אַנוועזענהייט. „זיי מיר מוחל מיין מילדינקע!״ האָט ער אַ בורטשע געטאָן, בוקענדיג זיך צו איהר דעם לעצטען מאָל, אין קלויסטער. ער האָט געוויינט, בעת ער האָט אַריינגעוואָרפען אַ הויפען ערד אין קבר אריין.

ער אַליין האָט זי ניט מיט קיין סך איבערגעלעבט, ניט מעהר ווי מיט פינף יאָהר. אין 1819, אום ווינטער, איז ער שטיל געשטאָרבען אין מאָסקווע, וואוהין ער האָט זיך איבערגעקליבען מיט גלאַפירא׳ן און מיט׳ן איינִיקעל. אין זיין צוואה האָט ער גע־בעטען מען זאָל איהם באַגראָבען נעבען אַנאַ פּאַוולאָוונאַ און אויך

נעבען „מאלאשען”. איוואן פעטראָוויטש איז דעמאָלט געווען אין פאריז, אויף א לוסט־רייזע; ער איז ארויס פון דיענסט באלד נאָכ'ן יאָהר 1815. ווען ער האָט זיך דערוואוסט פונ'ם פאָטער'ס טויט, האָט ער באשלאָסען זיך אומקעהרען קיין רוסלאנד. מען האָט געמוזט א טראכט טאָן וועגען דער איינאָרדנונג פון דעם גוט און פעדיא איז, לויט גלאפיראַ'ס בריעף, שוין געגאנגען אויפ'ן דרייצעהנטען יאָהר, עס איז שוין געקומען די צייט ערנסט זיך א נעהם טאָן צו זיין ערציהונג.

10.

איוואן פעטראָוויטש איז צוריקגעקומען קיין רוסלאנד א פארקאָכטער ענגלענדער. קורץ־געשוירענע האָר, אָנגעקראָכמאלטע בלענדעלאך, א לאנגער סירדוט מיט א סך קעלנערלאך, א זויערער אויסדרוק אויפ'ן פנים, עפּעס א מין האסטיגע און אין דערזעלביגער צייט גלייכגילטיגע באנעמונג, א סאָרט ריידען דורך די צייהן, א הילצערנער און פלוצלונגער געלעכטער, די אָבוועזענהייט פון א שמייכעלע, אן אויסשליסליך פּאָליטישער און פּאָליטיש־עקאָנאָמישער געשפּרעך, א תאוה צו בלוטיגע ראָסטביפען און צו פּאָרט־וויין — פון אלעם האָט אין איהם פשוט געשטראָמט מיט גרויס־בריטאניען; אינגאנצען איז ער געווען דורכגעזאָפּט מיט איהר גייסט. נאָר — פלא פלאים! א פארקאָכטער ענגלענדער — איז איוואן פעטראָוויטש אויך געוואָרען א פאטריאָט, אלענפאלס האָט ער זיך אליין גערופען פאטריאָט, הגם רוסלאנד האָט ער זעהר ווינציג געקענט, ניט געהאלטען פון קיין איין רוסישער געוועהנהייט און זעהר מאָדנע זיך דורכגערעדט אויף רוסיש: אין א געוועהנליכען שמועס איז זיין שפּראך, א אומגעלומפּערטע און א צוקראָכענע, אינגאנצען געווען דורכגעצאצקעט מיט גאלליציזמען; נאָר קוים האָט דער געשפּרעך באריהרט וויכטיגע פראגען האָבען זיך ביי איוואן פעטראָוויטש'ען גלייך ארויסגעגליטשט אזעלכע אויסדרו־קען ווי, למשל: „אָנווענדען די נייע ערפאהרונגען פון זעלבסט־פלייסיגקייט”, „דאָס איז אין אנקלאנג מיט'ן מהות פון די באַ־דינגען” א. אז. וו. א. אז. וו. איוואן פעטראָוויטש האָט מיט זיך

געבראכט עטליכע מאנוסקריפט־פלענער, וואס האבען געהאט א שייכות צו דער איינארדנונג און פארבעסערונג פון דער רעגירונג; ער איז זעהר געווען אומצופריעדען מיט אלעס, וואס ער האט געזעהן — ספּעציעל פלעגט אין איהם די סיסטעמלאזיגקייט ער־וועקען א סך ביטערקייט. ביי דער ערשטער באגעגעניש מיט דער שוועסטער, האט ער איהר גלייך ערקלערט, אז ער האט בדעה איינצופיהרען גרונטליכע ענדערונגען, אז ווייטער וועט ביי איהם אלעס געהן לויט א נייעם סיסטעם. גלאפירא פעטראווונא האט גאר ניט געענטפערט איוואן פעטראוויטש'ען, נאר זי האט צונויפ־געדריקט איהרע צייהן און א קלער געטאן: „וואוהין־זשע וועל איך זיך אהינטאן?" — אלענפאלס, ווען זי איז געקומען אין דארף אריין מיט'ן ברודער און מיט'ן פלימעניק, האט זי זיך באלד בארוהיגט. אין הויז זיינען טאקע געמאכט געווארען איי־ניגע ענדערונגען: די מקבלים און פאראזיטען האט מען גלייך צוטריבען; צווישען זיי זיינען נעבעך אפּגעקומען צוויי אלטע פרויען, איינע — א בלינדע, די צווייטע — א פאראליזירטע און נאך אן אלטינקער מאיאר פון אטשאקאווער צייטען, וועמען מען פלעגט האדעווען נאר מיט שווארצען ברויט און מיט לינזען, מחמת ער איז געווען א מסוכנ'ער אכל'ער, ר"ל. עס איז אויך ארויס א באפעהל ניט אויפנעהמען די אמאליגע געסט: אויף זייער פלאץ פלעגט קומען א ווייטער שכן, עפּעס א בלאנדער, שקראפעליטש־נער באראן, א זעהר וואויל ערצויגענער און א זעהר גארישער מענש. מען האט באלד באצויגען נייע מעבעל פון מאסקווע; עס האבען זיך באוויזען שפּיי־קעסטלעך, גלעקעלעך, מאדנע ווייי־נען האבען פארטריבען דעם שנאפּס און די היימיש־פארפראוועטע משקאות; די משרתים האט מען אויפגענעהט נייע ליווריייעס; צום פאמיליען־הערב איז צוגעלעגט געווארען דער אויפשריפט: "In recto virtus. . ." באמת אבער איז די מאכט פון גלאפי־רא פעטאוונא ניט פארקלענערט געווארען: אלע אויסצאהלונגען און קניות זיינען, ווי פריהער, געמאכט געווארען אונטער איהר אויפזיכט; דער, פון אויסלאנד באצויגענער, קאמערדיענער, אן עלזאסער, האט זיך אפילו א פרואוו געטאן פארמעסטען מיט איהר — ער האט אבער פארלארען זיין שטעלע, הגם דער פריץ

אליין האָט פון איהם גראד געהאלטען און איהם געשיצט. בנוגע דער באלעבאטישקייט, דער השגחה אויפ'ן גוט (גלאפירא פעט־ראוונא פלעגט זיך מישען אויך אין די ענינים) איז, ניט קוקענדיג אויף דעם פיעל מאָל אויסגעדריקטען פארלאנג פון איוואן פעט־ראָוויטש'ען: אריינבלאָזען א נייעם לעבען אין אָט דעם תהו ובהו — פונדעסטוועגען אלעס געבליבען ביים אַלטען, נאָר דער קאָפּ־שטייער איז אביסעל פארגרעסערט געווארען און די פּאַנ־שטשינע שווערער געוואָרען, און די פּויערים האָט מען פארבאָטען דירעקט זיך צו ווענדען צום איוואן פעטראָוויטש'ען. דער פאַט־ריאָט האָט שוין עפּעס זעהר פּאַראכטעט זיינע מיטבירגער. דאָס סיסטעם פון איוואן פעטראָוויטש'ען איז אין זיין גאנצער קראפט אָנגעווענדעט געווארען צו פעדיא'ן: זיין ערציהונג האָט באמת זיך „גרונטליך געענדערט": דער פאָטער האָט זיך אויסשליסליך באשעפטיגט מיט איהם.

11.

ביז איוואן פעטראוויטש איז געקומען פון אויסלאנד, איז פעד־יא געווען, ווי שוין געזאגט, אונטער דער אויפזיכט פון גלאפריא פעטראוונא. ער איז אפילו קיין אכט יאהר ניט אלט געווען בעת זיין מוטער איז געשטארבען, ער פלעגט זי זעהן יעדען טאָג און האָט זי מסוכן ליעב געקראגען. די עראינערונג פון איהר, פון איהר שטילען און בלאסען פנים, פון איהרע טרויעריגע בליקען און שרע־קענדיגע צערטליכקייטען, האָבען זיך אויף אייביג איינגעקריצט אין זיין הארצען; ער האָט אבער קוים־קוים פארשטאנען איהר לאגע אין הויז; ער האָט געפיהלט, אז צווישען איהם און איהר עקזיסטירט א צוים, וועלכע זי וואגט ניט און קען ניט צושטערען. דעם פאָטער האָט ער אויסגעמיידט, און איוואן פעטראָוויטש אליין פלעגט איהם קיינמאָל ניט צערטלען; דער זיידע פלעגט איהם גלעטען איבער'ן קעפּעל און האָט איהם צוגעלאָזט קושען די האנט, האָט איהם אבער געקרוינט און געהאלטען פאר א נארעלע. נאָכ'ן טוידט פון מאלאניא סערגעיעוונא, האָט די מוהמע איהם אינגאנצען אריינגענומען אין איהרע הענט. פעדיא האָט פאר איהר מורא גע־

האט, זיך געשראקען פאר איהרע ליכטיגע און שפּיזיגע אויגען, פאר איהר שניידענדען קול; ער האט ניט געוואגט אפילו א פּיפּס טאָן איהר אין די אויגען; און פלעגט ער זיך נאר א רודער טאָן, פלעגט זי גליך א שיפּע טאָן: „וואוהין? זיץ גלייך!" אום זונטאג, נאך די מארגען־תפילות, האט מען איהם ערלויבט זיך צו שפּיעלען, ד. ה. מען האט איהם געגעבען א גראבען, סודות־פולען בוך, דאס ווערק פון איינעם עפּעס א מאקסימאָוויטש־אמבאָדיק מיט'ן טי־טול: „סימבאָלען און עמבלעמען". אין אט דעם בוך זיינען גע־ווען א טויזענד טיילווייז גאנץ פארשטעלטע צייכנונגען, מיט פּונקט אזעלכע פארשטעלטע ערקלעהרונגען אין פינף שפּראכען. קופּיד, מיט א הוילען און געשוואָלענעם קערפּער, האט געשפּיעלט די גרעסטע ראָלע אין אט די צייכנונגען. איינע פון אט די צייכ־נונגען, מיט'ן נאָמען: „זאפּראן און רעגענבויגען", האט געהאט אזא מין פּירוש: „די ווירקונג דערפון איז גרויס". אונטער אן אנדער צייכנונג, וואס האט פארגעשטעלט א פליהענדען בושעל מיט א פּיילכען אין שנאבעל, איז געווען אזא פּירוש: „דיר זיינען זיי אלע באוואוסט". — „קופּיד און א בער, וועלכער לעקט ארום זיין קליין בערעלע", האבען באדייט: „מיט דער צייט" אדער: „טריט־ביי־טריט". פעדיא פלעגט באטראכטען אט די צייכנונגען; אלע זיינען איהם געווען באקאנט ביז דער לעצטער קלייניגקייט; מאנכע, שטענדיג איינע און די זעלביגע, פלעגען ארויסרופען ביי איהם געדאנקען און וועקען זיין פארשטעלונגס־קראפט; קיין אנ־דערע פארוויילונגען האט ער ניט געהאט. ווען די צייט איז געקו־מען צו לערנען איהם שפּראכען און מוזיק, האט גלאפירא פּעט־ראוונא געדונגען, בחצי חנם, עפּעס אן אלטע מויד, א שוועדין מיט האזענע אויגען, וועלכע האט קוים, מיט צרות געררעדט פראנצויזיש און דייטש, ווי ס'ניט איז געשפּיעלט אויף א פּיאנע, און אויסער דעם פלעגט זי גלענצענד זייערן אוגערקעס. פיער יאהר האט פעדיא פארבראכט אין דער געזעלשאפט פון אט דער ערציהערן, פון דער מוהמע און נאך פון עפּעס אן אלטער פּאָקאָיאווע, וואסיליעוונא. אמאל פלעגט פעדיא זיך פארקלייבען ערגעץ אין א ווינקעלע מיט זיינע „עמבלעמען" — און זיצען... זיצען... אינ'ם נידעריגען צי־מער שמעקט מיט לוביסטיק, א חלב'ן ליכטעל צאנקט דארט טונ־

קעל, דער סוויסטשון פייפט אויס זיין מאַנאַטאַן לידעל, אקוראט ווי ער וואָלט געזונגען דאָס ליעד פון ביינקעניש, דער קליינער וואנט־זייגער קלאפט איילענדיג זיין טיק־טאק, א מייזעלע גנב׳עט זיך אונ־טערן שפאליער און גראבעלט דאָרטען, און דריי אלטע מיידען, אקו־ראט ווי די פארצען*) זיצען שטיל און ארבייטען פלינק מיט דריט־לאך, די שאָטענס פון זייערע הענט אט לויפען זיי, אָט ציטערן זיי מאָדנע אויף אין דער בין־השמשות טונקעלהייט און עפעס מאָדנע און טונקעלע געדאנקען טומלען זיך אינ׳ם קעפעל פונ׳ם קינד. קיי־נער וואלט אויף פעדיא׳ן ניט געזאָגט, אז ער איז אן אָנציהענד קינד: ער איז געווען גאנץ בלאס, נאָר גראָב, ניט גלאטיג געבויט און עפעס ניט רירעווודיג, — אן אמת׳ער פויער, ווי גלאפירא פעט־ראוונא פלעגט זאָגען; די בלאסקייט וואָלט מן הסתם שנעל פאר־שוואונדען פון זיין פנים ווען מען וואָלט איהם אָפטער ארויסגעלאָ־זען אויף דער לופט. געלערענט האָט ער זיך ניש־קשה׳דיג, הגם אָפט האָט ער זיך געפוילט; ער האָט קיינמאָל ניט געוויינט; דערפאר פלעגט זיך אויף איהם צייטענווייז אָנרוקען עפעס א מין ווילדע עקשנות; דעמאָלט האָט שוין קיינער מיט איהם ניט גע־קענט אויסקומען. פעדיא האָט קיינעם פון די ארומיגע מענשען ניט ליעב געהאט... וועה איז צו דעם הארץ, וואס האָט ניט ליעב גע־האט אין דער קינדהייט!

אָט אזוי אַ האָט איהם איוואן פעטראוויטש געטראפען און, ניט פארשווענדענדיג קיין צייט, האָט ער זיך א נעהם געטאָן אָנווענדען אויף איהם זיין סיסטעם. — „איך וויל פון איהם פריהער פון אלעם מאכען א מענשען, un homme, — האָט ער א זאָג גע־טאָן גלאפירא פעטראָוונא׳ן: — און ניט נאָר קיין מענשען נאָר א ספארטאנער. — אָנגעפאנגען האָט איוואן פעטראוויטש דורכצו־פיהרען אָט דעם געדאנק זיינעם דערפון, וואָס ער האָט איהם באלד באקליידט מיט א שאָטלאנדער קאָסטיום: דאָס צוועלף־יאהריגע איינגעל האָט אָנגעפאנגען ארומשפאצירען מיט נאקעטע ליטקעס, מיט א פעדער אויפ׳ן אָפגעטאָקטען היטעלע; אויפ׳ן אָרט פון דער

---

*) אין דער גריכישער מיטהאָלאָגיע די דריי טעכטער פון זעאוס׳ן, וואס זיינען ממונה, אויפ׳ן מענשליכען לעבען און טויט.

שווערין האָט מען צוגענומען א יונגען שווייצער, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט גימנאַסטיק מיט אלע תג׳ן; מוזיק, אלס אַן אומווירדיגע באשעפטיגונג פאר א מאַנספּארשוין, האָט מען אויף שטענדיג ארויסגעטריבען; נאטור־וויסענשאפטען, דאָס אינטערנאציאַנאלע רעכט, מאטעמאטיק, סטאָלעריי, ווי דזשאַן דזשאַק רוססאָ עצה׳ט, און העראַלדיק, כדי אויפצוהאלטען די ריטערליכע געפיהלען — אָט דאָס האָט געדארפט זיין די באשעפטיגונג פונ׳ם צוקונפטיגען „מענשען”; פיער אזייגער פלעגט מען איהם אויפוועקען, באלד אפגיסען מיט קאלטע וואסער און מען האָט איהם געצוואונגען צו לויפען ארום א הויכען סלופּ אויף א שטריק; געגעסען האָט ער איין מאָל אין טאָג, איין מאכל, געפאָהרען רייטענדיג, געשאָסען פון א פיילענבויגען; ביי יעדער גוטער געלעגענהייט האָט ער זיך איינגעאיבט, לויט׳ן פאטער׳ס ביישפּיעל, צו פארהארטעווען זיין ווילען, און אלע אווענט האָט ער אריינגעפיהרט אין א פּריוואטען בוך א באריכט פון דעם פארגאנגענעם טאָג און זיינע איינדריקען; און איוואן פּעטראוויטש האָט איהם פון זיין זייט אָנגעשריבען אינסטרוקציעס אויף פראנצויזיש, אין וועלכע ער פלעגט איהם רופען mon fils, און געזאָגט: Vous*.) אויף רוסיש האָט פעדיא גע„דו”צט דעם פאָטער, נאָר ער האָט ניט געוואגט זיך זעצען אין זיין אנוועזענהייט. דאָס „סיסטעם” האָט גאָר צעמישט דעם אינגעל׳ס געדאנקען, האָט אריינגעבראכט א מיש־מאש אין זיין קאָפּ, האָט איהם צוגעדריקט; נאָר דערפאר האָט דער נייער ארט לעבען גוט געווירקט אויף זיין געזונד: לכתחילה האָט איהם אפילו א כאפּ געטאָן א היציגע קריינק, נאָר ער האָט זיך אין גיכען געשטעלט אויף די פּיס און געוואָרען א מענש. דער פאָטער פלעגט זיך באריהמען מיט איהם און איהם אָנרופען אויף זיין מאָדנער שפּראך: „א זוהן פון דער נאטור, דאָס ווערק מיינס”. ווען פעדיא איז אריבער דאָס זעכצעהנטע יאהר, האָט איוואן פּעטראוויטש באשלאָסען אז ער איז מחויב אין איהם איינצופלאנצען א פאראכטונג צום פרויען־געשלעכט, — און דער יונגער ספּארטאנער, מיט א פלאָטערניש אין דער נשמה, מיט׳ן ערשטען פוך אויף די ליפּען, פול

*) איהר, געאיהרצט.

מיט זאפטען, כחות און בלוט, האט שוין פרובירט זיך ארויסציי־
גען גלייכגילטיג, קאלט און גראב.

דערווייל איז די צייט געגאנגען און געגאנגען. איוואן פעט־
ראוויטש פלעגט פארברענגען די גרעסטע טייל פון איהר אין לאוו־
ריקי (אזוי האט געהייסען זיין הויפט ירושה־גוט, און ווינטער פלעגט
ער פאהרען קיין מאסקווע אליין, פלעגט פארפאהרען אין א טראק־
טיר, פלייסיג באזוכען דעם קלוב, האלטען רעדעס און ענטוויקלען
זיינע פלענער אין די גאסט־צימערן און מעהר ווי ווען ס'ניט איז זיך
האלטען ווי א פארקאכטער ענגלענדער, א מוכיח און א שטאאטס־
מאן. נאר געקומען איז דאס יאהר 1825 און געגוג צרות געבראכט
מיט זיך. די נאהענטע באקאנטע און פריינד פון איוואן פעט־
ראוויטשען זיינען אויסגעשטאנען ביטערע נסיונות. איוואן פעט־
ראוויטש האט זיך שנעל אפגעטראגען צו זיך אין דארף אריין און
זיך פארשלאסען ביי זיך אין הויז. עס איז אוועק נאך א יאהר,
און איוואן פעטראוויטש האט פלוצלונג אנגעפאנגען צו קרענקען,
איז אפגעשוואכט געווארען און זיך אפגעלאזט; דאס געזונט האט
איהם פארראטען. א פריידענקער — האט ער אנגעפאנגען צו געהן
אין קלויסטער, באשטעלען תפילות; א אייראפעער — האט ער
אנגעפאנגען צו באזוכען די שוויץ־באד, עסען מיטאג ארום צוויי
א זייגער, געהן שלאפען ניין אזייגער און איינשלאפען אונטער דער
פלאפלעריי פונ'ם הויף־אקאנאם; א שטאאטסמאן — האט ער
פארברענט אלע זיינע פלענער, זיין גאנצע קארעספאנדענץ, גע־
ציטערט פאר'ן גובערנאטאר און געפלאטערט פאר'ן איספראווניק;
א מענש מיט א שטארקען ווילען — פלעגט ער כניקען און זיך בא־
קלאגען ווען ס'איז איהם ארויסגעשפרונגען א בלאטערל, ווען מען
האט איהם דערלאנגט א טעלער קאלטען זופ. גלאפירא פעטראוונא
האט ווידער א מאל באהערשט דאס גאנצע הויז, ווידער א מאל
האבען אנגעפאנגען אריינצוקומען דורך דער הינטער־טיר קראם־
אנגעשטעלטע, בירגערמייסטערס, איינפאכע פויערים צו דער „אל־
טער קאך־לעפעל", אזוי האבען איהר די הויז־באדיענטע גערופען.

די ענדערונג אין איוואן פעטראוויטשען האט שטארק געטראפען
זיין זוהן; ער איז שוין געגאנגען אויף'ן ניינצעהנטען יאהר,
און ער האט שוין אנגעפאנגען צו טראכטען און זיך בישלאכווייז

ארויסרוקען פון אונטער דער דריקענדער האנט. ער האָט אויך פריהער באמערקט א דיסאָנאָנס צווישען די ווערטער און די מעשים פון׳ם פאָטער, צווישען זיינע ברייטע ליבעראלע טעאָריעס און זיין פארהארטעוועטען קליינליכען דעספּאָטיזם; נאָר ער האָט ניט ערווארטעט אזא פּלוצליכע ענדערונג. דער פארבאקענער עגאָאיסט האָט זיך פּלוצלונג אינגאנצען ארויסגעצייגט. דער יונגער לאוורעצקי האָט זיך געגרייט אפּפאָהרען קיין מאָסקווע, אנצוקומען אין אוניווערזיטעט, — און א אומגעריכטע נייע צרה האָט באטראָפען איוואן פּעטראָוויטשען: ער איז בלינד געווארען און בלינד געווארען האָפּנונגסלאָז, אין איין טאָג.

צו די רוסישע דאָקטוירים האָט ער ווייניג צוטרויען געהאט, און ער האָט זיך פּלייסיג א נעם געטאָן ארויסצוקריגען אן ערלויבעניש כדי אפּפאָהרען אין אויסלאנד. האָט מען איהם אפּגעזאָגט. דעמאָלט האָט ער מיטגענומען דעם זוהן און האָט זיך ארומגעשלעפּט גאנצע דריי יאהר איבער רוסלאנד פון איין דאקטאר צום צווייטען, פון איין שטאָדט אין דער אנדערער, ארויסברייגנענדיג פון די כלים די דאקטוירים, דעם זוהן, די דיענערשאפט מיט זיין שרעקעדיגקייט און אומגעדולדיגקייט. און אמת׳ע שמאטע, א וויינענדיג קאפּריזנע קינד האָט ער זיך אומגעקערט צוריק אין לאוורעצקי. א ביטערע צייט איז אָנגעקומען; אלע האָבען זיך אָנגעליטען פון איהם. נאָר בעת׳ן עסען איז איוואן פּעטראָוויטש אנשטילט געוואָרען; קיינמאָל האָט ער אזוי גיהיריג, אזוי פיעל ניט גענעסען; די גאנצע איבריגע צייט האָט ער ניט זיך, ניט קיין אנדערע קיין רוהה ניט גענעבען. ער האָט מתפּלל געווען, מתרעם געווען אויף זיין ביטער מזל, געזידעלט זיך, געזידעלט די פּאָליטיק, זיין סיסטעם, געזידעלט אלעם מיט וואס ער האָט זיך באריהמט און זיך געשעמט, מיט אלעם, וואָס ער האָט אמאָל ארויסגעשטעלט דעם זוהן אלס ביישפּיעל; געהאלטען אין חזר׳ען, אז ער גלויבט ניט אין גאָר ניט, און האָט ווייטער מתפּלל געווען; האָט קיין איין רגע אפילו ניט געקענט אריבערטראָגען קיין איינזאמקייט און האָט געפאָדערט פון זיינע היימישע, זיי זאָלען שטענדיג, ביי טאָג און ביי נאכט זיצען נעבען זיין שטוהל און פאראינ־

טערעסירען איהם מיט מעשיות, וועלכע ער האָט אלע איבערגע, י־
סען מיט אויסגעשרייען „איהר לייגט נאָר, — ס'אַרא דומהייט!"
מעהר פון אלעמען האָט געליטען גלאַפירא פּעטראָוונאַ; ער
האָט זיך אָהן איהר אבסאלוט ניט געקענט באַגעהן — און זי האָט
ביז'ן סוף ערפילט אלע זיינע משוגעת'ן, הגם אמאָל פלעג זי איהם
ניט ענטפערן גלייך, כדי מיט'ן קלאַנג פון איהר קול ניט ארויסצו־
נעבען דעם צאָרן, וואס האָט זי געשטיקט. אזוי האָט ער אָפּגע־
סקריפּעט נאָך צוויי יאָהר און איז געשטארבען אין די ערשטע
טעג פון מאי, בעת מען האָט איהם ארויסגעטראגען אויפ'ן באַל־
קאָן, געגען דער זון. „גלאשקא, גלאשקא! אביסעלע בוליאנטשיק,
אביסעלע בוליאנטשיק, אלטער נ־א־א־א..." האָט זיין צונג, וואָס
האָט שוין געהאלטען אין געלעגערט ווערען, ארויסגעשטאמעלט און,
ניט דערענדיגענדיג דאָס לעצטע וואָרט, איז ער אנשוויגען געוואָרען
אויף אייביג. גלאַפירא פּעטראָוונא, וועלכע האָט נאָר־וואָס געהאט
אויסגעכאפּט א טעפּעלע בוליאן פונ'ם אקאָנאָם'ס הענט, איז שטעהן
געבליבען, א קוק געטאָן דעם ברודער גלייך אין פּנים, פּאמעלאך,
ברייט זיך איבערגע'צלם'ט און איז אוועק שטיל; דער זוהן, וואס
איז דאָ געווען האָט אויך גאר ניט געזאָגט, זיך אָנגעשפּארט אויף
דעם פּארענטש פונ'ם באַלקאָן און האָט לאַנג געקוקט אין סאָד,
וואָס האָט געשמעקט, זיך געגרינט, געגלאַנצט אין די שטראהלען
פון דער גילדערנער פריהלינגס־זון. ער איז אלט געווען דריי־און־
צוואנציג יאָהר! דאָס לעבען האָט זיך פאר איהם געעפענט.

.12

מקבר געווען דעם פאָטער האָט דער יונגער לאַווריעצקי, אי־
בערגעגעבען דער זעלביגער אומפארמיידליכער גלאַפירא פּעטראָוו־
נאַ די באַלעבאַטישקייט און דעם אויפזיכט איבער די משרתים
און איז אליין אָפּגעפאָהרען קיין מאָסקווא, וואוהין עס האָט איהם
געצויגען א טונקעלער, נאָר שטארקער געפיהל. ער האָט דערשפּירט
די חסרונות פון זיין ערציהונג און האָט זיך פארמאָסטען ווי ווייט
מעגליך אָנצואיאָגען דאָס אוועקגעלאַנגענע. אין די לעצטע פינף
יאהר האָט ער פיעלעס דורכגעלייענט און עפּעס דערזעהען; א סך

גערדאנקען האָבען אריבערגעוואנדערט צו איהם אין קאָפּ אריין; יעדער פּראָפעסאר וואלט איהם מקנא געווען אויף מאנכע פון זיי־נע ידיעות, נאָר אין דער זעלביגער צייט האָט ער ניט געוואוסט א סך זאכען, וואס זיינען יעדען גימנאזיסט שוין פון לאנג באַ־קאנט. לאוורעצקי האָט געשפּירט, אז ער איז פריי; בסוד האָט ער זיך געפּיהלט פאר א צודרעהטען. א שלעכטען שפּאס האָט דער פּארקאכטער ענגלענדער געטריבען מיט זיין זוהן; די קאפּריזנע ערציהונג האָט געבראכט איהרע פרוכטען. פיעלע יאהרען האָט ער זיך אָהן א פארוואס ערנידעריגט פאר זיין פּאָטער; און ווען ער האָט איהם ענדליך באגריפען, איז די זאך שוין געווען אפּגעטאָן, די געוועהנהייטען האָבען זיך שוין געהאט איינגעווארצעלט. ער האָט זיך ניט געקענט צוזאמענקומען מיט קיין מענשען: צו דריי־און־צוואנציג יאהר, מיט א פייערדיגען דורשט נאָך ליעבע אין זיין צוטומעלט הארץ, האָט ער נאָך קיין איין פרוי ניט א קוק געטאָן גלייך אין די אויגען. מיט זיין קלאָרען און געזונטען, נאָר עטוואס פאר׳דביקה׳טען פארשטאנד, מיט זיין נייגונג צו עקשנות, באַאָב־אכטונג און פוילקייט, וואלט ער געדארפט געווען פון זיינע פריה־סטע יאהרען אָן אריינפאלען אינ׳ם לעבענס־קאָך, האָט מען איהם אבער איינגעהאלטען אין קינסטליכער איינזאמקייט... און אָט האָט געפּלאצט דער פאר׳כשופ׳טער קרייז, און ער איז נאָך אלץ גע־שטאנען אויף איין ארט, א פארשלאָסענער און צוזאמענגעפּרעס־טער אין זיך גופא. עס איז געווען לעכערליך אין זיינע יאהרען אָנצוטאָן א סטודענטען־מונדיר; ער האָט אָבער זיך ניט געשרא־קען פאר קיין לצנות: זיין ספּארטאנישע ערציהונג איז איהם כאָטש צונויף־געקומען דערמיט, וואס זי האָט ענטוויקעלט אין איהם א מין פּאראכטונג צו פרעמדע פּלוידערייען, — און ער האָט אָנגע־טאָן, אָהן דער קלענסטער פארלעגענהייט, דעם סטודענטען־מונ־דיר. ער איז אריין אין דער פיזיש־מאטעמאטישער אפּטיילונג. א געזונטער, א רויטבאקיגער, שוין מיט א פארוואקסענער באָרד, האָט ער געמאכט א מאָדנעם איינדרוק אויף זיינע חברים; זיי האָבען אפילו קיין אהנונג ניט געהאט, אז אָט דער שטרענגער מאן, וואס פלעגט פּינקטליך קומען צו די לעקציעס מיט א פּאָר פערד, איינגעשפּאנט אין א ברייטען דאָרפישען שליטען, איז כמעט גע־

זוען אַ קינד. ער האָט זיך זיי פאַרגעשטעלט פאַר עפּעס אַ מאָדנעם פּעדאַנט; זיי האָבען זיך אין איהם ניט גענויטיגט און איהם ניט נאָכגעלאָפען, ער האָט זיי אויסגעמיידט. אינ'ם משך פון די ערשטע צוויי יאָהר, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין אוניווערזיטעט, האָט ער זיך נאָר באַפריינדעט מיט איין סטודענט, ביי וועמען ער האָט גענומען לעקציעס אין לאַטיין. אָט דער סטודענט, וועלכער האָט געהייסען מיכאַלעוויטש, אַ ענטוזיאַסט און אַ פּאָעט האָט באמת ליעב געקראָגען לאַווערעצקי'ן און גאַנץ צופעליג געוואָרען די אורזאַך פון אַ וויכטיגער ענדערונג אין זיין גורל.

איין מאָל, אין טעאַטער (מאָטשאַלאָוו איז דעמאָלט געוועזען אויפ'ן סאַמע שפּיץ פון זיין רוהם, און לאַווערעצקי האָט ניט דורכגעלאָזט קיין איין פאָרשטעלונג) האָט ער דערזעהן אין אַ לאָזשע פון מיטעלסטען עטאַזש אַ מיידעל, — און, הגם עס איז ניט דורכגעגאַנגען קיין איין פרוי פאַרביי אָט דער שטרענגער פיגור, אַז זיין הארץ זאָל ניט אַ ציטער טאָן, האָט עס אָבער נאָך קיינמאָל אַזוי שטאַרק ניט געקלאַפּט. אונטערשפּאַרענדיג זיך מיט די עלענבויגענס אויפ'ן סאַמעט פון דער לאָזשע, האָט דאָס מיידעל זיך אפילו ניט אַ ריהר געטאָן; דאָס דעליקאַטע יונגע לעבען האָט געשוימט פון יעדער שטריך פון איהר טונקעלען, קיילעכדיגען און ליעבליכען פּנים; אַן עלעגאַנטער שכל האָט אַרויסגעשיינט פון איהרע שעהנע אויגען, וועלכע האָבען אויפמערקזאַם און ווייך אַרויסגעקוקט אונטער דינע ברעמען, פונ'ם שנעלען שמייכעל אויף די אויסדרוקספולע ליפּען, אין דער פּאָזע פון איהר קאָפּ, הענט, האַלז; געקליידעט איז זי געוועזען גלענצענד. נעבען איהר איז געזעסען אַ געקנייטשטע און געלע פרוי פון אַ יאָהר פינף־און־פערציג, דעקאָלטע, און אַ שוואַרץ היטעלע מיט אַ ציינלאָזען שמייכעלע אויפ'ן אָנגעשטרענגט־פאַר'דאגה'טען און עלענדען פּנים, און טיעפער אין דער לאָזשע איז געזעסען שוין אַן עלטערער מאַנספּאַרשוין מיט אַ ברייטען סערדוט און אַ הויכען שניפּס מיט אַן אויסדרוק פון טעמפּער באַריהמעריי און עפּעס אַ מין חניפה־חשד אין די קליינינקע אויגעלעך, מיט געפאַרבטע וואָנצען און באַקען־באָרדען, מיט אַן אומבאַדייטענדען גרויסען שטערען, אויסגעקנייטשטע באַקען, לויט אַלע סמנים, אַן אויסגעדיענטען גענעראַל. לאַווערעצקי

דאָט ניט אראָפּגענומען די אויגען פון דער מיידעל, וואָס האָט איהם אזוי איבערראשט; פּלוצלונג האָט זיך געעפענט די טיר פון דער לאָזשע און מעכאַלעוויטש איז אריין. דאָס ארייננקומען פון אָט דעם מאַן, כמעט זיין איינציגען באקאנטען אין גאנץ מאָסקווע, — דאָס ארייננקומען זיינס אין דער געזעלשאַפט פון דער איינציגער מיידעל, וואָס האָט פארשלונגען זיין גאנצע אויפ־מערקזאמקייט איז ביי איהם פּאָרגעקומען ווי עפּעס א מאָדנע אָנ־דייטונג. קוקענדיג אזוי ווייטער צו דער לאָזשע, האָט ער באַ־מערקט, אז אַלע אנוועזענדע באגעהען זיך מיט מיכאַלעוויטשען ווי מיט אַן אַלטען פריינד. די פאָרשטעלונג אויף דער ביהנע האָט לאַווּרעצקי'ן אויפגעהערט צו אינטערעסירען; מאַלטשאַנאָוו אליין, הגם דעם אָוועגט האָט גראָד די „שכינה אויף איהם גע־רוהט", האָט ניט געמאכט אויף איהם די געוועהנטליכע ווירקונג. ביי איינער, זעהר א פּאטעטישער סצענע האָט לאַווּרעצקי ניט־ווילענדיג א קוק געטאָן אויף זיין שעהנהייט: זי האָט זיך אינ־גאַנצען איינגעבויגען פאראויס, די באקען איהרע האָבען געפלאַמט; אונטער דער ווירקונג פון זיין עקשנות'דיגען בליק האָבען זיך איה־רע אויגען, וואס זיינען געווען געווענדעט צו דער ביהנע, פּאמע־לאַך געווענדעט און אפּגעשטעלט אויף איהם... די גאנצע נאכט האָבען זיך איהם גע'חלומ'ט אָט די אויגען. ענדליך האָט זיך אפּ־געריסען די קינסטליך געהאטעטע גרעבליע: ער האָט אי געצי־טערט, אי געגליהט, און אויפ'ן צווייטען טאָג טאקע איז ער אוועק צו מיכאַלעוויטשען. ביי איהם האָט ער זיך דערוואוסט, אז די שעהנהייט האָט געהייסען ווארווארא פּאַוולאָוונא קאָראָבאינא; אז דער אַלטער און אַלטינקע, וואָס זיינען מיט איהר געזעסען אין דער לאָזשע, זיינען געווען דער פּאָטער איהרער און מוטער, און אז ער אליין, מיכאַלעוויטש, האָט זיך מיט זיי באקאנט מיט א יאהר צוריק, בעת ער איז געווען ערגעץ הינטער מאָסקווא אויף א קאָנדיציע ביים גראף נ. מיט די גרעסטע שבחים האָט דער ענטוזיאסט פארלויבט ווארווארא פּאַוולאָוונא'ן. — דאָס, ברודער מיינער, האָט ער אויסגעשריען מיט זיין איינענטימליכער נגינה אין קול, — אָט די מיידעל איז א וואונדערבארע געניאלע באַ־שעפעניש, אַן ארטיסטען אינ'ם אמת'ן זינען פונ'ם וואָרט, און

דערביי איין גוטע. באמערקענדיג פון לאוורעצקי'ס נאָכפּראגען וואָס פאר אַן איינדרוק ווארווארא פּאוולאָווגא האָט אויף איהם געמאכט, האָט ער איהם אליין פאָרגעשלאָגען צו באקענען איהם מיט איהר, צולעגענדיג, אז ער איז ביי זיי ווי אן איינגענער; אז דער גענעראל איז כלל ניט גדול'דיג ביי זיך, און די מוטער איז אזוי נאריש, אז עס פעהלט איהר נאָר צו זויגען א שמאטע. לאוורעצקי איז רויט געוואָרען, א בורטשע געטאָן עפּעס אומפארשטענדליכעס און איז אוועק. גאנצע פינף טעג האָט ער גע־קעמפּט מיט זיין שרעקעדיגקייט; אויפ'ן זעקסטען טאָג האָט דער יונגער ספּארטאנער אָנגעטאָן א נייאינקען מונדיר און האָט זיך איבערגעגעבען אונטער'ן קאָנטראָל פון מיכאַלעוויטשען, וועלכער האָט זיך באנוגענט נאָר מיט צוקאמען אביסעל די האָר: פאָרט געווען אַן איינענער מענש, — און ביידע האָבען זיך אוועקגע־לאָזט צו די קאָראָבאינס.

13.

ווארווארא פּאוולאָוונא'ס פאָטער, פּאוועל פּעטראָוויטש קאָראָבאין, אַן אויסגעדיענטער גענעראל־מאיאָר, האָט זיין גאנצען לעבען פארבראכט אין פּעטערבורג אין דיענסט, האָט גע'שמ'ט אין דער יוגענד פאר א פעהיגען טענצער און א בראַווען אָפיציר. צוליעב זיין אָרעמקייט האָט ער געדיענט אלס אדיוטאנט ביי א צוויי־דריי אונוויכטיגע גענעראלען, חתונה געהאט מיט א טאָכ־טער פון איינעם פון זיי, ארייננעקראָגען א פינף־און־צוואנציג טויזענד רובעל נדן, געוואָרען א בקי אין דער „אוטשעניע” און א חריף אין פּאראדען; געשלעפּט, געשלעפּט אזוי די משא און, ענדליך, נאָך א יאָהר צוואנציג האָט ער זיך דערשלאָגען צום ראנג פון א גענעראל, געקראגען א פּאָלק. דאָ וואָלט ער שוין געקענט זיך אָפּרוהען און באפעסטיגען, אזוי געלאסען, זיין באַ־שטאנד; ער האָט טאקע דארויף געהאָפּט, נאָר ער האָט אביסעל אונפאָרזיכטיג זיך א נעהם געטאָן צו דער ארבייט: ער האָט שוין שיער ניט געהאט צוגעטראכט א מיטעל אַן ארבייט צו טאָן מיט די רעגירונגס־געלדער, — דער מיטעל האָט זיך ארויסגע־

ציינט צו זיין א פאַרטרעפליכער, ער האָט נאָר ניט אין צייט אביסעל צוגעקארגט: מען האָט איהם גע'מסר'ט; דער פועל יוצא איז געווען מעהר ווי אן אונאַנגענעהמע, פשוט א מיאוסע געשיכטע. דער גענעראל האָט זיך קוים ארויסגעדרעהט פון אָט דער געשיכטע, נאָר זיין קאריערע האָט געפּלאצט: מען האָט איהם אויסגעע'עצה'ט ארויסגעהן פון דינסט. א פּאָר יאָהר האָט ער זיך נאָך ארומגעדרעהט אין פּעטערבורג, מיט דער האָפנונג, אפשר וועט ער נאָך ערגעץ קריגען א ווארעם ערטעל: נאָר קיין שטעלע האָט ער ניט געקראָגען; די טאָכטער איז ארויס פון'ם אינסטי־טוט, די הוצאות האָבען זיך פארגרעסערט מיט יעדען טאָג . . . אָנגעהמענדיג זיך מיט הארץ, האָט ער באשלאָסען זיך אריבער־קלייבען קיין מאָסקווע, פּיהרען א ביליגערען שטאט, געדונגען אויף דער „סטאַראַיאַ קאָניושעננאַיאַ" א קליינינק ניעדעריג שטי־בעלע מיט א סאזשען*)-גרויסען הערב אויף'ן דאך, און האָט אָנגעפאַנגען צו לעבען ווי א מאָסקווער אויסגעדינטער גענעראל מיט א הוצאה פון 2750 רובעל א יאָהר. מאָסקווע איז א שטאָדט א מכניס-אורח, נעהמט אויף ווערמען נאָר עס מאכט זיך, גענע־ראלען אודאי; די שווערע פיגור פון פּאַוועל פּעטראָוויטשען, ניט גאָר אָהן סמנים פון מיליטערישער איבונג, האָט זיך אָנגעהויבען צו באווייזען אין די בעסטע מאָסקווער גאסט-צימערען. זיין נאַ־קעטער קאָרק מיט עקלאך פון געפארבטע האָר מיט א פארשמאָל־צענער מעדאַל-לענטע אויף'ן שניפּס, שווארץ ווי דער פליגעל פון א קראָהע, איז גוט באקאנט געוואָרען אַלע מעלאַנכאָלישע און בלאַ־סע בחורים, וואס האָבען זיך מרה-שחורה'דיג ארומגעשלעפּט בעת די טענץ ארום די שפּיעל-טישען. פּאַוועל פּעטראָוויטש האָט גע־וואוסט ווי זיך אויפצופיהרען אין א געזעלשאַפט; גערעדט האָט ער ווינציג, נאָר לויט אן אַלטער געוואוינהייט, אונטער'ן נאָז—פאר־שטעהט זיך, ניט מיט הויכע באַאמטע; פּאַרזיכטיג געשפּיעלט אין קאָרטען, אין דער היים האָט ער געגעסען מיט א מאָס, נאָר צו-גאַסט, פאר זעקס. וועגען זיין ווייב איז כמעט ניטאָ וואָס צו זאָגען: זי האָט געהייסען קאַליאַפּאַ קארלאָוונאַ; פון איהר לינ־

---

*) אַ רוסישע מאָס.

קען אויג האָט שטענדיג גערונען א טרערעלע, צוליעב וועלכען קאַליאפּא קאַרלאָוונא (דערצו האָט זי נאָך געשטאַמט פון דייטשען) אליין פלעגט זיך רעכענען פאר א געפיהלפאָלער פרוי; שטענדיג האָט זי פאר עפּעס אַלץ מורא געהאַט, אַזוי ווי עפּעס ניט דערעסען, און געטראָגען שמאָלע סאַמעטענע קליידער, א שווארצע קיילעכדיגע היטעלע אָהן א ראנד און טונקעלע געבלאָזענע בראַסלעטען. פּאַוועל פּעטראָוויטש'עס און קאַליאפּא קאַרלאָוונאַ'ס בת־יחידה, ווארוואַרא פּאַוולאָוונא איז באלד נאָכ'ן זיעבעצעהנטען יאָהר ארויס פון . . . נער אינסטיטוט, וואו זי איז געווען, אויב ניט די גרעסטע שעהנהייט, אָבער זיכער די גרעסטע הכמה און די בעסטע שפּיעלערין, און וואו זי האָט געקראָגען א מעדאַל; זי איז נאָך קיין ניינצעהן יאָהר ניט אַלט געווען ווען לאַווערעצקי האָט איהר דעם ערשטען מאָל דערזעהן.

.14

די פיס האָבען זיך אונטערגעבויגען ביים ספּאַרטאַנער, בעת מיכאַלעוויטש האָט איהם אריינגעפיהרט אין דעם גאַנץ שלעכט אויפגעקליבענעם, גאַסט־צימער פון די וואָראָבאַינס און איהם פאָרגעשטעלט פאר די באַלעבאַטים. נאָך דער געפיהל פון שרעקעדיגקייט, וואָס האָט איהם באַהערשט, איז באלד פארשוואונדען: אינ'ם גענעראַל איז די אַלגעמיין רוסישע גוטהערציגקייט נאָך פארשטארקט געוואָרען מיט יענער ספּעציעלער גאַסט־פריינדליכקייט, וועלכע איז אַזוי אייגענטימליך אַלע, עטוואָס „פארשמירטע", מענשען; די גענעראַלשע איז עפּעס אַזוי זיך שנעל פארשוואונדען געוואָרען; וואָס ס'איז שייך צו ווארוואַרא פּאַוולאָוונאַ, איז זי אַזוי געווען רוהיג און דרייסט־צערטליך, אַז יעדערער האָט זיך אין איהר אַנוועזענהייט באַלד דערפיהלט אַזוי ווי ביי זיך אין דער היים; דערצו האָט פון איהר גאַנצען באַצויבערענדען קערפּער, פון די שמייכלענדע אויגען, פון די אומשולדיגמיטופּע פּלייצעס און טונקעל־ראָז־קאָלירטע הענט, פון איהר גרינגען און אין דער זעלביגער צייט מידען גאַנג, פונ'ם קלאַנג אפילו פון איהר קול, דעם אויסגעצויגענעם, דעם זיסען, — האָט גע־

שטראָמט א קוים־באמערקבארער חן, ווי א דיקער גערוך, וואָס האָט זיך ווי גע׳גנב׳עט, מיט א ווייכער, נאָך דערווייל א שעמעוודיגער ערעלקייט, האָט געשטראָמט עפּעס אזעלכעס, וואָס מען קען מיט קיין ווערטער ניט איבערגעבען, נאָר וואָס האָט באריהרט און געוועקט, — און, פארשטעהט זיך, שוין געוועקט ניט קיין שרעקעדיגקייט. לאווּרעצקי האָט פארפיהרט א געשפּרעך וועגען טעאטער, וועגען דער נעכטיגער פאָרשטעלונג; זי האָט תיכף אליין אָנגעפאנגען צו ריידען וועגען מאלטשאנאָוו׳ן און האָט זיך ניט באנוגענט מיט אויסרופען און קרעכצען, נאָר אויסגעדריקט עטליכע אמת׳ע און פרעהליך־דורכדרינגענדע באמערקונגען מכח זיין שפּיעלען. מיכאלעוויטש האָט דערמאָנט וועגען מוזיק; זי האָט אָהן צערעמאָניעס זיך אוועקגעזעצט נעבען דער פּיאנאָ און האָט טאָקענדיג אויפגעשפּיעלט עטליכע שאָפּען־מאזורקעס, וואָס זיינען דעמאָלט נאָר־וואס געהאט אריין אין דער מאָדע. עס איז אונטערגעקומען די מיטאָג־שטונדע; לאווּרעצקי האָט געוואָלט אוועקגעהן, נאָר מען האָט איהם אָפּגעהאלטען; ביים טיש האָט איהם דער גענעראל מכבד געווען מיט רויטען וויין, נאָך וועלכען דער לאקיי האָט מיט א איזוואָזשטשיק אוועקגעטאנצט צו דעפּרע׳ן. שפּעט אין אָוונט איז לאווּרעצקי אהיים געקומען און לאנג געזעסען, ניט אויסטוענדיג זיך, מיט פארמאכטע אויגען, אין עפּעס א מין פאר׳כשופ׳טער פארשטיינערונג. עס האָט זיך איהם געדוכט, אז איצט ערשט האָט ער באגריפען צוליעב וואָס עס לוינט זיך צו לעבען אויף דער וועלט; אלע זיינע השערות און פּלענער, אָט דער גאנצער אבסורד, די נישטיגקייט, זיינען מיט א מאָל פארשוואונדען געוואָרען. זיין גאנצע נשמה האָט זיך צוזאמענגעגאָסען אין איין געפיהל, אין איין פארלאנג, א פארלאנג פון גליק, פון באזיץ, פון ליעבע, פון זיעסער פרויען־ליעבע. פון יענעם טאָג אָן האָט ער אָפּט אָנגעפאנגען צו געהן צו די קאָראָב׳אינס. אין א האלב יאָהר ארום האָט ער זיך ערקלעהרט אין ליעבע ווארווארא פּאוולאָוונען און האָט געבעטען איהר האנט. זיין פארשלאג האָט מען אָנגענומען; דער גענעראל האָט שוין פון לאנג, כמעט ביי לאווּרעצקי׳ס ערשטען באזוך, א פרעג געטאָן ביי מיכאלעוויטשען ווי פיעל נפשות ער, לאווּרעצקי,

פארמאָגט; און אויך ווארוואַרא פּאוולאָוונא, וועלכע האָט פאר דער גאנצער צייט פון איהר שדכנ׳ען זיך צום יונגען מאַן און אפילו ביי דער ערקלערונג גופא זיך ניט פארלאָרען און געווען גאַנץ רוהיג, אויך ווארוואַרא פּאוולאָוונא האָט גאַנץ גוט גע־וואוסט, אז איהר חתן איז א רייכער מאַן; און קאַליאַפּא קאר־לאָוונא האָט א קלער געטאָן: „מיינע טאָכטער מאכט איינע שעה־נע פּארטיע", און האָט זיך געקויפט א נייַ רונדיג היטעלע.

15

און אָט אזוי איז זיין פאָרשלאַג אָנגענומען געוואָרען, נאָר מיט איינינגע תנאים. ראשית האָט לאַוורעצקי גלייך געדאַרפט אויפגעבען דעם אוניווערזיטעט: ווער האָט דען חתונה מיט א סטודענט, און בכלל, וואָס איז דאָס פאר א מאָדנער איינפאַל — א גוטס־באַזיצער, א רייכער, ביי 26 יאָהר זאָל נעהמען לעקציעס ווי עפּעס א שוהל אינגעל? צווייטענס, האָט ווארוואַרא פּאוו־לאָוונא אויף זיך גענומען די פּראציע צו באשטעלען און איינצו־קויפען די גאַנצע פּאָוועלע און אפילו דעם חתן׳ס מתנות. זי איז געווען זעהר פּראקטיש און האָט פארמאָגט א גוטען געשמאַק זוֹן א סך ליעבע צו באקוועמליכקייט, האָט טאַקע געוואוסט ווי אזוי צו איינאָרדנען אָט די באקוועמליכקייט. לאַוורעצקי איז פשוט נשתומם געוואָרען פון אָט דער קענטעניש איהרער, ווען ער איז תיכף נאָך דער חתונה צוזאַמען מיט׳ן ווייב אָפּגעפאָהרען, אין א נאָר־וואָס געקויפטער באקוועמער קאַרעטע, קיין לאַוורִיקי. ווארוואַרא פּאוולאָוונא האָט דאָך אַלעס, וואָס האָט איהם ארומ־גערינגעלט, צוגעטראַכט פאָראויסגעזעהן און צוגעטראָפען! ס׳אַרא שעהנע רייזע־טאַשען עס האָבען זיך באוויזען אין אַלע ווינקע־לעך! ס׳אַרא ענטציקענדע טואַלעט־קעסטעלאַך און קאַפע־טעפּע־לאַך, און ווי זיס ווארוואַרא פּאוולאָוונא אליין פלעגט צוגרייטען קאַפע אַלע פריהמאָרגען! נאָר אייגענטליך איז לאַוורעצקי דע־מאָלט ווייט געווען פון באָאָבאַכטונגען: ער האָט זיך דעם גליק אי־בערגעגעבען, ווי א קינד... ער איז ווי פאַר׳שכור׳ט גע־וואָרען פון דעם גליק; ער איז טאַקע געווען אזוי אונשולדיג

ווי אַ קינד, אָט דער יונגער אַלקיד. ניט אומזיסט האָט געשטראָמט אַזאַ חן פון׳ם גאַנצען וועזען פון זיין יונגער פרוי; ניט אומזיסט האָט זי פאַרשפּראָכען דעם געפיהל א געהיימען פאַרגעניגען פון אומבאַקאַנטען געגוס; זי האָט פאַרמאָגט נאָך פיעל מעהר, וויפיעל זי האָט פאַרשפּראָכען. ווען זיי זיינען אָנגעקומען קיין לאַווריקי, אין סאַמע מיטען זומער, האָט זי געטראָפען דאָס הויז שמוציג און פינסטער, די דיענערשאַפט לעכערליך און פאַרעלטערט, זי האָט אָבער ניט געפונען פאַר נויטיג אפילו א פּיפּס טאָן דעם מאַן וועגען דעם. ווען זי זאָל געוועזען וועלען זיך איינאָרדנען אין לאַווריקי וואָלט זי דאָרט אַלעס געוועזען איבערגעמאַכט, אָנפאַנגענדיג פאַרשטעהט זיך פון׳ם הויז; נאָר דער געדאַנק צו איבערבלייבען אין אָט דעם פאַרוואָרפענעם ווינקעל איז איהר אפילו אויף אַ רגע ניט אריין אין קאָפּ; זי האָט דאָרט געוואוינט ווי מען וואוינט אין א פּאַלאַטקע, געדולדיג ארייבערטראָגענדיג אַלע אומבאַקוועמליכקייטען און גוטמוטיג געשפּאַסט פון זיי. מאַרפאַ טימאָפעיעוונאַ איז געקומען זיך זעהן מיט איהר וויכאָוואַניק; זי האָט זעהר גושא־חן געוועזען ביי וואַרוואַראַ פּאַוולאָוונע, נאָר וואַרוואַרא פּאַוולאָוונא איז איהר ניט געפעלען. מיט גלאַפירא פּעטראָוונאַ האָט די נייע באַלעבאָסטע זיך אויך ניט באַפריינדעט; זי וואָלט איהר געוועזען געלאָזט צו רוה, נאָר דעם אַלטען וואָראָאינען האָט זיך פאַרוואָלט אַפּלעקען א ביינדעל פון׳ם איידעם׳ס געשעפטען; פאַרוואַלטען דעם גוט פון אַזאַ נאָהענטען קרוב, האָט ער געזאָגט, איז קיין שאַנדע ניט אפילו פאַר אַ גענעראַל. מען דאַרף זיך משער זיין, אַז פּאַוועל פּעטראָוויטש וואָלט זיך ניט געשעמט צו פאַרוואַלטען אפילו א פרעמדענעם גוט. וואַרוואַראַ פּאַוולאָוונא האָט איהר אַטאַקע אָנגעפיהרט זעהר קונציג: זי האָט זיך פריהער ניט ארויסגעגעבען, כלומר׳שט געוועזען פאַרטיעפט אינ׳ם פאַרגעניגען פון די האָניג־חדשים, אינ׳ם דאָרפישען שטילען לעבען, אין מוזיק און אין לייענען, דאָך האָט זי צוביסלאַך ארויסגעבראַכט גלאַפירא׳ן אַזוי פיעל פון די כלים, אַז זי איז איין פריהמאָרגען אריינגעלאָפען ווי א משוגע׳נע צו לאַווערעצקי׳ן אין קאַבינעט, האָט א וואָרף געטאָן אויפ׳ן טיש אַ בונד שליסעל און ערקלעהרט, אַז זי האָט שוין מעהר קיין כח ניט

זיך באשעפטיגען מיט דער באַלעבאַטישקייט און ווייל שוין מעהר ניט זיין אין דאָרף. לאַוורעצקי וואָס איז געווען דערצו אויף א געהעריגען אופן צוגעגרייט, האָט מסכים געווען דערצו. גלאפירא פעטראָוונא האָט זיך אויף אזא קלאַפּ ניט געריכט. „גוט, — האָט זי א זאָג געטאָן, און איהרע אויגען זיינען פארפינסטערט געוואָרען, — איך זעה, אז איך בין דאָ אָן איבעריגע! איך ווייס ווער עס טרייבט מיך פון דאַנען, פון מיין אייגענעם נעסט. נאָר דו, געדענק מיין וואָרט, פּלימעניק: דו וועסט אויך זיך קיין נעסט ניט אויפבויען אין ערגעץ ניט. זאָלסט זיך אייביג ארומ־שלעפען. אָט האָסטו דיר מיין צואה”. אין דעם זעלבינען טאָג איז זי אוועק צו זיך אין דאָרף, און אין א וואָך ארום איז אָנגע־קומען דער גענעראל קאָראָבאיען און מיט עפעס א מין אנגענעהמע־נער מעלאַנכאָליע אין די בליקען און באוועגונגען האָט ער איבער־גענומען די פארוואלטונג פונ׳ם גאנצען גוט אין זיינע הענט.

ארום סעפּטעמבער האָט ווארווארא פּאוולאָוונא מיטגענומען דעם מאַן קיין פעטערבורג. צוויי ווינטערן האָט זי פארבראכט אין פעטערבורג (אויפ׳ן זומער פלעגען זיי זיך באזעצען אין צאר־סקאָיע סעלאָ) אין א שעהנער, ליכטיגער, עלעגאנט־מעבלירטער קוואַרטיר; זיי האָבען געקראָגען א סך באקאנטשאפט צווישען די מיטעלערע און אפילו העכסטע קרייזען פון דער געזעלשאַפט, אָפט געפּאָהרען צו גאסט און א סך געסט אויפגענומען ביי זיך, געמאכט די שעהנסטע מוזיקאַלישע און טענץ־הוליאנקעס. וואר־ווארא פּאוולאָוונא האָט צוגעצויגען די געסט, ווי פייער ציהט צו שמעטערלינגען. פעאָדאָר איוואנאָוויטשען איז אזא צושטרויטער אָרט לעבען גאָר ניט געפעלען געוואָרען. די פרוי האָט איהם גע־ראטען אָנקומען אויף א שטעלע; ער האָט, לויט די אַלטע זכרונות פונ׳ם פאָטער, און לויט זיינע אייגענע באגריפען, ניט געוואָלט אריין אין דיענסט, נאָר צוליעב ווארווארא פּאוולאָוונא האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין פעטערבורג. אלענפאלס, ער איז באלד גע־וואָהר געוואָרען, אז קיינער שטערט איהם ניט צו לעבען ביחידות, אז ניט אומזיסט האָט ער אזא שעהנעם און באקוועמען קאבינעט, דער שעהנסטער און באקוועמסטער אין גאנץ פעטערבורג, אז זיין פלייסיגע פרוי וועט איהם אפילו ארויסהעלפען זיך אָפּצוזוכ־

דערן, — און פון דער צייט אָן איז אַלעס אוועק אויפ'ן שעהנ־סטען אופן. ער האָט זיך ווייטער א נעהם געטאָן פאר זיין אייגענער, לויט זיין מיינונג, ניט דערענדיגטער ערציהונג, ווידער א מאָל האָט ער אָנגעפאנגען צו לייענען, ער האָט זיך אפילו א נעהם געטאָן צו לערנען ענגליש. עס איז מאָדנע געווען צו זעהן ווי זיין שטארקע ברייט־פּלייציגע פיגור איז שטענדיג אריבערגע־בויגען איבער דעם שרייב־טיש, זיין פולער, האָריגער, רויטליכער פּנים ביז האַלב פארדעקט מיט די בלעטער פון א ווערטערבוך אָדער א שרייב־העפט. יעדען פריהמאָרגען האָט ער פארבראכט ביי דער ארבייט, מיטאָג־געגעסען זעהר געשמאק (ווארווארא פּאוו־לאָוונא איז געווען א באלעבאָסטע אפילו פאר'ן קסר) און אין אווענט פּלעגט ער אריין אין דער באצויבערענדער, ליכטיגער, שמעקענדיגער וועלט, אינגאנצען אָנגעפּיקעוועט מיט יונגע פרעה־ליכע פּנימ'ער, — און דער מיטעלפּונקט פון אָט דער וועלט איז געווען די זעלביגע טיכטיגע באלעבאָסטע, זיין ווייב. זי האָט איהם מזכה געווען מיט'ן געבורט פון א זוהן, נאָר דאָס אינגעלע נעבעך, האָט ניט לאַנג געלעבט, ער איז געשטאָרבען אין פריה־לינג, און אויפ'ן זומער האָט לאַווערעצקי אוועקגעפיהרט דאָס ווייב אין אויסלאַנד אין די ווארם־בעדער: אזוי האָבען דאָקטוירים איהם געראטען. נאָך אזא אומגליק האָט זי זיך געמוזט אביסעל ערהאלען, און צוליעב איהר געזונד טאקע האָט זי געדארפט א ווארעמען קלימאט. דעם זומער און דעם הערבסט האָבען זיי פארבראכט אין דייטשלאַנד און אין דער שווייץ, און אויפ'ן ווינ־טער, ווי מען האָט טאקע געדארפט ערווארטען, זיינען זיי אָפּ־געפאָהרען קיין פּאריז. אין פּאריז האָט ווארווארא פּאוולאָוונא זיך צובליהט ווי א רויז און פּונקט אזוי שנעל און קונציג, ווי אין פּעטערבורג, האָט זיך איהר איינגעגעבען אויפבויען א באקוועם נעסטעלע. א קווארטיר האָט זי געפונען א טייערינקע, אויף איינע פון די שטילע, אָבער אריסטאָקראטישע גאסען אין פּאריז; דעם מאַן האָט זי אויפגענעהט אזא שלאָף־ראָק, וואָס ער האָט נאָך אין לעבען ניט געטראָגען; האָט צוגענומען אַן עלעגאנטע דיענסט־מיידעל, אַן אויסגעצייכענטע קעכין, א פראנט א לאקיי; געקראָ־גען א וואונדערבארע קלייניגקע קאַרעטע, א שעהנינקע פּיאַנע.

קיין וואָך איז נאָך ניט פאַראיבער, און זי פלעגט שוין אריבער־
לויפען איבער'ן גאַס, טראָגען א שאַל, אויפעפענען דאָס פּאַראַ־
סאָלכעל, אָנטאָן די הענטשקעלאך ניט ערגער פון א פול־בלוטיגער
פּאַריזער פרוי. און באקאנטע האָט זי שנעל געקראָגען. אין
אָנפאַנג פלעגען צו איהר פאָהרען נאָר רוסען, נאָר שפּעטער האָ־
בען זיך אָנגעפאַנגען דורכצואוואַרפען פראנצויזען, אלץ אזעלכע
ליעבליכע, עדעלע, בחורים נאָך, מיט אזעלכע שעהנע מאַניערען,
מיט אזעלכע וואוילקלינגענדע נעמען; אלע האָבען זיי גערעדט
גיך און א סך, אזוי ברייטליך פארנייגט, אזוי אנגענעהם פאַר־
בלויזט מיט די אויגען; ביי אלעמען האָבען די ווייסע צייהן
געפינקעלט צווישען די ראָזע ליפּען, — און ווי גוט זיי האָבען
געקענט שמייכלען! יעדער איינציגער פון זיי האָט מיט זיך גע־
בראכט זיינע פריינד, און „לאַ בעלל מאדאם דע לאוורעצקי" איז
גיך מפורסם געוואָרען פון „שאָסעע ד'אַנטין" ביז „רו דע לילל".
אין יענע צייטען (דאָס איז געווען אינ'ם יאהר 1836) האָט זיך
נאָך ניט געהאַט אזוי צוואוואקסען די משפחה פון די פעלעטאָ־
ניסטען און כראָניקער, מיט וועלכע עס שוויבעלט און גריבעלט
אומעטום ווי מיט מורעשקעס אין א צורודערטער קופּע; נאָר
שוין דעמאָלט פלעגט אָפּט זיך באווייזען אין ווארווארא פּאַוו־
לאָווּנאַ'ס סאלאָן איינער א מר. זשול, א פארשוין ניט קיין
שעהנער, מיט א סקאנדאַליעזער רעפּוטאַציע, אַן עזות פּנים און
א נבזה'ניק, ווי אלע דועליסטען און געשלאָגענע מענשען. וואר־
ווארא פּאַוולאָוונאַ'ן האָט זעהר געעקעלט פון אָט דעם מר. זשול,
נאָר זי פלעגט איהם אויפנעהמען, ווייל ער פלעגט אָפּט א שרייב
טאָן אין פארשיעדענע צייטונגען און שטענדיג זי דערמאָנען, אָנ־
רופענדיג זי אמאָל „מ—ם דע ל . . . צקי" און אמאָל „מ—ם
דע *** Cette grande dame russe si distinguee, qui demenre ruede P.
פלעגט דערצעהלען דער גאנצער וועלט, ד. ה. עטליכע הונדערט
אבאָנימענטען, וועלכע האָבען קיין שום שייכות ניט געהאַט מיט
דער „מ—ם דע ל . . טצקי", ווי אזוי אָט די דאמע איז, לויט
איהר חכמה, אן עכטע פראנצויזקע. Une vraie francaise par l'esprit.
— קיין גרעסערער קאָמפּלימענט איז ביי די פראנ־
צויזין שוין ניטאָ — זיס און ליעבליך, און ס'אַרא אויסערגע־

וועהנטליכע שפיעלערין זי איז, און ווי זי וואלסירט פשוט אויף חדושים (ווארווארא פאוולאָוונא האָט באמת אזוי וואלסירט, אז זי פלעגט הינרייסען אלע הערצער צו די ברעגען פון איהרע גרי־נינקע אוועקפליהענדע מלבושים)... מיט איין וואָרט, ער האָט איהר געמאכט א שם איבער דער וועלט, — און דאָס איז דאָך, וואָס איהר זאָלט ניט זאָגען — אנגענעהם. פריילין מארס איז שוין דעמאָלט געהאט אראָפּ פון דער סצענע, און פריילין ראשעל איז נאָך ניט געהאט ארויף; פון דעסטוועגען פלעגט ווארווארא פאוולאָוונא פלייסיג באזוכען די טעאטערע. זי פלעגט שטארק ענטציקט ווערען פון דער איטאליענישער מוזיק און לאכען פון די חורבות פון אדרי, אנשטענדיג געגענעצט אין דער „פראנצויזישער קאָמעדיע" און פלעגט וויינען ווען מאדאם דארוואל פלעגט אויפ־טרעטען אין עפּעס אן אולטרא־ראָמאנטישער מעלאָדראמע; און הויפּטזעכליך ליסט האָט ביי איהר געשפּיעלט צוויי מאָל און איז אזוי זיס געוועזן, אזוי איינפאך — א מחיה! אין אזעלכע אנ־גענעהמע עמפּפינדונגען האָט זי פארבראכט דעם גאנצען ווינטער און לסוף האָט זי זיך אפילו דערשלאָגען פאָרגעשטעלט צו ווערען פאר'ן קעניגליכען הויף. פעאָדאָר איוואנאָוויטש האָט זיך אליין אויך ניט געלאנגווייליגט, הגם אָפּט פלעגט דאָס לעבען איהם דריקען אויף די פּלייצעס ווי א שווערע משא — טאקע דערפאר וואָס עס איז געווען אזוי פּוסט. ער פלעגט לייענען צייטונגען, געהן צו לעקציעס אין סאָרבאָן און אין קאללעדזש דע פראנס, נאָכגעפאָלגט די דעבאטען אין פארלאמענט, זיך א נעהם געטאָן איבערזעצען אויף רוסיש א ווערק וועגען איריגאציע פון א באַ־וואוסטען געלעהרטען. „איך צו'פּטר ניט קיין צייט, — האָט ער געטראכט: — דאָס איז אלץ נוצליך; נאָן קומענדען ווינטער דארף מען למה"ש צוריקפאָהרען קיין רוסלאנד און זיך א נעהם טאָן צו דער ארבייט". עס איז שווער צו זאָגען, צו האָט ער קלאָר באגריפען אין וואָס אייגענטליך איז באשטאנען אָט די ארבייט, און גאָט ווייסט צו וואָלט זיך איהם געוועזן אייגעגעבען צוריק־קומען קיין רוסלאנד צום ווינטער, — דערוואיל איז ער געפאָהרען מיט'ן ווייב קיין באדען־באדען... אן אומערווארטעטער צופאל האָט צושטערט אלע זיינע פלענער.

.16

איינמאָל איז לאַוורעצקי אריין אין וואַרוואַרא פּאַוולאָוונאַ'ס קאַבינעט. וואַרוואַרא פּאַוולאָוונאַ איז דאָרט גראָד ניט געווען. אויפ'ן פּאַדלאָגע האָט ער באַמערקט אַ קליין שטיקעל פּאַפּיער, זאָרגפעלטיג צונויפגעלייגט. ער האָט דאָס אָטאָמאַטיש אויפ־געהויבען און אָטאָמאַטיש צונומען און איבערגעלייענט די פאָל־גענדע עטליכע ווערטער, געשריבען אין פראַנצויזיש:

„זיסער מלאך בעטטי! (איך וואָג באַין אופן ניט דיך צו רופען Barbe אָדער וואַרוואַרא — Varvara). אומזיסט האָב איך דיך אָפּגעוואַרט ביים ראָג פון'ם בולוואַר; קום מאָרגען האַלב צוויי צו אונז אויף דער קוואַרטיר. דיין גוטער פּעמפּיק ton gros bon homme de mari באַגראָבט זיך צווישען זיינע בי־כער אין אָט דער צייט; מיר וועלען נאָכאַמאָל איבערזינגען דאָס ליעדעלע פון אייער פּאָעט פּוסקין (de Votre poete pouskine) וואָס דו האָסט מיר אויסגעלערענט: אַלטער מאַן, גרויזאַמער מאַן! — טויזענד מאָהל קוש איך דיינע הענדטעלאַך און פיסעלאַך. איך וואַרט אויף דיר. „ערנעסט".

לאַוורעצקי האָט ניט גלייך פאַרשטאַנען וואָס ער האָט דאָ איבערגעלייענט; ער האָט דאָס איבערגעלייענט אַ צווייטען מאָהל — און דער קאָפּ האָט זיך איהם פאַרדרעהט, די פּאָדלאָגע האָט זיך אָנגעפאַנגען צו וויעגען אונטער איהם, ווי די דעק פון אַ שיף אין אַ שטורם־ווינד. ער האָט אָנגעפאַנגען צו שרייען, צו וויינען און דער אטהעם האָט איהם פאַרכאַפּט אין איין רגע.

ער איז אַראָפּ פון די געדאַנקען. ער האָט אַזוי בלינד גע־טרויט זיין ווייב; די מעגליכקייט פון פאַלשקייט, פון פאַרראַט, איז איהם קיינמאָל ניט אַרויף אויפ'ן זינן. אָט דער ערנסט, דער געליעבטער פון זיין פרוי, איז אַ בלאָנדער, שעהנער אינגעל פון אַ יאָהר דריי־און־צוואַנציג, מיט אַ פאַריסען נעזעל, מיט דינינקע וואָנסעלאַך, כמעט דער נישטיגסטער פון אַלע איהרע באַקאַנטע. עטליכע מינוט זענען פאַראיבער, עס איז אַוועק אַ האַלבע שעה; לאַוורעצקי איז אַלץ געשטאַנען, מיט'ן פּאַטאַלען צעטעלע איינ־

געקלאַמערט אין האַנט, און גערשינקענלאַז געקוקט אויף דער פּאָד־לאָגע; אין עפּעס אַ מין פינסטערען שטורם־ווינד האָבען זיך פאַר איהם דורכגעטראָגען בלאַסע פּנים'ער; דאָס האַרץ האָט איהם פאַרקלעהמט פאַר יסורים; עס האָט זיך איהם געדוכט, אַז ער פאַלט, פאַלט... גאָר אָהן אַ סוף. אַ באַקאַנטער, גרינגער גע־רויש פון אַ זיידען מלבוש האָט איהם אויפגעוועקט פון אָט דער פאַרשטיינערונג; וואַרוואַרא פּאַוולאָוונאַ מיט אַ הוט און שאַל איז אין איילעניש אריינגעקומען פון'ם שפּאַציער. לאַווּרעצקי האָט אַ ציטער געטאָן מיט'ן גאַנצען קערפּער און זיך אַ וואָרף געטאָן פון'ם צימער. ער האָט דערפיהלט, אַז אין דער רגע איז ער בכח זי צערייסען אויף שטיקער, ממית'ן זי ביז'ן טויטס, ווי אַן איינפּאַכער פּויער, דערשטיקען זי מיט זיינע הענט. וואַרוואַרא פּאַוולאָוונאַ איז איבערראַשט געוואָרען, געוואָלט איהם אָפּשטעלען; ער האָט נאָר געקענט אַ מורמעל טאָן: „בעטטי" און איז ארויס־געלאָפען פון הויז.

לאַווּרעצקי האָט גענומען אַ קאַרעטע און זיך געהייסען פיה־רען הינטער'ן שטאָדט. דאָרט האָט ער זיך אַזוי אָפּגעשליאַט דעם טאָג און די גאַנצע נאַכט ביז אינדערפריה, אַלע מאָהל זיך אָפּ־געשטעלט און פאַרבראָכען מיט די הענט: אָט איז ער ארומגע־גאַנגען ווי אַ תם, אָהן גערענקען, אָט האָט זיך איהם פאַרגלוסט לאַכען און ס'איז איהם אפילו געוואָרען עפּעס פרעהלאַך. אינ־דערפריה איז איהם קאַלט געוואָרען און ער איז אריין אין עפּעס אַ שמוציגען גאַסט־הויז הינטער'ן שטאָדט, גענומען אַ צימער און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקעל נעבען פענסטער. אַ מין קאָנ־וואולסיווער גענעץ איז אויף איהם אָנגעפאַלען. ער האָט זיך קוים געהאַלטען אויף די פיס, זיין קערפּער איז אָפּגעשוואַכט גע־וואָרען, — נאָר ער האָט ניט געפילט קיין מיעדקייט, — דערפאַר האָט די מיעדקייט גענומען איהרעס: ער איז געזעסען, געקוקט און גאָר ניט פאַרשטאַנען; ניט פאַרשטאַנען, וואָס אַזעלכעס האָט מיט איהם פּאַסירט, פאַרוואָס איז ער עפּעס איינער אליין, מיט אַזאַ מין שטייפקייט אין די אברים, מיט אַזאַ ביטערניש אין מויל, מיט אַזאַ שטיין אויפ'ן האַרצען, אין אַ פּוסטען, אומבאַקאַנטען צי־מער; ער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס האָט באַוואויגען איהר,

וואריא'ן, זיך איבערגעבען צו אַט דעם פראַנצויז, און ווי האָט זי געקענט, בעת זי איז צו איהם פאַלש, זיין אַזוי רוהיג ווי פריהער, ווי פריהער ליעבליך און פארטרויליך צו איהם; „איך פארשטעה נאָר ניט!" מורמלען זיינע פארטריקענטע ליפען. — ווי אזוי בין איך זיכער איצטער, אַז אין פעטערבורג..." און ער האָט די פראַגע ניט פארענדיגט און ווידער גענעניצט, ציטערענדיג און ציהענדיג זיך מיט'ן גאַנצען קערפער. ליכטיגע און פינסטערע זכרונות האָבען איהם גלייך געמוטשעט; ס'איז איהם פלוצלונג אריין אין קאָפּ, אַז אַט דאָ, ערשט די טעג, האָט זי זיך פאר איהם און פאר ערנעסטען אוועקגעזעצט ביי דער פּיאַנאָ און אויסגעזונגען: „אַלטער מאַן, בייזער מאַן!!" ער האָט זיך דערמאָנט דעם אויסדרוק פון איהר פנים, דעם מאָדנעם גלאַנץ פון די אויגען און די פאַרב אויף די באַקען, און ער האָט זיך איפגעהויבען פון'ם בענקעל, געוואָלט אוועקגעהן און זיי זאָגען: „ביי מיר וועט זיך אייך דער שפּאַס ניט איינגעבען; מיין עלטער־זיידע פלעגט אויפ־הענגען פויערים פאר די ריפּען, און מיין זיידע איז אליין געוועזען א פויער" — און זיי ביידען הרג'ענען. אַט האָט זיך איהם פלוצלונג געדוכט, אַז אַלעס, וואָס מיט איהם טוט זיך, איז אַ חלום, און אפילו ניט קיין חלום, נאָר אַזוי עפּעס, אַ נארישקייט: מען דאַרף זיך נאָר אַ טרייסעל טאָן, ארומקוקען.. קוקט ער זיך ארום און, די בענקעניש פרעסט זיך איין אלץ טיעפער און טיעפער אין זיין הארצען ווי די נעגעל פון'ם שפּאַרבער אין דעם געכאַפּטען פויגעל. צו די אַלע צרות, האָט לאַווּרעצקי, אין עטליכע חדשים ארום געדארפט ווערען אַ טאַטע... די פארגאַנגענהייט, די צוקונפט, דאָס גאַנצע לעבען איז פאר'סם'ט געוואָרען. ענדליך האָט ער זיך אומגעקערט קיין פּאַריז, זיך אָפּגעשטעלט אין אַ גאַסט־הויז און אוועקגעשיקט צו וואַרוואַרא פּאַוולאָוונא דאָס צעטעלע פון'ם הער ערנעסט מיט'ן פאָלגענדען בריעף:

„דאָס ביילינענדע פּאַפּירעל וועט אייך אַלעס ערקלעהרען. אגב, וועל איך אייך זאָגען, אַז איך האָב אייך גאָר ניט דערקענט: איהר, שטענדיג אַזאַ פּינקטליכע, פארליערט אַזעלכע וויכטיגע פּאַ־פּיערען. (אַט די פראַזע האָט דער אָרעמער לאַווּרעצקי צוגעגרייט און נעצערטעלט אין אַ משך פון עטליכע שטונדען). איך קען אייך

מעהר ניט זעהען; איך גלויב, אז איהר דארפט מיך אויך ניט וועלען באגעגענען. איך באשטים פאר אייך פופצעהן טויזענט פראנק א יאָהר; מעהר קען איך ניט געבען. שיקט צו אייער אדרעס אין דעם דאָרפישען קאָנטאָר. טוט, וואָס איהר ווילט; לעבט, וואו איהר ווילט. איך וואונש אייך גליק. קיין ענטפער איז ניט נויטיג".

לאווראצקי האָט געשריבען דער פרוי, אז ער נויטיגט זיך ניט אין קיין ענטפער... נאָר ער האָט געוואַרט, געדורשט נאָך אַן ענט־פער, נאָך אַן ערקלעהרונג פון אָט דער אומפארשטענדליכער, אומ־באגרייפליכער זאַך. ווארוואַרא פּאַוולאָווּנאַ האָט איהם אין דעם זעלבינגען טאָג צוגעשיקט א לאַנגען פראנצויזישען בריעף. דער בריעף האָט שוין פון איהם גאָר א תל געמאכט; די לעצטע ספקות זיינע זענען פארשוואונדען — און ס'איז איהם געוואָרען א בזיון, וואָס ס'זענען גאָר ביי איהם פארבליבען ספקות. וואַר־וואַרא פּאַוולאָווּנאַ האָט זיך ניט פאַרענטפערט: זי האָט איהם נאָר געוואָלט זעהען, געבעטען ניט פאר'משפט'ן זי אויף אייביג. דער בריעף איז געווען קאַלט און אָנגעצווינגען, הגם ערטערווייז האָ־בען זיך אָנגעזעהען פלעקען פון טרערען. לאווראצקי האָט זיך ביטער צושמייכעלט און באפוילען מיט'ן שליח, אז אלעס איז גוט. דריי טעג שפּעטער איז ער שוין אין פאריז ניט געווען: אָבער נעפאָהרען איז ער ניט קיין רוסלאנד, נאָר קיין איטאליע. ער האָט אליין ניט געוואוסט, פארוואָס ער האָט גראָד אויסגעקליבען אי־טאליע; באמת איז איהם געווען אלץ איינס וואוהין צו פאָהרען — אבי ניט אהיים. ער האָט אוועקגעשיקט א פאָרשריפט צו זיין פארוואלטער מכח זיין פרוי'ס פּענסיע, איהם באפוילען אין דער זעלביגער צייט גלייך איבערנעמען ביי גענעראל וואראבאיין אלע געשעפטען פון'ם גוט, ניט צו וואַרטען אויף קיין חשבונות, און באפוילען זיין פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ ארויסצופאָהרען פון לאווריקי; ער האָט זיך לעבעדיג פאָרגעשטעלט די פארווירונג און די פּוסטע גאווה פון'ם ארויסגעיאָגטען גענעראל און, ווי פארבי־טערט ער איז ניט געווען, האָט ער דאָך דערפיהלט א מין בייזען פארגעניגען. דעמאָלט טאקע האָט ער געבעטען גלאפירא פּעט־ראָוונא אין א בריעף זי זאָל זיך אומקעהרען צוריק קיין לאווריקי

און האָט צוגעשיקט א פאָלמאַכט־פּאַפּיער אויף איהר נאָמען; נאָר גלאַפירא פּעטראָוונא איז קיין לאַווריקי ניט געפאָרען און האָט אליין אָפּגעדרוקט א ידיעה אין די צייטונגען, אז זי האָט פאַר־ניכטעט דעם פּאָלמאַכט־פּאַפּיער, וואָס איז געווען גאנץ איבעריג. באהאלטענדיג זיך אין א קלייגער איטאַליענישער שטאָדט, האָט לאַווּרעצקי א לאנגע צייט ביי זיך ניט געקענט פועל'ן ניט נאָכצו־פאָלגען נאָך זיין פרוי. פון די צייטונגען האָט ער זיך דערוואוסט, אז זי איז פון פאריז אָפּגעפאָהרען, ווי זי האָט געפּלאַנט, קיין באַדען־באַדען: איהר נאָמען האָט זיך באַלד באַוויזען אין עפּעס אן ארטיקעל אונטערגעשריבען פון דעם זעלביגען מוסיע זשול. אין אָט דעם ארטיקעל, דורך דער געוועהנליכער לעבעדיגקייט, האָט זיך דורכגעזאַפּט א מין פריינדליכעס באדויערן; פּעאָדאָר איוואַנאָוויטשען איז זעהר מיאוס געוואָרען אויף דער נשמה, בעת ער האָט געלייענט אָט דעם ארטיקעל. נאכדעם האָט ער זיך דער־וואוסט, אז ס'איז ביי איהם געבאָרען געוואָרען א טאָכטער; אין א פּאָר חדשים ארום האָט ער ערהאַלטען א ידיעה פון זיין פאַר־וואַלטער, אז וואַרוואַרא פּאַוולאָוונא האָט ארויסגעקראָגען דאָס ערשטע דריטעל פון איהר געהאַלט. שפּעטער האָבען זיך אָנגע־פאַנגען ארומצוטראָגען אלץ ערגערע און ערגערע קלאַנגען; ענד־ליך האָט זיך מיט רעש דורכגעטראָגען אין אלע זשורנאַלען א טראַגי־קאָמישע געשיכטע, אין וועלכער זיין פרוי האָט געשפּיעלט ניט קיין בכבוד'יגע ראָלע. אלעס האָט זיך געענדיגט: וואַר־וואַרא פּאַוולאָוונא איז געוואָרען א באַוואוסטע „פּערזענליכקייט".

לאַווּרעצקי האָט אויפגעהערט איהר נאָכצופאָלגען; נאָר ניט אזוי גיך האָט ער געקענט משוה ווערען מיט זיך אליין. אמאָל פלעגט אויף איהם אָנגעהן אזא בענקעניש נאָך דער פרוי, אז ער וואָלט, דאַכט זיך, אלעס אוועקגעגעבען, אפילו, אפשר... איהר מוחל געווען, כדי נאָכאמאָל צו הערען איהר ליעבליכען קול, כדי נאָכאמאָל צו דערפיהלען איהר האַנט ביי זיך אין האַנט. די צייט איז אָבער ניט אוועק אומזיסט. ער איז ניט געבאָרען געוואָרען צו זיין א מאַרטירער; זיין געזונטע נאַטור איז אריין אין איהרע רעכטע. פיעל איז איהם קלאָר געוואָרען; דער קלאַפּ אליין, וואָס האָט איהם אזוי צוטומעלט, האָט איהם שוין מעהר ניט געשיינט

צו זיין ניט קיין פּאָראויסגעזעהענער; ער האָט באַגריפען זיין פרוי, — אַ נאָהנטען מענשען דערקענט מען פאַלקאָמען ערשט דעמאָלט, ווען מען מוז זיך מיט איהם צושיידען. ער האָט שוין ווידער געקענט לערנען, ארבייטען, הגם ווייט ניט מיט'ן פריהער־דיגען חשק; דער סקעפּטיציזם, צוגעגרייט דורך די ערפאהרונגען פון'ם לעבען, דורך דער ערציהונג, האָט זיך אויף אַן אמת פארקלי־בען צו איהם אין דער נשמה. ער איז געוואָרען זעהר גלייכגילטיג צו יעדער זאַך. פיער יאָהר זענען אוועק, און ער האָט זיך דער־פיהלט נאָכאמאָל בכח זיך אומצוקעהרען אהיים, זיך באַגעגענען מיט די זייניגע. ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט ניט אין פּעטער־בורג, ניט אין מאָסקווע, נאָר גלייך געקומען אין דער שטאָדט א..., וואו מיר האָבען זיך מיט איהם צושיידט, און וואוהין מיר בעטען אונזער נוטען לעזער צוזאמען מיט אונז זיך אומקעהרען.

17.

דעם צווייטען פריהמאָרגען, נאָך יענעם טאָג, וואָס מיר האָבען באַשריעבען, איז לאַוורעצקי ארויסגעגאנגען אויפ'ן גאַניקעל פון'ם קאַליטין־הויז. ליזאַ אין אַ הוט און הענטשקעס איז איהם אַנ־געקומען אַנטקעגען.

— וואוהין געהט איהר? — פרעגט ער איהר.

— אין קלויסטער. היינט איז זונטאג.

— איהר ווילט דען אויך געהן אין קלויסטער?

ליזאַ האָט שווייגענד, מיט איבערראַשונג אויף איהם אַ קוק געטאָן.

— ענטשולדיגט, — האָט לאַוורעצקי אַ זאָג געטאָן: — איך... איך האָב ניט דאָס געוואָלט זאָגען, איך בין געקומען זיך געזעגענען מיט אייך, אין אַ שטונדע ארום פאָהר איך אוועק אין דאָרף.

— עס איז דאָך פון דאַנען ניט וויים? — האָט ליזאַ אַ פרעג געטאָן.

— אַ ווערסט פינף־און־צוואנציג.

אויפ'ן שוועל פון טיהר האָט זיך באַוויזען לענאָטשקאַ אין דער באַגלייטונג פון דער דיענסט.

— זעהט, פארגעסט אונז ניט, — האָט ליזאַ אַ זאָג געטאָן און זיך אַ לאָז געטאָן פון'ם גאַניקעל.

— און איהר פארגעסט מיך אויך ניט. הערט, — האָט ער צוגעלעגט: — איהר געהט אין קלויסטער: בעט פאר מיר אויך.

— מהיכה־תיתי, — זאָגט זי און קוקט איהם גלייך אין די אויגען: — איך וועל פאר אייך אויך בעטען. קום לענאָטשקאַ.

אין גאַסט־צימער האָט לאַווערעצקי געטראָפען מאַריאַ דמיט־ריעוונאַ'ן איינע אליין. עס האָט פון איהר געשמעקט אָדעקאָלאָן מיט מיאַטנע. דער קאָפּ, ווי זי דערצעהלט, האָט איהר וועה געטאָן, און זי האָט אומרוהיג פארבראַכט די נאַכט. אויפגענומען האָט זי איהם מיט אַ געוועהנליכער מאַטער ליעבליכקייט און צו ביסלאַך האָט זי זיך צורעדט. — ניט אמת, — פרעגט זי איהם: — ס'אַראַ אַנגענעהמער יונגער מאַן וולאַדימיר ניקאָלאַיעוויטש!

— וועלכער וולאַדימיר ניקאָלאַיעוויטש?

— פאַנשין, אָט דער, וואָס איז דאָ נעכטען געוועזן. איהר זענט איהם שרעקליך געפעלען; איך וועל אייך איינרוימען אַ סוד, Mon cher cousin ער געהט פּשוט אראָפּ פון דעם זינען צוליעב מיין ליזאַ'ן. מילא? פון אַ שעהנער פאמיליע איז ער, דיענט אויסגעצייכענט, קלוג, שוין אַ קאַמער־יונקער, און אויב גאָט וויל אזוי... איך פון מיין זייט, אלס מוטער, וועל זיין זעהר צופרידען. די פאראַנטוואָרטליכקייט, פארשטעהט זיך, איז זעהר אַ גרויסע; אודאי, פון די עלטערן הענגט אָפּ דאָס גליק פון די קינדער, נאָר מען מוז דאָך אָבער צוגעבען: ביז איצטער, שלעכט צי גוט,נאָר דאָס איז דאָך אַלץ איך, אומעטום איך אליין, אָט ווי איך שטעה: אי איך האָב אויפגעצויגען די קינדער, אי איך האָב זיי געלערענט, אַלץ איך... אָט האָב איך איצטער אויסגעשריבען אַ מאַמזעל פון מאַדאַם באַליוס...

מאַריאַ דמיטריעוונאַ האָט זיך אַ לאָז געטאָן באַשרייבען איהרע זאָרגען, איהרע באַמיהונגען, איהרע מוטערליכע געפיהלען. לאַוו־רעצקי האָט איהר אויסגעהערט שווייגענד און געדרעהט זיין הוט

אין די הענט. זיין קאלטער, שווערער בליק האָט צומישט די פּריצע, וואָס האָט זיך צופלאַפּעלט.

— און ווי געפעלט אייך ליזא? — טוט זי איהם א פרעג.

— ליזאוועטא מיכאילאָוונא איז די שעהנסטע פריילין, — האָט לאוורעצקי געענטפערט, אויפגעשטאנען, זיך פארנייגט און אריינגענאנגען צו מארפא טימאָפעיעוונא'ן. מאריא דמיטריעוונא האָט מיט אומצופרידענהייט איהם נאָכגעקוקט און א טראכט געטאָן: „ס'ארא אומגעלומפּערטער, א פויער! נו, אָט איצטער פארשטעה איך שוין, פארוואָס זיין פרוי האָט איהם ניט געקענט זיין טריי".

מארפא טימאָפעיעוונא איז געזעסען ביי זיך אין צימער, ארומגערינגעלט מיט איהר שטאָט. באשטאנען איז ער פון פינף נפשות, כמעט אלע אלץ איינס נאָהענט צו איהר הארצען: פון'ם גרויס־וואליעגען געלערענטען סניגער, וועלכען זי האָט ליעב געקראָגען דערפאר, וואָס ער האָט אויפגעהערט צו פייפען און שלעפען וואסער, — פון דעם קליינינקען, זעהר שרעקעדיגען און רוהיגען הינטעל ראסקא, — פון דער בייזער קאץ מאטראס, — פון א שווארץ־חנ'עוודיגער ריהרעוודיגער מיידעלע פון א יאָהר ניין, מיט גרויסע אויגען און א שארף נעזעל, וועלכע מען האָט גערופען שוראטשקא, — און פון אן עלטערער פרוי פון א יאָהר פופציג, אין א ווייסער הויב און אין א ברוינער קורצער בלוזקע איבער א טונקעל קלייד, מיט'ן נאָמען נאסטאסיא קארפּאָוונא אָגארקאָווא. שוראטשקא איז געווען א יתומה אהן טאטע־מאמע. מארפא טימאָפעיעוונא האָט זי גענומען אויס רחמנות פונקט ווי ראסקען: אי דאָס הינטעלע אי דאָס מיידעלע האָט זי געפונען אין גאס; ביידע זענען געווען מאָגער און הונגעריג, אויף ביידען האָט דער הערבסט־רעגען געהאלטען אין איין גיסען; נאָך ראסקען האָט זיך קיינער ניט געיאגט, און שוראטשקען האָט איהר פעטער, אן ארעמער שוסטער, וואָס האָט אליין ניט דערעסען און זיין פּלימעניצע ניט געהאָדעוועט, נאָר געשלאָגען מיט א קאפּעט, אפילו אפּגעגעבען מיט שמחה צו מארפא טימאָפעיעוונא'ן. מיט נאסטאסיא קארפּאָוונא'ן האָט מארפא טימאָפעיעוונא זיך באקאנט ערגעץ אין א מאָנאסטיר; אליין איז זי צו איהר צר־

געגאַנגען אין קלויסטער (מאַרפאַ טימאָפעיעוונאַ'ן איז זי גע־פעלען געוואָרען דערפאַר, וואָס זי האָט, לויט איהרע ווערטער, זעהר באַטעמ'ט מתפלל געווען), אליין מיט איהר פאַרפיהרט אַ געשפּרעך און זי איינגעלאַדען צו זיך אויף אַ גלעזעל טעה. פון יענעם טאָג אָן האָט זי זיך שוין מיט איהר ניט צושיידט. נאַס־טאַסיאַ קאַרפּאָוונאַ האָט געהאַט זעהר אַ פרעהליכען און איידעלען כאַראַקטער, געווען אַ קינדערלאָזע אלמנה, פון די אַרעמע פּריצטעם; אַ קאָפּ האָט זי געהאַט אַ קיילעכדיגען, אַ גרויען, ווייכע ווייסע הענט, אַ ווייכען פּנים מיט באַדייטענדע, גוטע שטריכען און עטוואָס אַ לעכערליכען פאַריסענעם נאָז; זי האָט געהאַט גרויס יראת הכבוד פאַר מאַרפאַ טימאָפעיעוונאַ, און יענע האָט זי זעהר ליעב געהאַט, הגם זי פלעגט אַמאָל אונטערלאַכען פון איהר איידעל האַרץ; זי האָט געפיהלט אַ שוואַכקייט צו אַלע יונגע לייט און פלעגט ניט ווילענדיג רויט ווערען, ווי אַ מיידעלע, פון דעם אומשולדיג־סטען שפּאַס. איהר גאַנצער קאַפּיטאַל איז באַשטאַנען פון קנאַקע־דיגע צוועלף הונדערט רובל; געלעבט האָט זי אויפ'ן חשבון פון מאַרפאַ טימאָפעיעוונאַ און מיט אַזאַ הרחבה ווי זי: מאַרפאַ טימאָפעיעוונאַ וואָלט ניט איבערגעטראָגען קיין אונטערטעניגקייט.

— אַ! פעדיאַ! — האָט זי אָנגעפאַנגען ווי נאָר זי האָט איהם דערזעהן; — נעכטען אויף דער נאַכט האָסטו מיין פאַ־מיליע ניט געזעהן: זעטיג זיך אָן. מיר האָבען זיך אַלע צו־זאַמענגעקליבען צו טעה; דאָס איז שוין ביי אונז די צווייטע יום־טוב־טעה. אַלעמען קענסטו אַ צערטעל טאָן: נאָר שוראַטשקאַ לאָזט זיך ניט, און די קאַץ וועט אַ דראַפּע טאָן. היינט פאָהרסטו?

— היינט. — לאַווערעצקי האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ ני־דעריג בענקעלע. — איך האָב זיך שוין געזעגענט מיט מאַריאַ דמיטריעוונאַ'ן. ליזאַוועטאַ מיכאַילאָוונאַ'ן האָב איך אויך געזעהן.

— רוף איהר ליזאַ, טאַטע מיינער, וואָס פאַר אַ מיכאַילאָוו־נאַ איז זי דיר! זיץ־זשע רוהיג, אַניט וועסטו נאָך צוברעכען שוראַטשקאַ'ס בענקעל.

— זי איז געגאַנגען אין קלויסטער, — האָט לאַווערעצקי פאָרטגעזעצט, — איז זי דען אַ פרומע?

— יאַ, פעדיאַ, זעהר. מעהר פון מיר מיט דיר, פעדיאַ.

— און איהר זענט דען ניט פרום? — האָט נאַסטאַסיא קאַר־פּאָוונא מורמלענדיג באמערקט. — און היינט זענט איהר צו די מאָרגען תפילות ניט געגאנגען, אבער צו די שפּעטערדיגע תפילות וועט איהר יא געהן.

— אָבער גאָר לא, — דו וועסט אליין געהן: איך בין פויל געוואָרען, מאמע מיינע, — האָט מארפא טימאָפעיעוונא געענט־פערט, — איך גיב זיך שוין צופיעל נאָך מיט דער טעה. זי האָט נאַסטאַסיא קארפּאָוונא'ן געזאָגט דו, הגם זי האָט געלעבט ניט רייכער פון איהר — ניט אומזיסט האָט זי געשטאַמט פון דער פּעסטאוו־פאַמיליע: דריי פון דער פעסטאוו־פאמיליע זענען פאר־שריבען אין דעם טויטען־ליסט פון איוואן וואסיליעוויטש דעם גרויזאמען; מארפא טימאָפעיעוונא האָט דאָס געוואוסט.

— זאָגט, איך בעט אייך, — האָט לאוורעצקי נאָכאמאָל אָנ־געפאנגען: — מיר האָט מאריא דמיטריעוונא נאָר־וואָס געזאָגט וועגען דעם... ווי אזוי הייסט ער דארטען?... פאנשין. וואס איז דאָס פאר א הערר?

— ס'אַרא פּלוידערזאק זי איז, גאָט זאָל ניט שטראָפען פאר די רייד! — האָט מארפא טימאָפעיעוונא ארויסגעוואָרטשעט: — מן הסתם בסוד דיר איבערגעגעבען, אז אָט, ווי זאָגט מען, רוקט זיך אונטער א חתן. וואָלט זי זיך כאָטש געסוד'עט דאָרטען מיט'ן גלח'ס זוהן; ניין, ווייזט אויס, ס'איז איהר ווינציג. און באמת איז נאָך גאָר ניט און, טאקע, א דאנקען גאָט! נאָר זי פּלוידערט שוין.

— פארוואָס-זשע עפּעס א דאנקען גאָט? — האָט לאוורעצקי א פרעג געטאָן.

— אָט דערפאר, וואָס דער חברה־מאן געפעלט מיר ניט; און וואָס דארף מען זיך דאָ פרעהען?

— ער געפעלט אייך ניט?

— יא, ניט אלעמען קען ער דאָך געפעלען. ס'שוין גענוג פאר איהם, אז נאַסטאַסיא קארפּאָוונא איז אין איהם פארליעבט.

די אָרעמע אלמנה איז אויפגעטרייסעלט געוואָרען.

— וואָס רעדט איהר, מארפא טימאָפעיעוונא, איהר האָט גאָר קיין מורא ניט פאר גאָט! — האָט זי אויסגעשריען, און אין

דער רגע האָט זיך איהר א רויטקייט צוגאָסען איבער׳ן פּנים און איבער׳ן האַלדז.

— און ער ווייסט דאָך, דער שייגאַץ, — האָט מארפא טי־מאָפעיעוונא איהר איבערגעשלאָגען: — ער ווייסט, מיט וואָס איהר צו נעהמען: א שמעק־טאַבאַק קעסטעלע האָט ער איהר געשענקט; דו וועסט זעהן, דאָס קעסטעלע איז אַזאַ שעהנס: אויפ׳ן דעקעלע איז אויסגעקריצט א הוסאר אויף א פערד. בעסער, מאמע מיינע, זיך שוין גאָר ניט פארענטפערן.

נאַסטאַסיא קארפאָוונא האָט זיך נאָר אָפּגעשאָקעלט מיט די הענט.

— נו, און ליזא, — האָט לאַווריעצקי א פרעג געטאָן: איז צו איהם ניט גלייכגילטיג?

— דאכט זיך, ער געפעלט איהר, — נאָר, ווייטער, גאָט ווייסט איהר! א פרעמדענס נשמה, ווייסטו, איז ווי א געדיכטער וואַלד, און א מיידעלשע נשמה אודאי. אט איז שוראטשקא׳ס נשמה, — געה, קלייב זיך פאנאנדער! פארוואָס באהאלט זי זיך, אָבער געהט ניט אוועק זינט דו ביסט געקומען?

שוראַטשקא האָט ארויסגעשאָסען מיט א פארשטיקטען געלעכ־טער און איז ארויסגעשפּרונגען פון׳ם צימער, און לאַווריעצקי האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין אָרט.

— יא, — האָט ער א זאָג געטאָן צוצווינגען, — קיין מיי־דעלשע נשמה קען מען ניט אָפּשאַצען.

ער האָט זיך אָנגעפאנגען צו געזעגענען.

— וואָס זשע? ווועלען מיר דיך אין גיכען ווידער זעהן? — האָט מארפא טימאָפעיעוונא א פרעג געטאָן.

— ווי עס וועט אויסקומען, מוהמעניו; דאָ איז דאָך עפּעס ניט ווייט.

— יא, דו פאָהרסט דאָך מן הסתם אין וואסיליעווסקאיא. אין לאַווריקי ווילסטו ניט וואוינען: — נו, דאָס איז שוין דיין זאַך; נאָר פאָהר אראָפּ צו דיין מאמעס קבר און מאַך איהר דאָרט א „מלא״, און זיי דאָרטען אויך, אין איין וועג, ביים טאַ־טענס קבר. דאָרטען, אין אויסלאנד, האָסטו זיך אָנגענומען מיט אלערליי חכמות, נאָר ווער ווייסט, ס׳קען זיין, זיי וועלען דער־

פיהלען אין זייערע קברים, אז דו ביסט צו זיי געקומען. פארגעס ניט, פעדיא, מאכען א „מלא" נאך גלאפירא פעטראָווגא'ן; אָט האָסטו א רובעל. נעהם, נעהם, דאָס וויל א י ך, מען זאָל נאָך איהר א „מלא" מאכען. ביים לעבען האָב איך זי ניט ליעב גע־האַט, אָבער מען קען גאָרניט זאָגען, א כאראַקטער האָט די מויד געהאַט. א קלוגע געוועזען; נו, און דיך האָט זי ניט באליידיגט. און איצטער געה געזונטערהייט, אניט וועל איך זיך דיר איינעסען.

— און ליזא וועט מיט פאנישינען ניט חתונה האָבען, האָב קיין דאגות ניט; ניט אזא מאַן איז זי ווערט.

— איך האָב גאָר קיין דאגות ניט, — —האָט לאווערעצקי געענטפערט און איז אָפּגעגאנגען.

18.

אין א פאָר שטונדען ארום איז ער געפאָהרען אהיים. זיין טאראנטאס איז שנעל געפאָהרען איבער דעם ווייכען דאָרפישען וועג. צוויי וואָכען איז געווען א טרוקעניש; א דינער נעבעל האָט זיך צוגאסען ווי מילך אין דער לופט און האָט פארשטעלט די ווייטע וועלדער; עס האָט פון איהם געשמעקט מיט טשאד. א מענגע טונקעלע וואָלקענדלאך מיט אומדייטליך־אנגעוואָרפענע ברעגען זענען זיך צוקראָכען איבער דעם בלאס־בלויען הימעל; א גאנץ קרעפטיגער ווינט האָט זיך געטראָגען ווי אַן אומאויפהערלי־כער שטראָם און האָט די היץ ניט צוטריבען. לאווערעצקי האָט זיך אָנגעשפארט מיט'ן קאָפּ אָן דער קישען, איבערגעוואָרפען די הענט אויפ'ן הארצען און געקוקט אויף די פארביי־לויפענדע, ווי א פאכער, צושניטענע פעלדער, אויף די לאנגזאם־דורכבליטשענ־דע ראקיטען, אויף די נארישע קראָהען און זאט־קראָהען, וועלכע קוקען אין א זייט מיט אזא טעמפען חשד אויפ'ן פארבייפאהרענ־דען עקיפאזש, אויף די לאנגע מעזשעס, וואָס זענען פארוואקסען מיט קרייטער, פאלין און פעלד־ראבינע־בוימלאך; ער האָט גע־קוקט.... און אָט דער פרישער, סטעפּאָווער פעטער פארוואָרפענער ווינקעל, אָט די גרינקייט, אָט די לאנגע בערג, טאָלען מיט קורץ־געוויקסיגע דעמב־קוסטען, די גרויע דערפלאך, די שיטערע בערע־

זעם — אט דאס גאנצע רוסיש בילד, וואס ער האט שוין אזוי לאנג ניט געזעהן, האט ארייננעבלאזען אין זיין נשמה אזעלכע זיסע און אין דער זעלביגער צייט אזעלכע טרויעריגע געפיהלען, האט פאר־דריקט די ברוסט מיט עפעס א מין אנגענעהמען שמערץ. זיינע געדאנקען האבען אזוי לאנגזאם געבלאזשעט; זייערע קאנטורען זענען געווען אזוי אומסלאר און טונקעל, ווי די קאנטורען פון יענע הויכע, אויך עפעס בלאנדזשענדע וואלקענדלאך. ער האט זיך דערמאנט אן זיין קינדהייט, אן זיין מוטער, ער האט זיך דער־מאנט, ווי זי איז געשטארבען, ווי מען האט איהם צו איהר צוגע־טראגען, און ווי זי האט צוגעדריקט זיין קעפעל צו איהר ברוסט און אנגעפאנגען שוואך צו קלאגען איבער איהם, נאר זי האט א קוק געטאן אויף גלאפירא פעטראוונא — און אנשווינען געווארען. ער האט זיך דערמאנט אן זיין פאטער, צוערשט א מוטינען, א אומצופרידענעם מיט יעדער זאך, מיט א קופערנעם קול, — דער־נאך א בלינדען, א וויינענדינען, מיט א אומריינער, גרויער בארד; ער האט זיך דערמאנט, ווי אזוי איינמאל ביים טיש האט ער גע־טרונקען א איבעריג גלעזעל וויין, פארגאסען זיין סערוועטקע מיט סאוס, און פלוצלונג צולאכענדיג זיך, האט ער אנגעפאנגען, אונטערווינקענדיג מיט זיינע שטאק־בלינדע אויגען, צו דערצעהלען וועגען זיינע זיעגען און בעת מעשה זיך פאררויטעלט; ער האט זיך דערמאנט אן ווארווארא פאוולאוונא, — און האט זיך ניט ווילענ־דיג א קנייטש געטאן, ווי א מענש קנייטשט זיך פון א מאמענ־טאלען אינערליכען וועהטאג, און א טרייסעל געטאן מיט'ן קאפ. נאכדעם האט זיך זיין געדאנק אפגעשטעלט אויף ליזא'ן.

„אט, — האט ער א טראכט געטאן: — טרעט נאר־וואס ארייין א נייע באשעפעניש אין'ם לעבען. א וואוילע מיידעל, וואס וועט דאס פון איהר ווערען? זי איז אויך א שעהנע. דאס בלאסע, פרישע געזיכט, די אויגען און די ליפען זענען אזעלכע ערנסטע, און דער בליק איז אן עהרליכער און א אומשולדיגער. א שאד, זי איז, דאכט זיך, אביסעל ענטוזיאסטיש. דער וואוקס איז א פיינער, און זי געהט אזוי גרינג, און א קול א שטילער. איך האב זעהר ליעב, ווען זי טוט זיך פלוצלונג א שטעל אפ, הערט מיט אויפ־מערקזאמקייט, אהן א שמייכעל, נאכדעם פארטראכט זי זיך,

ווארפט צוריק אָפּ איהרע האָר. אמת, מיר אליין דוכט זיך, פּאנשין איז זי ניט ווערט. אָבער, מיט וואָס איז ער דען שלעכט? און ווייטער, וואָס האָב איך זיך דאָ אזוי צו'חלום'ט? זי וועט אויך אוועקלויפען איבער דעם וועג, איבער וועלכען אלע לויפען. לאָם איך בעסער אנשלאָפען ווערען". און לאווערעצקי האָט צוגעמאכט די אויגען.

ער האָט אָבער ניט געקענט איינשלאָפען, נאָר ער איז פארזונקען געוואָרען אין אַ מין דרעמלענדער אונטערוועגענס־פארשטיינערונג. די בילדער פון דער פארגאנגענהייט האָבען זיך, ווי פריהער, ניט איילענדיג, אויפגעהויבען, ארויסגעשוואומען אין זיין נשמה, זיך אויסגעמישט און געפלאָנטערט מיט אנדערע פאָרשטעלונגען. לאווערעצקי, גאָט ווייסט פארוואָס, האָט אָנגעהויבען טראַכטען וועגען ראָבערט פּיל... וועגען דער פראנצויזישער געשיכטע.... וועגען דעם, ווי ער וואָלט געוואונען די שלאכט, ווען ער זאָל געווען זיין דער גענעראל; אָט הערט ער, דאכט זיך, אַ שיסערייַ און געשרייען... זיין קאָפּ גליטשט זיך אָפּ אָן אַ זייט, ער עפענט אויף די אויגען... די זעלביגע פעלדער, די זעלביגע סטעפּאָווע בילדער; די אָפּגעריבענע פּאָדקאָוועס פון די זייטיגע פערד טוען אלע מאָל אַ פינקעל דורך דעם וועלען־פּאָרמיגען שטויב; דאָס העמד פון'ם יאַמסטשיק, אַ געלס, מיט רויטע צוויקלאָך בלאָזט זיך אָן פון'ם ווינט... „אַ שעהנער מענש קום איך צוריק אהיים" — האָט לאווערעצקי'ן דורכגעבליצט אין קאָפּ; און ער האָט אַ געשריי געטאָן: „געגאנגען זאָל ווערען!" האָט זיך איינגעוויקעלט אין'ם שינעל און האָט זיך קאמפּאקטער צוגעפּרעסט צום קישעלע. דער טאראַנטאַס האָט זיך אָן עפּעס אַ שטויס געטאָן: לאווערעצקי האָט זיך אויסגעגלייכט און ברייט פאנאנדערגעעפענט די אויגען. אויף אַ בערגעל פאר איהם האָט זיך געצויגען אַ קליין דערפעלע; עטוואָס רעכטס האָט זיך געזעהן אַן אלט פריציש שטיבעל, מיט פאַרמאכטע לאָדען און אַ קרום גאניקעל; איבער'ן ברייטען הויף, פון די טויערן אָן האָט געוואקסען קראָפּעווע, גרין און געדיכט ווי קאַנאָפּליעס; דאָ איז אויך געשטאַנען נאָך אַ שטארק דעמבען קעמערל. דאָס איז געווען וואסיליעווסקאיא.

דער יאַמסטשיק האָט זיך פארקערעוועט צו די טויערן, אָפּ־

געשטעלט די פערד; לאוורעצקי׳ס לאקיי האט זיך אויפגעהויבען אויף דער קעלניע און האט, ווי ער וואלט זיך פארמאסטען אראפ־טאנצען, א געשריי געטאן; „העי!״ עס האט זיך דערהערט א הייזעריגער, טעמפער בילען, נאר דער הונט האט זיך אפילו ניט באוויזען; דער לאקיי האט זיך ווידער פארמאסטען אראפצו־שפרינגען און ווידער א געשריי געטאן: העי! עס האט זיך ווידערהאלט א שוואכער בילען און, אין א רגע ארום, איז אויפ׳ן הויף ארויסגעלאפען, גאט ווייסט פון וואנען, א מענש אין א נאנקינעם קאפטאן, מיט א ווייסען קאפ ווי שנעע; ער האט פארשטעלט די אויגען פון דער זון, א קוק געטאן אויפ׳ן טאראנ־טאס, זיך פלוצלונג א פאטש געטאן מיט ביידע הענט איבער די פיס, צוערשט זיך אביסעל א דרעה געטאן אויפ׳ן ארט, און נאכ־דעם זיך א ווארף געטאן עפענען די טויערען. דער טאראנטאס איז אריינגעפאהרען אויפ׳ן הויף, שורשענדיג איבער דער קראפיווע, און האט זיך אפגעשטעלט נעבען גאניקעל. דער ווייס־קעפיגער מענש, ווייזט אויס, זעהר א לעבעדיגער, איז שוין געשטאנען, ברייט און קרום צושטעלט די פיס, אויפ׳ן לעצטען טרעפעלע, אפגעשפי־לעט דאס לעדערנע דעקעל פון׳ם טאראנטאס, מיט ציטערענדע הענט דאס א ציה געטאן ארויף, און העלפענדיג דעם פריץ אראפ־קריכען אויף דער ערד, האט ער איהם א קוש געטאן אין האנט.

— שלום, שלום־עליכם, ברודער, — האט לאוורעצקי א זאג געטאן, — דו הייסט, דאכט זיך, אנטאן? דו לעבסט נאך?

דער אלטער האט שווייגענד זיך פארנייגט און איז אוועק נאך די שליסעל. בעת ער איז געשלאפען, איז דער יאמסטשיק דער־ווייל געזעסען באוועגלאז אויף דער קעלניע, די הענט פידבארקאם און געקוקט אויף דער פארשלאסענער טיהר; און לאווערעצקי׳ס לאקיי, ווי ער איז אראפגעשפרונגען, אזוי איז ער געבליבען אין דער זעלבער מאלערישער פאזע, פארווארפענדיג איין האנט אויף דער קעלניע. דער אלטער האט געבראכט די שליסעל און, אויס־בויגענדיג זיך ווי א שלאנג, צי מען דארף ניט, האט ער אויפגעהויבען אין דער הויך די ארעמס, אפגעשלאסען די טיהר, אפגעטראטען אן א זייט און ווידער זיך טיעף פארנייגט.

„אט בין איך אין דער היים, אט האב איך זיך אומגעקעהרט״,

האָט לאווּרעצקי אַ קלער געטאָן, בעת ער איז אַריינגעקומען אין דעם קליינינקען פאָרצימער; די לאָדען האָבען זיך געעפענט מיט אַ געריוש און סקריפּ איינער נאָכ'ן אַנדערן און דאָס טאָג־ליכט האָט אַריינגעדרונגען אין די אומבאַוואוינטע צימערן.

19.

דאָס קליינע שטיבעלע, וואוהין לאווּרעצקי איז צוגעפאָהרען און וואו גלאפירא פּעטראָוונא איז צוריק מיט צוויי יאהר געשטאָרבען, איז געווען אויפגעבויט אין דעם פאַרגאַנגענעם יאהרהונדערט פון שטאַרקען סאָסנאָווע געהילץ; לויט'ן אויסזעהן האָט עס געשיינט צו זיין אַבגעפאָהרען, נאָר עס האָט נאָך געקענט אַבשטעהן אַ פופציג יאָהר אָדער נאָך מעהר. לאווּרעצקי איז דורכגעגאַנגען אַלע צימערן און, צו דער גרויסער אומרוהיגקייט פון די אַלטע, שוואַכע פליגען מיט ווייסען שטויב אויפ'ן רוקען, וואס זיינען באַוועגלאָז געשטאַנען אויף דער סטעלי, האָט ער געהייסען אויפעפענען אַלע פענסטער: פון גלאפירא פּעטראָוונא'ס טוידט אָן האָט'זיי קיינער ניט געעפענט. אַלעס אין הויז איז געבליבען ווי געווען; די דינפיסיגע ווייסע קאַנאַפּקעלאַך, באַצויגענע מיט גרויען שטאָף, אַבגעריבענע און דורכגעזעצטע, האָבען דייטליך דערמאָנט אָן יעקאַטערינאַ'ס צייטען; אין גאַסט־צימער איז געשטאַנען די באַליעבטע שטוהל פון דער באַלעבאָסטע מיט אַ הויכען גלייכען פּאַרענטש, אָן וועלכען זי פלעגט זיך ניט אָנשפּאַרען אַפילו אויף אויף דער עלטער. אויף דער הויפּט וואַנט האָט געהאַנגען אַן אַלט בילד פון פּעאָדאָר'ס עלטער־זיידען, אַנדריי לאווּרעצקי; דאָס טונקעלע אויפגערעגטע געזיכט האָט זיך קוים אַפּגעטיילט פון דעם פאָן, וואס איז שוואַרץ געוואָרען און צובויגען; די קליינע, בייזע אויגען האָבען בייז אַרויסגעקוקט פון אונטער די אַראָפּהענגענדע ווי געשוואָלענע ברעמען: די שוואַרצע האָר אָהן פּודרע האָבען זיך אויפגעהויבען ווי אַ בערשטעל איבער'ן געשטיפּעלטען שטערן. ביים ברג פונ'ם בילד האָט געהאַנגען אַ קראַנץ פון פאַרשטויבטע אימאָרטעלען. „גלאפירא פּעטראָוונא אַליין האָבען דאָס אויסגעפלאָכטען“. האָט אַנטאָן דערלייגט. אין שלאָף־צימער איז געשטאַנען אַ

שמאָלע בעטעל אונטער גארדינען, זעהר אן אלטמאָדישע נאָר פון זעהר גוטען שטרייפיגען מאטעריאל; א בערגעל אפּגעבליאקעוועטע קישעלאך און א זעהר שיטער קאָלדרעלע זיינען געלעגען אויפ׳ן בע־טעל, און איבער׳ן צוקאָפּענס איז געהאנגען דאס הייליגע בילד „דער ארייגפיהר אין טעמפעל פון דער הייליגסטער גאָט־געבוירע־רין״, דאס זעלביגע הייליגע בילד, צו וועלכען די אלטע פארזעסענע מיידעל, שטארבענדיג אליין און פון אלעמען פארגעסען, האָט צום לעצטען מאָל צוגעלעגט די שוין גליווערענדע ליפּען. דאָס טואלעט־טישעל צוזאמענגעשטעלט פון שטיק־האָלץ, מיט קופּערנע בלעכלאך און א קרום שפּיעגעלע, שוין היבשלאך פארשווארצט, איז געשטא־נען נעבען פענסטער. נעבען שלאָף־צימער איז געווען א „אָבראַז״־צימערל, מיט הוילע ווענט און א שווערען קיאָט*) אין ווינקעל; אויף דער פּאָדלאָגע איז געלעגען אן אבגעריבענער, מיט וואקס אויסגעפלעקטען טעפּיכל; גלאפירא פּעטראָווגא פלעגט ביי די תפילות זיך אויף איהם בוקען. אנטאָן איז מיט לאַווערעצקי׳ם לאקיי אוועק אויפשליסען דעם שטאל פאר די פערד; אויף זיין פּלאַץ איז געקומען אן אלטינקע, כמעט אין איינע יאהרען מיט איהם, ארומגעבונדען מיט א פארטשיילע ביז איבער די ברעמען; דער קאָפּ איהרער האָט זיך געטרייסעלט, איהרע אויגען האָבען טעמפּ געקוקט, נאָר האָבען אויסגעדריקט פלייסיגקייט, די אלטע געוועהנ־הייט צו דיענען געדולדיג, און אין דער זעלביגער צייט — עפּעס א מין העפליכען רחמנות. זי איז צוגעגאנגען א קוש טאָן לאַווערעצקי׳ס האנט און איז אזוי שטעהן געבליעבען ביים טיר אין ערווארטונג פון עפּעס א באפעהל. ער האָט אבסאלוט ניט געדענקט, ווי מען האָט זי גערופען, אפילו ניט געדיינקט, צו ער האָט זי ווען ס׳ניט איז געזעהען; ארויסגעוויעזען האָט זיך, אז מען האָט זי גערופען אפּראקסעיא; מיט א פערציג יאהר צוריק האָט טאקע גלאפירא פּעטראָווגא זי פארשיקט פונ׳ם פּריצישען הויף און זי געמאכט פאר אן אויפזעהערין איבער די עופות; און וויעדער, גערעדט האָט זי ווינציג, — פונקט ווי זי וואלט געווען עובר־בטל — נאָר געקוקט אונטערטעניג. אחוץ אָט די צוויי אלטינקע, און א דריי גראָב־

*) אַלמער פאר הייליגע בילדער.

בייכיגע קינדערלאך, אנטאָנ׳ס אור־אייניקלאך, האָט אויפ׳ן פריצי־שען הויף געלעבט נאָך א פויער, מיט איין האַנט נאָר און פריי פון דער פּריצישער ארבייט; ער פלעגט פּיסטשען ווי א פויגעל און האָט צו קיין זאך ניט געטויגט; עטוואס נוצליכער פון איהם איז געווען דער אלטער הונט, וואס האָט מיט א בילעריי באגריסט לאוו־רעצקי׳ס צוריקקומען: שוין א יאהר צעהן, אז ער איז געשטאַנען אויף א גראָבער קייט, וואָס מען האָט געקויפט אויפ׳ן באפעהל פון גלאפירא פעטראָוונא, און האָט זיך שוין קוים־קוים געקענט ריהרען און טראגען זיין משא. לאווערעצקי האָט באקוקט דאס הויז, ארומ־גענאַנגען אין סאָד און פוןביידע געבליבען צופריעדען. ער איז דורכאוים געווען באוואקסען מיט קרייטיכער, שטעכילקעס, אגרעס־סען און מאלינעס־קוסטען; נאר ס׳איז דארט געווען א סך שאָ־טען, א סך אלטע לינדען־בוימער, וואָס האָבען איבעראשט מיט זייער גרויסקייט און מאָדנעם סדר פון זייערע סוקעס; מען האָט זיי געהאט געזעצט צו געדיכט און זיי אמאָל — מיט א יאהר הונדערט צוריק — ארומגעשוירען. דער סאָד האָט זיך פארענדיגט מיט א קליין ליכטיג טייכעל, באזוימט מיט הויכען רויטען טשערעט. די שפורען פונ׳ם מענשליכען לעבען ווערען שנעל פארווישט: דאס גוט פון גלאפירא פעטראוונא האָט נאָך קיין צייט ניט געהאט פאר־ווילדעוועט צו ווערען, נאָר איז שוין אריין אין א מין שטילען דרע־מעל, אין וועלכען עס פאלט אריין אלעס אויף דער ערד, וואו ס׳פעהלט נאָר דער מענשליכער אומרוהיגער גיפט. פעאָדאָר אי־וואניטש האָט אויך געמאכט א שפאציער איבער׳ן דאָרף; די פויערטעס האָבען אויף איהם געקוקט פונ׳ם שוועל פון זייערע שטיבלאך, אונטערשפארענדיג א באַק מיט דער האנט; די פויערים האָבען זיך פון דער ווייטען געבייגט; די קינדער זיינען זיך צו־לאָפען; די הינט האָבען גלייכגילטיג געהאווקעט. ענדליך האָט זיך איהם פארוואלט עסען; נאָר זיין דינערשאפט און קוכער האָ־בען ערשט געדארפט קומען געגען אוונט; דער באגאזש מיט דעם פּראוויאנט פון לאווריקי איז נאָך ניט געהאט אָנגעקומען — הכלל, מען האָט זיך געמוזט ווענדען צו אנטאָנען. אנטאָן האָט זיך גלייך א נעהם געטאָן צו דער ארבייט: געכאפט א הון, זי געקוילעט און אָפּגעפּליקט; אפראקסעיא האָט זי לאנג געריבען און געוואַשען

איידער זי האָט זי אַריינגעלעגט אין פּענדעל; ענדליך, ווען זי איז פאַרטיג געוואָרען, האָט אַנטאָן געגרייט צום טיש, אוועקגעשטעלט פאַר׳ן קרעדענץ אַ פאַרשוואַרצט געדעקט זעלצערל אויף דריי פיס־לאַך און אַ קאַנטיג געשליפען פלעשעל מיט אַ קיילעכדיגער גלעזער־נער פּראָפּקע און מיט אַ דין העלדזעל; נאָכדעם האָט ער מיט אַ זינגענדיג קול דערלעגט לאַווערעצקי׳ן, אַז דאָס עסען איז פאַרטיג, — און זיך אַליין אוועקגעשטעלט הינטער זיין שטוהל, אַרומגעוויקעלט זיין רעכטען פויסט מיט אַ סערוועטקע און פאַרשפּרייט אַרום זיך אַזאַ שאַרפען גערוך, ווי דער גערוך פון אַ קיפּאַריסען־בוים. לאַוו־רעצקי האָט פאַרזוכט די זופּ און זיך אַ נעהם געטאָן צו דער הון; איהר הויט איז געווען באַדעקט מיט גרויסע פעדער־בערגלאַך; אַ גראָבער אָדער האָט זיך געצויגען אויף יעדער פיסעל, פון׳ם פלייש האָט זיך געהערט מיט לויג און מיט פלאַנצען־זאַפּט. נאָכ׳ן מיטאָג האָט לאַווערעצקי אַ זאָג געטאָן, אַז ער וואָלט געטרונקען טעה, ווען...

„די מינוט ברענג איך“, — האָט איהם דער אַלטער איבערגעשלאָ־גען, — און טאַקע מקיים געווען זיין הבטחה. מען האָט געפונען אַ לעק טעה, איינגעוויקעלט אין אַ שטיקעל רויט פּאַפּיער, מען האָט געפונען אַ קליין, אָבער גוואַלדיג רוישיג סאַמאָוואַרעלע, מען האָט אויך אָבגעזוכט עטליכע קליינע שטיקלאַך צוקער, וואָס האָבען אויסגעזעהן פונקט ווי זיי וואָלטען אַרום אַביסעל צוגאַנגען. לאַוו־רעצקי האָט זיך אָנגעטרונקען מיט טעה פון אַ גרויסער טאַסע; אָט די טאַסע האָט ער נאָך געדענקט פון זיין קינדהייט: שפּיעל־קאַרטען זיינען אויף איהר געווען אויסגעמאָהלט, און טרינקען פון איהר פלעגען נאָר געסט, — און ער האָט פון איהר געטרונקען ווי אַ גאַסט. פאַר נאַכט איז אָנגעקומען די דיענערשאַפט; לאַוו־רעצקי האָט זיך ניט געוואָלט לעגען אין דער מוהמע׳ס בעט; ער האָט געהייסען זיך אויסבעטען אין עס־צימער. ער האָט פאַרלאָשען די ליכט, לאַנג געקוקט אַרום זיך און געשפּינט דעם אומעטיגען גע־דאַנק; ער האָט דורכגעלעבט דעם געפיהל, וואָס איז באַקאַנט יעדען מענשען, ווען עס קומט אויס צו נעכטיגען אין אַ לאַנג ניט באַוואוינטען אָרט; איהם האָט זיך געדאַכט, אַז די פינסטערניש, וואָס האָט איהם אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען, קען זיך ניט צו־געוועהנען צום נייעם קוואַרטיראַנט, אַז די ווענט אַליין זיינען עפּעס

אין א פארלעגנהייט. ענדליך, האָט ער א זיפץ געטאָן, ארויפגע־צויגען אויף זיך די קאָלדרע און איז איינגעשלאפען. אנטאָן האָט זיך לענגער פון אלעמען ארומגעדרעהט; ער האָט זיך א סך גע־שושקעט מיט אפראקסעי׳ען, שטילינקערהייד געקרעכצט, א פּאָר מאָל זיך איבערגעצלם׳ט; זיי האָבעןביידע ניט ערווארט, אז דער פריץ זאל זיך באזעצען ביי זיי אין וואסיליעווסקאיא, ווען דאָ ניט ווייט האָט ער אזא פיינעם גוט מיט אן אויסגעצייכענט איינגעאָר־דענטען הויף; זיי האָבען אפילו ניט געהאט קיין פארדאכט, אז עס איבעלט לאווּרעקצי׳ן פון אָט דעם הויף: ער האָט אין איהם ערוועקט שמערצפולע ערינערונגען. זיך אנגעשושקעט איבער גע־נוג, האָט אנטאָן גענומען דעם שטעקען, א קלאפּ געטאָן עטליכע מאָל איבער דעם הענגענדען און שטומען ברעטעל ביים שפייכלער און טאקע אָט דאָ אין דרויסען אנדרעמעלט געווארען און אפילו ניט צוגעדעקט זיין ווייסען קאָפּ. די מאי־נאכט איז געווען שטיל און צערטליך, — און דער אלטער איז געשמאק געשלאפען.

20.

אויפ׳ן צווייטען טאָג איז לאווּרעצקי אויפגעשטאנען גאנץ פריה, האָט זיך דורכגעשמועסט מיט׳ן סטאראָסטא, געווען אין שייער, באפוילען אראָפּנעמען די קייט פונ׳ם הויף־הונט, וועלכער האָט נאָר א האווקע געטאָן אביסעל, נאָר איז אפילו ניט אבגעגאנגען פון זיין ביידעל; — און צוריקקומענדיג אהיים איז ער ארייננגעפאלען אין עפּעס א מין פריעדליכער פארשטיינערונג, פון וועלכער ער איז שוין ניט ארויס דעם גאנצען טאָג. ער איז געזעסען נעבען פענס־טער, זיך ניט געריהרט, ווי ער וואלט זיך צוגעהערט צום לויף פונ׳ם שטילען לעבען, וואס האָט איהם ארומגערינגעלט, צו די זעלטענע קלאנגען פון דער דאָרפישער שטילקייט. אָט זינגט דאָרט עמיצער ערגעץ הינטער דער קראָפּיווע מיט א דין־דינינק קולכעלע; דער מוק באפּט דאָס אונטער. אָט איז שטיל געווארען, נאָר דער מוק פּיסטשעט נאָך אלץ; דורך דעם ענערגישען, לאנגווייליגען און טרויעריגען זשושזען פון די פליגען הערט זיך דער גערויש פון א גראָ־בער ביהן, וואס האָט זיך געהאלטען אין איין שטויסען מיט׳ן קאָפּ

אין דער סטעלי; אין גאס האָט א קרעה געטאָן א האָן, און היי־
זעריג אויסגעצויגען דעם לעצטען נאָט; א וואגען איז קלאפּענדיג
דורכגעפּאהרען; אויפ'ן דארף סקריפּען די טויערן. „וואסי?"
האָט פּלוצלונג דורכגעציטערט א פרויען־קול. „אך, דו קרוינעלע
מיינס", האָט אנטאָן א זאָג געטאָן צום צוויי־יאהריגען מיידעלע,
וואָס ער האָט געצערטעלט. „ברענג קוואס", — האָט ווידערהאָלט
די זעלביגע פרויען־שטימע, — און פּלוצלונג קומט אָן א טוידטע
שטילקייט; קיין זאך קלאפּט ניט, ריהרט זיך ניט; דער ווינט
זאָל א בלעטעל באוועגען. די שוועלבעלאך טראגען זיך איינע נאָך
דער אנדערער איבער דער ערד, טוען אפילו קיין פּיפּס ניט, און עס
ווערט אזוי טרויעריג אויף דער נשמה פון זייער שטילען און פּלוצ־
ליכען פליה. „אָט בין איך אויפ'ן דעק פונ'ם טייך, — טוט ווידער
לאווורעצקי א קלער. — און שטענדיג, צו יעדער צייט איז דאס לע־
בען דא שטיל, ניט רוישיג, — קלערט ער: — ווער עס געהט אריין
אין דעם קרייז, מוז זיך אונטערגעבען: עס איז דאָ ניטאָ צוליעב
וואָס זיך קאָכען, ניטאָ וואָס אויפשטורמען; דאָ איז נאָר יענער
ערפאלגרייך, ווער עס טרעט זיך אויס זיין שטעג ניט איילענדיג, ווי
דער פויער ביים אקער. און ס'אָרא קראפט דאָ איז ארום, ס'אָרא
מין געזונט עס ליגט אין דער אומבאוועגליכער שטילקייט! אָט
דאָ אונטער'ן פענסטער שפּארט זיך ארויס א דיקער קרייטער פון דעם
געדיכטען גראָז; איבער איהם ציהט אויס דאס ליעב־שטעקעל*)
זיין זאפטיגען שטענגעל, דער הייליגער מוטער'ס טרערעלאך**)
ווארפען נאָך העכער ארויס זייערע ראָז־קאָלירטע לאָקען; און
דאָרט, ווייטער, אין די פעלדער, גלאנצט דאס קאָרן, דער האָבער
שפּארט זיך שוין אין רערעלע, און עס שפּרייט זיך אין דער גאנצער
ברייט זיינער יעדעס בלעטעל אויף יעדען בוים, יעדעס גרעזעלע
אויף זיין שטענגעלע. „אויף פרויען־ליבע זיינען אוועק מיינע בעס־
טע יאהרען, — האָט ווייטער לאווורעצקי געקלערט: — טאָ זאָל
מיך דער אומעט דאָ אויספּריהרען, מיך בארוהיגען, מיך צוגרייטען
דערצו, אז איך זאָל קענען ניט איילענדיג טאָן אן ארבייט". און

*) עזא פלאָנץ.

**) אזעלכע בלימעלאך.

ווידער נעהמט ער זיך צוהערען צו דער שטילקייט, ווי ער וואלט אויף גאר ניט געוואוסט און יא אויף עפּעס געוואוסט: די שטיל־קייט כאפּט איהם ארום פון אלע זייטען, די זון גליטשט זיך שטיל איבער׳ן רוהיגען הימעל און שטיל שווימען אויף איהם די וואל־קענס; עס דוכט זיך, זיי ווייסען וואוהין און נאך וואס זיי שווי־מען. אין דער זעלביגער צייט זידט דאס לעבען און איילט זיך און שטורעמט, אין אנדערע פלעצער אויף דער ערד; אט דא פליסט דאס זעלביגע לעבען שטיל ווי וואסער איבער זומפּיג גראז; און ביז דער אווענט איז צוגעפאלען, האט לאווערצקי זיינע אויגען ניט געקענט אברייסען פון אט דעם אוועקגעהענדען אבשטראמענדען לעבען; דער וועהטאג פון דער פארגאנגענהייט האט געהאלטען אין צוגעהן אין זיין נְשמה, ווי דער פריהלינגס־שנעה, — און א מאדנע זאך! — קיינמאהל איז ביי איהם ניט געווען אזוי טיעף און שטארק דער געפיהל פון דער היים.

21

אין א משך פון צוויי וואכען האט פעדאר איוואניטש געבראכט אין ארדנונג דאס שטיבעל פון גלאפירא פעטראוונא, אפגערייניגט דעם הויף, דעם סאד; פון לאווריקי האט מען איהם געבראכט באקוועמע מעבעל, פון שטאדט — וויין, ביכער און זשורנאלען; אין שטאל האבען זיך באוויזען פערד; מיט איין ווארט, פעדאר איוואניטש האט זיך באזארגט מיט אלעם נויטיגען און אנגעפאנגען צו לעבען — ווי א האלבער פריץ, א האל־בער נזיר. זיינע טעג זיינען אוועק איינארטיג; נאר ער האט ניט געביינקט, הגם ער האט קיינעם ניט געזעהן; ער האט פלייסיג און אויפמערקזאם זיך באשעפטיגט מיט באלעבאטישקייט, געריטען אויף פערד אין דער ארומיגער געגענד, געלייענט. אגב, געלייענט האט ער וויניג: איהם איז געווען מעהר אנגענעהם צו הערען די דערצעהלונגען פונ׳ם אלטען אנטאן. געוועהנטליך פלעגט לאווערצקי זיך אוועקזעצען מיט א ליולקע טאבאק און א קאלטע טאסע טעה נעבען פענסטער; אנטאן פלעגט זיך אוועק־שטעלען ביי דער טיר, פארלעגען די הענט אויפ׳ן רוקען, — און

אָנפּאַננען זיינע אומגעאַיילטע דערצעהלונגען, וועגען אַמאָליגע צייטען, וועגען יענע לעגענדאַרע צייטען, ווען האָבער און קאָרן פלעגט מען פּאַרקויפען ניט אויפ'ן מעסטעל, נאָר אויפ'ן זאַק, אַ גרויסען זאַק פאַר צוויי־דריי קאָפּיקעס; ווען אין אַלע זייטען, אפילו נאָהענט צום שטאָדט, פלעגען זיך ציהען אומגעהייער־גע־דיכטע וועלדער, נאָך ניט קיין באַריהרטע סטעפּען. „אָבער איצ־טער, — פלעגט זיך קלאָגען דער אַלטער, וואָס האָט שוין אַריבער־געשפּאַנט זיינע אַכציג יאָהר: — האָט מען אַזוי אַלעס אויסגע־האַקט, צוּאַקערט, אַז ס'איז ניטאָ וואו דורכצופאָהרען". אַנטאָן פלעגט אויך אַ סך דערצעהלען וועגען זיין באַלעבאָסטע גלאַפירא פּעטראָווּנאַ: ס'אַרא אַ באַטראַכטע זיי זיינען געווען און אַן איינ־שפּאָרערין; ווי אַזוי עפּעס אַ פּריץ, אַ יונגער שכן, פלעגט זיך וועלען צושאַרען צו זיי, אָפּט קומען צו־גאַסט, — און ווי זיי פלעגען שוין אפילו צוליעב איהם זיך פאַרפּוצען אינ'ם יום־טוב'־דיגען טשיפּיק מיט קאָלירטע בלענדעלאַך און אין אַ געלער קלייד פון טערקישען צייג; נאָר דערנאָך זיינען זיי אין כעס געוואָרען אויפ'ן פּריץ דעם שכן פאַר דער אומאַנשטענדיגער פראַגע: „ווי פיעל אַן ערך קען ביי אייך זיין קאַפּיטאַל, פּריצה?" האָבען זיי באַפעהלען ניט אַריינלאָזען איהם מעהר אין הויז, און ווי זיי האָ־בען דעמאָלט שוין באַפעהלען, אַז אַלעס, איבער הונדערט יאָהר, ביז דעם קלענסטען שמאַטקעלע, זאָל איבערגעגעבען ווערען פּעאָ־דאָר איוואַניטש'ען. און ווירקליך, לאַווּרעצקי האָט געטראָפען דער מוהמעס פולע באַלעבאַטישקייט גאַנץ, אפילו דעם יום־טוב'־דיגען טשיפּיק מיט די קאָלירטע בלענדעלאַך און דאָס געלע קלייד פון טערקישען צייג. קיין אַלטע פּאַפּירען און נייגעריגע דאָקו־מענטען זיינען, נעגען לאַווּרעצקי'ס ערוואַרטונג, דאָרט ניט געווען, אַחוץ עפּעס אַן אַלט ביכעל, אין וועלכען זיין זיידע, פּעטער אַנ־דרייאַיטש, פלעגט אַריינשרייבען — אַמאָל „די פייערונג אין דער שטאָדט סאַנקט פּעטערבורג פונ'ם וואָפּענשטילשטאַנד, וועלכען זיין לויטערקייט דער פירשט אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש פּראָזאָראָווסקי האָט געשלאָסען מיט דער טערקישער אימפּעריע"; אַמאָל אַ רפואה צו האַרץ־ברענונג מיט אַ באַמערקונג: „אָט די סגולה איז געגעבען געוואָרען צו דער גענעראַלשע פּראַסקאָוויאַ

פעאָדאָראָוונאַ סאַלטיקאָווא פונ׳ם פּראָטאָפּרעסוויטער *) פון דעם קלויסטער לעבענס־אָנפאַנגונגען פון דער דרייאיינינקייט, פעאָדאָר אַווקסענטיעוויטש״; אַמאָל אַזאַ מין פּאָליטישע נייס: „וועגען די טיגערן פראַנצויזען איז עפּעס שטיל געוואָרען״; — און טאַקע דערביי: „אין די מאָסקאָווסקיע וויעדאָמאָסטי איז אָנגעוויזען, אַז דער הער פּרעמיער־מאַיאָר מיכאַיל פּעטראָוויטש קאַליטשעוו איז געשטאָרבען. איז דאָס ניט פּעטער וואַסיליעוויטש קאַלי־טשעוו׳ס אַ זוהן?״ לאַווערעצקי האָט אויך געפונען עטליכע אַלטע לוחות און פּתרון חלומות־ביכלאַך און דאָס מיסטעריעזע ווערק פון הער אמבאַדיק; אַ סך ערינערונגען האָבען אין איהם ער־וועקט די לאַנג־פאַרגעסענע, נאָר באַקאַנטע: „סימוואָלען און עמבלעמען״. אינ׳ם טואַלעט־טישעל פון גלאַפירא פּעטראָוונא האָט לאַווערעצקי געפונען אַ קליין פּעקעלע, פאַרבונדען מיט אַ שוואַרץ בלענדעלע, פאַר׳חתמ׳עט מיט שוואַרצען טריף־וואַקס און פאַר־שטופּט ווייט אַרויף אין שיפלאַד. אין פּעקעלע זיינען געלעגען פּנים צו פּנים דאָס בילד פון זיין פאָטער אין דער יוגענד, געמאָלט אין וואַסער קאָלירען, מיט ווייכע לאָקען, צושאָטען איבער׳ן שטע־רען, מיט מאַטע אויגען און אַ האַלב־צועפענט מויל, — און כמעט אַן אָפּגעריבען בילד פון אַ בלאַסער פרוי אין אַ ווייס קלייד, מיט אַ ווייסער ראָזע אין האַנט, — פון זיין מוטער. זיך אליין פאָטאָ־גראַפירען האָט גלאַפירא פּעטראָוונא קיינמאָל ניט געלאָזט. „איך, פאָטערל, פעאָדאָר איוואַניטש, — פלעגט אַנטאָן זאָגען לאַווערעצקי׳ן, — כאָטש אין פּריצעשען הויף בין איך נאָך דעמאָלט ניט געווען, געדענק פונדעסטוועגען אייער זיידען, אַנדריי אַפאַנאַ־סיעוויטש, — ווי ידען: איך בין אַלט געווען דאָס אַכצעהנטע יאָהר ווען זיי זיינען געשטאָרבען. איינמאָל האָבען זיי מיך גע־פּאַקט אין סאָד, האָבען די קניע מיר אַזש אָנגעהויבען צו ציטערן; פונדעסטוועגען האָבען זיי גאָרניט געזאָגט, נאָר געפרעגט ווי אַזוי איך הייס, — און מיך אַריינגעשיקט אין זייערע פּאָ־קאָיעס נאָך אַ נאָז־טיכעלע. אַ פּריץ איז ער געווען, וואָס איז דאָ צו ריידען, — קיין עלטערם פון זיך האָט ער ניט געוואוסט. ווייל

*) אַ חויכער גייסטליכער אין דער פּראַוואָסלאַווער קירך.

ס׳איז געווען, לאָם איך אייך זאָגען, ביי אייער עלטער־זיידען אַזאַ חדושליכע שמירה; אַ מאָנאַך פון דעם בארג אַפאָן האָט זי איהם געגעבען. און געזאָגט האָט איהם אָט דער דאָזיגער מאָנאַך: דאָס, פּריץ, שענק איך דיר פאַר דיין גוטהערציגקייט; טראָג דאָס, — און האָב ניט מורא פאַר קיין געריכט. נו, פאָטערל, דעמאָלט, ווייסט מען דאָך ס׳אַרא צייטען ס׳זענען געווען: וואָס דער פּריץ האָט געוואָלט דאָס האָט ער געטאָן. אמאָל, אַז ס׳א־ז אפילו אַ פּריץ איינעפאַלען זיך שטעלען זיי אַנטקעגען, פלעגען זיי נאָר אַ קוק טאָן אויף אהים און אַ זאָג טאָן: דו קריכער! אָט דאָס איז טאַקע געווען זייער באַליעבט וואָרט. און געוואוינט האָט אייער עלטער זיידע, עליו השלום, אין אַ היל־צערנעם קליינעם הויף, אָבער ס׳אַרא גוטס ער האָט נאָך זיך גע־לאָזט, ווי פיעל זילבער און זאַכען פאַרשיעדענע — אַלע קעלערן אָנגעטאַסעוועט! אַ באַלעבאָס געווען. אָט דאָס פלעשעל טאַקע, וואָס ס׳איז אייך אַזוי געפעלען, איז אויך זייערס געווען: פון דעם פלעגען זיי טרינקען בראנפען. נאָר אייער זיידע, פעטער אנדרייאיטש, האָט זיך שוין אַוועקגעשטעלט אַ פּאַלאַץ אַ שטיי־נערנעם, אָבער קיין גוטס האָט ער ניט אָפּגעשפּאָרט; אַלעס איז ביי זיי אַוועק מיט דער פוטער אַראָפּ; און געלעבט האָבען זיי ערגער פונ׳ם פאָטער און קיין פארגעניגען זיך ניט אָנגעטאָן, — אָבער דאָס גאַנצע געלט פאַרטאַכלעוועט, קיין זאַך ניט געבליבען איהם צו דערמאָנען, קיין איין זילבערנע לעפעל אפילו ניט, — ס׳איז נאָך עפּעס אַ נס, וואָס גלאַפירא פּעטראָוונא האָט אַכטונג געגעבען.

— איז טאַקע אמת, — שלאָגט איהם לאָווערעצקי איבער: — אַז מען פלעגט איהר רופען אַלטער דראַנג?

— אָבער ווער האָט דאָס איהר אַזוי גערופען! — ענטפערט אַנטאָן מיט אומצופרידענהייט.

— און וואָס, פאָטערל, — האָט איינמאָל דער אַלטער באַ־שלאָסען צו פרעגען: — וואו וואוינט איצטער אונזער פּריצטעלע?

— איך האָב זיך גע׳גט מיט דער ווייב, — האָט לאָווערעצקי מיט אַן אָנשטרענגונג ארויסגעזאָגט: — איך בעט דיך, פרעג מעהר ניט אויף איהר.

— גוט, — האָט דער אַלטער טרויעריג געענטפערט.

אין א דריי וואָכען אַרום איז לאַווּרעצקי זיך דורכגעפאָהרען רייטענדיג אין דער שטאָדט א..., צו די קאַליטינס, און דאָרטען פארבראכט אַן אָווענט. לעמם איז ביי זיי געווען; ער איז זעהר געפעלען געוואָרען לאַווּרעצקי'ן. הגם ער האָט, א דאַנק זיין פאָטער, ניט געשפּיעלט אויף קיין אינסטרומענט, אָבער מוזיק, ריכטיגע, קלאַסישע מוזיק, האָט ער היים ליעב געהאַט. פאַנשין איז אין יענעם אָווענט ביי די קאַליטינס ניט געווען. דער גובערנאַטאָר האָט איהם ערגעץ געשיקט אויסערן שטאָדט. ליזא האָט געשפּיעלט אליין און זעהר דייטליך; לעמם איז לעבעדיגער געוואָרען, זיך צוהיצט, איינגעקאַטשעט א שטיקעל פּאַפּיער אין א רערעלע און דיריגירט. מאַריא דמיטריעווגא האָט פריהער געלאַכט אויף איהם קוקענדיג און דערנאָך איז זי אוועק שלאָפען; בעטכאָווען האָט, לויט איהרע ווערטער, צופיעל אויפגערעגט איהרע נערוועו. אַרום האַלבע נאכט האָט לאַווּרעצקי באַגלייט לעמם'ן אַהיים און איז ביי איהם אָפּגעזעסען ביז דריי אזייגער פאַרטאָג. לעמם האָט א סך גערעדט; זיין קרומע פּלייצע האָט זיך אויסגעגלייכט, די אויגען ברייט פאַנאַנדערגעעפענט און צוגלאַנצט; אפילו די האָר האָבען זיך אַביסעל אונטערגעהויבען אויפ'ן שטערן. שוין אַזוי לאַנג, אַז קיינער האָט אין איהם קיין אַנטייל ניט גענומען, אָבער לאַווּרעצקי, ווייזט אויס, האָט זיך מיט איהם פאַראינטערעסירט, זאָרגפעלטיג און אויפמערקזאַם איהם אויסגעפרעגט. דעם אַלטען האָט דאָס געריהרט; געענדיגט האָט ער דערמיט, וואָס ער האָט געצייגט דעם גאַסט זיין מוזיק, געשפּיעלט און אפילו אויסגעזונגען מיט א טויטליכען קול עטליכע אויסצוגען פון זיינע פאַרפאַסונגען, אגב א גאַנצע לעגענדע פון שיללער'ן, וואָס ער האָט איבערזעצט אין מוזיק: פרידאַלין. לאַווּרעצקי האָט איהם געלויבט, געבעטען דאָס נאכאַמאָל איבערשפּיעלען און, אוועקפאָהרענדיג, איהם איינגעלאַדען צו זיך צו גאַסט אויף עטליכע טעג. לעמם האָט איהם באַגלייט ביז דער גאַס, האָט באַלד איינגעשטמיט און קרעפטיג א דריק געטאָן זיין האַנט; נאָר בלייבענדיג אליין אויף דער פרישער, פייכטער לופט, בעת ס'האָט שוין אָנגעהויבען צו זשאַריען אויף טאָג, האָט ער זיך אומגעקוקט,

פארפליססטשעט מיט די אויגען, זיך איינגעהויקערט און, ווי א שולדיגער, זיך אוועקגעשלעפּט צו זיך אין צימער: „איך בין וואָהל ניכט קלוג" (איך בין ניט ביים זינען) האָט ער ארויסגע־שטאמעלט און זיך אוועקגעלעגט אויף זיין הארטער קורצער בע־טעל. ער האָט פּראָבירט זיך קראנק מאכען, ווען אין עטליכע טעג ארום איז לאָוורעצקי צו איהם פארפאָהרען אין א קארעטע, נאָר פעאָדאָר איוואניטש איז ארייין צו איהם אין צימער און איהם איבערגערעדט. שטארקער פון אלעם האָט אויף לעמם'ן געווירקט דער אומשטאנד, וואָס לאָוורעצקי האָט ספּעציעל צוליעב איהם געהייסען ברענגען א פּיאנאָ פון'ם שטאָדט. זיי זיינען ביידע אוועק צו די קאליטינס, פארבראכט דאָרטען דעם אָוונט, נאָר שוין ניט אזוי אנגענעהם, ווי דעם לעצטען מאָל. פּאנשין איז דאָרט געווען, א סך דערצעהלט וועגען זיין רייזע, זייער קונציג איבערגעקרימט און פאָרגעשטעלט די פּריצים, וואָס ער האָט גע־זעהן; לאָוורעצקי האָט געלאכט, נאָר לעמם איז פון זיין ווינקעל ניט ארויסגעגאנגען, געשוויגען און שטיל זיך איינגאנצען באוועגט, ווי א שפּין, געקוקט טרויעריג און טעמפּ, און איז ערשט לעבע־דיגער געוואָרען, ווען לאָוורעצקי האָט זיך אָנגעפאנגען צו געזע־גענען. אפילו זיצענדיג שוין אין קארעטע, האָט דער אלטער זיך נאָך אלץ געקארטשעט און עפּעס געוואָלט אלעם אויסמיידען; נאָר די שטיליע, ווארעמע לופט, דאָס גרינגע ווינטעלע, די גרינגע שאָטענס, דער גערוך פון גראָז און בערעזע־קנאָספּען, דער פריער־ליכער שיין פון דעם לבנה'לאָזען אויסגעשטערנטען הימעל, דאָס העפטיגע טופּען און כראָפּען פון די פערד, דער גאנצער כשוף פונ'ם וועג, פריהלינג און נאכט האָט אראָפּגענידערט אויף דער נשמה פונ'ם אָרעמען דייטש, און ער האָט אליין דער ערשטער אָנגעפאנגען ריידען צו לאָוורעצקי'ן.

22

גערעדט האָט ער וועגען מוזיק, וועגען ליזא'ן, נאָכדעם נאָכ־אמאָל וועגען מוזיק. בעת ער האָט גערעדט וועגען ליזא'ן האָט ער די ווערטער ארויסגעלאָזט עפּעס גלאסענער, פּאמעלאך. לאָוו־רעצקי האָט ארויפגעפיהרט דעם געשפּרעך וועגען זיינע ווערק און,

האלב אין שפאס, איהם פֿאַרנעלעגט אָנצושרייבען פאר איהם א ליברעטטאָ.

— הם, א ליברעטטאָ! — האָט לעמם געענטפערט: — ניין, דאָס איז ניט פאר מיר: איך באזיץ שוין ניט יענע לעבעדיגקייט, יענעם סאָרט שפּיעל פון דער איינבילדונג, וואָס איז נויטיג פאר דער אָפּערא; איך האָב שוין איצטער אָנגעוואוירען מיינע קרעפ־טען... נאָר ווען איך וואָלט קענען עפּעס טאָן, וואָלט איך זיך באַ־נוגענט מיט א ראָמאַנס; פארשטעהט זיך, איך וואָלט געוואָלט האָבען גוטע ווערטער...

ער איז אנטשוויגען געוואָרען, לאנג נעקוקט אומבאוועגליך, מיט די אויגען ארויף צום הימעל.

— למשל, — האָט ער ענדליך א זאָג געטאָן: — עטוואָס אויף דעם ארט: איהר שטערען, אָ, איהר ריינינקע שטערען?...

לאווריעצקי האָט זיך עטוואָס אויסגעדרעהט צו איהם מיט'ן פּנים און אָנגעפאנגען אויף איהם צו קוקען.

— איהר שטערען, ריינינקע שטערען, — האָט לעמם וויע־דערהאָלט. איהר קוקט אַלץ־איינס אויף צדיקים און רשעים... אָבער נאָר די רעכטפארטיגע, — אָדער עטוואָס אנדערעס פון אָט דעם מין... פארשטעהען אייך, ד. ה., ניין, — האָבען אייך ליעב. אַלענפאלס, איך בין ניט קיין פּאָעט, — ווי קום איך צו דעם! נאָר עטוואָס פון אָט דעם מין, עטוואָס ערהאבענעס.

לעמם האָט ארויפגערוקט דעם הוט אויפ'ן קאָרק; אין דער דינער פינסטערניש פון דער ליכטיגער נאַכט האָט זיין פּנים אויס־געזעהן בלאסער, יונגער.

— און איהר אויך, — האָט ער פאָרטגעזעצט און זיין קול איז וואָס ווייטער שטילער געוואָרען:

— איהר ווייסט, ווער עס האָט ליעב, ווער עס קען ליעב האָבען, דערפאר ווייל איהר זיינט ריינע, איהר נאָר אליין קענט טרייסטען... ניין, דאָס איז אַלץ ניט דאָס! איך בין ניט קיין פּאָעט, — האָט ער א זאָג געטאָן; נאָר עטוואָס אויף דעם ארט...

— עס טוט מיר לייד וואָס איך בין אויך ניט קיין פּאָעט, — האָט לאווריעצקי באמערקט.

— פוסטע פאנטאזיעס! — האָט לעמם געענטפערט און

זיך טיעפער אריינגערוקט אין ווינקעל פון דער קארעטע. ער האט צוגעמאכט די אויגען, ווי ער וואלט זיך קלייבען איינשלאפען.

עס זיינען אוועק עטליכע סעקונדען... לאווערעצקי האט זיך איינגעהערט... „שטערען, רייניקע שטערען, ליעבע", האט דער אלטער געמורמעלט.

„ליעבע", האט לאווערעצקי פאר זיך ווידערהאלט, זיך פאר־טראכט, און ס'איז איהם שווער געווארען אויף דער נשמה.

— א זעהר גוטע מוזיק האט איהר אנגעשריבען פאר דער פרידאלינא, קריסטאפאר פעדאריטש, — האט ער א זאג געטאן הויך: — און ווי דענקט איהר, אט דער פרידאלין, נאכדעם ווי דער גראף האט איהם געבראכט צו זיין פרוי, א יא ער איז גע־ווארען איהר געליעבטער, — הא?

— דאס דענקט איהר אזוי, — האט לעמם געענטפערט, ווייל, מסתמא, די ערפאהרונג...

— ער איז פלוצלונג אנטשוויגען געווארען און אין פאר־ווירונג זיך אפגעווענדט. לאווערעצקי האט זיך געצוואונגען צו לאכט, זיך אויך אפגעווענדעט און אנגעפאנגען צו קוקען אויפ'ן וועג.

די שטערען האבען שוין אנגעהויבען בלאסער צו ווערען און דער הימעל איז געווארען אלץ גרויער, בעת די קארעטע איז צו־געפאהרען צום גאניק פון שטיבעל אין וואסיליעווסקאיע. לאווע־רעצקי האט אריינגעפיהרט זיין גאסט אינ'ם צימער, וואס ער האט פאר איהם באשטימט, צוריקגעקומען אין קאבינעט און זיך אוועק־געזעצט נעבען פענסטער. אין סאד האט דער נאכטיגאל געזונ־גען זיין לעצט פארטאגעדיג ליעד. לאווערעצקי האט זיך דער־מאנט, אז אויך ביי די קאליטינס אין סאד האט געזונגען א נאכ־טיגאל; ער האט זיך אויך דערמאנט אן דער שטילער באוועגונג פון ליזא'ס אויגען, ווען, ביי די ערשטע קלאנגען זיינע, האבען זיך אלע געווענדעט צום טונקעלען פענסטער. ער האט זיך פאר־טראכט וועגען איהר הארץ און זיין הארץ איז אין איהם שטיל געווארען: „א ריינע מיידעל", — האט ער שטיל א זאג גע־טאן: — רייניקע שטערען", האט ער צוגעזעצט מיט א שמייכעל און רוהיג זיך געלעגט שלאפען.

לעמם אָבער איז נאָך לאַנג געזעסען אויף זיין בעטעל, מיט א נאַטען־העפטעל אויף זיינע קניע. עס האָט אויסגעזעהן, אז אן אומגעוועהנטליכע זיסע מעלאָדיע האָט זיך געקלויבען צו איהם צו־גאַסט: ער האָט שוין געברענט און געשטורמט, ער האָט שוין געפיהלט די מיעדקייט און זיסקייט פון איהר נאָהענטקייט... נאָר ער האָט זיך ניט דערוואַרט אויף איהר.

„ניט קיין פּאָעט און ניט קיין מוזיקער!" האָט ער ענדליך ארויסגעמורמעלט...

און דער מיעדער קאָפּ זיינער האָט זיך שווער אראָפּגעלאָזט אויף דער קישען.

23

דעם צווייטען אינדערפריה האָט דער באַלעבאָס און גאַסט געטרונקען טעה אין סאָד אונטער דעם אַלטען לינדען־בוים.

— מאַעסטרא! — האָט אַזוי זיך לאַווּרעצקי א זאָג גע־טאָן: — איהר וועט אין גיכען דאַרפען פאַרפאַסען א פייערליכע קאַנטאַטאַ.

— לכבוד וואָס פאַר אַן אנגעלעגענהייט?

— לכבוד דער חתונה פון פאַנשינען מיט ליזא'ן. האָט איהר באמערקט ווי ער האָט נעכטען זיך גע'שרכנ'ט צו איהר? ווייזט אויס, אז אַלעס איז שוין ביי זיי אויף א שטייגער.

— דאָס וועט ניט זיין! — האָט לעמם אויסגעשריען.

— פאַרוואָס?

— דערפאַר, וואָס דאָס איז אוממעגליך. און ווייעדער, — האָט ער צוגעלעגט עטוואָס שפּעטער: — אויף דער וועלט איז אַלעס מעגליך. ספּעציעל דאָ ביי אייך, אין רוסלאַנד.

— לאָמיר רוסלאַנד דערווייל אַוועקשטעלען אָן א זייט; נאָר וואָס פאַר א שלעכטעס געפינט איהר אין אָט דער חתונה?

— אַלעס איז שלעכט. ליזאַוועטאַ מיכאַילאָוונאַ איז אַן אָרענטליכע פריילין, אן ערנסטע, מיט ערהאָבענע געפיהלען, — און ער... ער איז א די־לע־טאַנט, און א סוף.

— זי האָט איהם אָבער ליעב?

לעמם האָט זיך אויפגעשטעלט פון׳ם בענקעל.

— ניין, זי האָט איהם ניט ליעב, דאָס הייסט, זי איז זעהר ריין און ווייסט אליין ניט, וואס עס באטייט: ליעב האָבען מאדאם פאָן קאליטין זאָגט איהר, אז ער איז א ווילער יונגער־מאן, און זי פאָלגט מאדאם פאָן קאליטין, דערפאר, וואָס זי איז נאָך גאָר א קינד, כאָטש זי איז שוין אלט נייגצעהן יאָהר: זאָגט די תפילות אין־דער־פריה און אין אָוועגט, — און דאָס איז זעהר לויבענסווערטה, נאָר זי האָט איהם ניט ליעב. זי קען ליעב האָבען נאָר דאָס שעהנע, און ער איז ניט שעהן, ד. ה. די נשמה זיינע איז ניט שעהן.

לעמם האָט געהאלטען אָט די גאנצע רעדע פליסיג און מיט היץ, ארומגעהענדיג מיט קליינינקע טריט הין און צוריק פאר דעם קליינעם טעה־טישעל און לויפענדיג מיט די אויגען איבער דער ערד.

— טייערסטער מאעסטרא! — האָט פּלוצלוסנג לאַווּרעצקי אויסגעשריען: — מיר דוכט, אז איהר זיינט אליין פארליעבט אין מיין קוזינע.

לעמם האָט זיך פּלוצלינג אבגעשטעלט.

— איך בעט אייך, — האָט ער אנגעפאנגען מיט ניט קיין פעסטער שטימע: — שפּאָסט ניט אזוי פון מיר. איך בין ניט משוגע; איך זעה שוין דעם פינסטערן קבר, ניט קיין ראָז־קאָליר־טע צוקונפט.

לאַווּרעצקי האָט רחמנות געקראגען אויפ׳ן אלטען; ער האָט ביי איהם געבעטען אום ענטשולדיגונג. לעמם האָט נאָך דער טעה איהם פארגעשפּיעלט זיין קאנטאטע, און ביים מיטאג־מאהלצייט, ארויסגערופען טאקע ווייעדער דורך לאַווּרעצקי׳ן, האָט ער נאָכאמאָל זיך צורעדט וועגען ליזא׳ן. לאַווּרעצקי, האָט איהם אויסגעהארכט אויפמערקזאם און נייגעריג.

— ווי דענקט איהר, קריסטאָפאר פעדאָריטש, — האָט ער ענדליך א זאג געטאָן: — ביי אונז איז דאָך איצט אלעס, דאכט זיך, אין ארדנונג, דער סאָד אין גאנצען צובליהט... אפשר וואָלט איך זי איינגעלאדען אהערצו אויף א טאג, צוזאמען מיט איהר מו־

טער און מיין אלטער מוהמע, — הא? איך וואלט דאס געווען אנגענעהם?

לעמם האָט איינגעבויגען דעם קאָפּ איבער'ן טעלער.

— לאדט איין, — האָט ער א זאג געטאָן קוים הערבאר.

— און פאנשינ'ען דארף מען נים?

— מען דארף נים, — האָט דער אלטער א זאג געטאָן מיט כמעט א קינדערשען שמייכעלע.

אין א פּאר טעג ארום איז פעדאָר איוואניטש אוועק אין שטאָדט צו די קאליטינס.

24.

ער האָט אלעמען געטראפען אין דער היים, נאָר ער האָט נים גלייך זיי ערקלערט זיין אבזיכט: ער האָט פריהער געוואלט מיט ליזא'ן אליין זיך דורכריידען. א צופאל האָט איהם ארויסגעהאָל־פען: מען האָט זיי ביידען אליין געלאזט אין גאסט־ציעמר. זיי האָבען זיך צורעדט; עס האָט זיך איהר שוין איינגעגעבען זיך צו־געוועהנען צו איהם, — און בכלל האָט זי קיינעם נים אויסגעמיידט. ער האָט איהר אויסגעהערט, געקוקט איהר אין פּנים און אין גע־דאנק גע'חזר'ט לעמם'ס ווערטער, און איינגעשטימט מיט איהם.

עס טרעפט אמאָל, אז צוויי באקאנטע, נאָר נים נאָהענטע צווישען זיך, מענשען זאלען זיך שנעל דערנעהענטערען אין א משך פון עטליכע סעקונדען, — און דער באוואוסטזיין פון אָט דער דער־נעהענטערונג דריקט זיך באלד אויס אין זייערע בליקען, אין זייערע פריינדליכע און שטילע שמייכלען, אפילו אין זייערע באוועגונגען גופא. אָט טאקע דאָס אָ האָט פּאסירט מיט לאווערצקי'ן און ליזא'ן. „אָט ס'ארא חברה־מאן", האָט זי א קלער געטאָן, צערטליך קוקענדיג אויף איהם; „ס'ארא מענש דו ביזט", — האָט ער אויך א טראכט געטאָן. און דערפאר איז ער נים קיין סך איבערראשט געווארען, ווען זי האָט איהם, אָהן דער מינדסטער צעגערונג, ער־קלערט, אז זי טראָגט זיך שוין לאנג אום מיט עפּעס א זאך, וואָס זי וויל איהם זאגען, נאָר זי האָט מורא איהם צובייזערן.

— האָט קיין מורא נים, רעדט, — האָט ער זאג געטאָן און זיך אוועקגעשטעלט נעגען איהר.

ליזא האָט א הויב געטאָן אויף איהם איהרע קלאָרע אויגען.

— איהר זייט אזא גוטער, — האָט זי אנגעפאנגען, און אין דער זעלביגער צייט אַ קלער געטאָן: „יאָ, ער איז טאַקע א גוטער...“ — ענטשולדיגט מיר, איך וואלט ניט געדארפט וואגען מיט אייך צו רעדען וועגען דעם... נאָר ווי האָט איהר געקענט... פארוואס זייט איהר זיך צוגאנגען מיט אייער פרוי?

לאַוורעצקי האָט א ציטער געטאָן, א קוק געטאָן אויף ליזא'ן און זיך נעבען איהר צוגעזעצט.

— קינד מיינס, — האָט ער א זאג געטאָן: ריהרט זיך ניט צו, איך בעט אייך, צו אט דער וואונד; אייערע הענט זיינען טאַקע צארט, אבער מיר וועט וועה טאָן.

— איך וויים, — האָט ליזא ווייטער גערעדט, ווי זי וואלט ניט דערהערט, וואס ער רעדט: זי איז געגען אייך שולדיג, איך וויל זי ניט פארענטפערען; נאָר ווי קען מען צושיידען דאס, וואס גאָט האָט פאראייניגט?

— אונזערע איבערצייגונגען מכח דער זאך זיינען צו פאר־שיעדען, ליזאוועטא מיכאילאָוונאַ, — האָט לאַוורעצקי א זאָג גע־טאָן גאַנץ שארף: — מיר וועלען זיך איינער דעם אנדערן ניט פאר־שטעהן.

ליזא איז בלאַס געוואָרען; איהר גאַנצער קערפּער האָט א ציטער געטאָן; נאָר זי איז ניט אנטשוויגען געוואָרען.

— איהר מוזט מוחל זיין, — האָט זי שטיל ארויסגעזאָגט: — אויב איהר ווילט מען זאָל אייך מוחל זיין.

— מוחל זיין! — האָט לאַוורעצקי אונטערגעכאפּט. — איהר וואָלט פריהער געדארפט זיך דערוויסען, פאר וועמען איהר בעט? מוחל זיין אָט דער פרוי, זי נאָכאמאָל אריינגעהמען צו זיך אין הויז, זי, אָט די פוסטע, הארצלאָזע בריאה! און ווער האָט אייך געזאָגט, אז זי וויל זיך צו מיר אומקעהרען? מיין גאָט, זי איז גאַנץ צופריעדען מיט איהר לאַגע... וואָס דארף מען דאָ א סך ריידען! איהר דארפט אפילו איהר נאָמען אויף אזיערע ליפּען ניט ארויפברענגען. איהר זיינט צו ריין, איהר זיינט אפילו ניט אימשטאַנד צו באגרייפען אזא בריאה.

— פארוואָס באַליידיגט איהר זי? — האָט מיט אָנשטרענ־

גונג ליזא א זאָג געטאָן. דער ציטער אויף איהרע הענט איז גע־וואָרען קענטליך. — איהר האָט זי אליין פארלאָזט, פעדאָר איוואַ־ניטש.

— נאָר איך זאָג דאָך אייך, — האָט לאווערעצקי געענטפערט און ניט ווילענדיג געוואָרען אומגעדולדיג: — איהר ווייסט ניט, וואָס זי איז פאר א באשעפעניש!

— פאר וואָס־זשע האָט איהר מיט איהר חתונה געהאט? — האָט ליזא ארויסגעמורמעלט און אראָפּגעלאָזט די אויגען.

לאווערעצקי האָט זיך שנעל א הויב געטאָן פון שטוהל.

— פאר וואָס איך האָב חתונה געהאט? איך בין דעמאָלט געווען יונג און אומערפארען; איך האָב זיך אָפּגענארט, איך בין באצויבערט געוואָרען פון דער שעהנער אויסערליכקייט. קיין פרויען האָב איך ניט געקענט, איך האָב גאָרניט געוואוסט. זאָל אייך גאָט העלפען א בעסערן שדוך! נאָר גלויבט, מען קען פאר קיין זאך ניט קאווירען.

— און איך קען אויך זיין אן אומגליקליכע, — האָט ליזא א זאָג געטאָן (איהר קול האָט זיך אנגעפאנגען איבערצורייסען): נאָר דעמאָלט וועט מען זיך מוזען אונטערוואַרפען; איך קען ניט ריידען, נאָר ווען מיר אונטערוואַרפען זיך ניט...

לאווערעצקי האָט צוזאמענגעדריקט די האנט און א קלאפּ גע־טאָן מיט'ן פוס.

— זייט אויף מיר ניט בייז, ענטשולדיגט מיר, — האָט ליזא איילענדיג געזאָגט.

אין דער סעקונדע איז אריינגעקומען מאריא דמיטריעווגא. ליזא איז אויפגעשטאנען און געוואָלט אוועקגעהן.

— וואַרט א רגע, — האָט לאווערעצקי אומערוואַרטעט זי א רוף געטאָן. — איך האָב עפּעס א גרויסע בקשה צו אייער מאמע און צו אייך: קומט צו מיר אויף חנוכת־הבית. איהר ווייסט, איך האָב זיך פארשאפט א פיאנאָ; לעמם איז ביי מיר איצטער צו־גאסט; דער בעז בליהט איצטער; איהר וועט כאַפּען אביסעל פרישע דאָרפישע לופט און איהר וועט קענען צוריקפאָהרען דעם זעלבינען טאָג, — זייגט איהר מרוצה?

ליזא האט א קוק געטאן אויף דער מוטער, און מאריא דמיט־ריעווונא האט אנגענומען א קרענקליכען אויסזעהען; נאר לאוורעצקי האט איהר אפילו דאס מויל ניט געלאזט עפענען און גלייך איהר א קוש געטאן איןביידע הענט. מאריא דמיטריעוונא איז שטענדיג עמפפינדליך צו צערטליכקייטען און האט גאר ניט ער־ווארט אזא ליעבליכקייט פון אט דעם „העלפאנט"; זי איז גע־ריהרט געווארען דערפון און האט באלד איינגעשטימט. בעת זי האט זיך פארקלעהרט, וואס פאר א טאג צו באשטימען, איז לאוורעצקי צוגעגאנגען צו ליזא'ן און, נאך אלץ אן אויפגערעגטער, בגנבה א מורמעל געטאן: „א דאנק, איהר זיינט א וואויל מיידעל; איך בין שולדיג . . ." און איהר בלאס געזיכט האט זיך פארדרויטעלט מיט א פרעהליכען און שעמעוודיגען שמייכעל; איהרע אויגען האבען אויך געשמייכעלט, — ביז דער רגע האט זי אלץ מורא געהאט, טאמער האט זי איהם באליידיגט.

— קען וולאדימיר ניקאלאיעוויטש מיט אונז פאהרען?

— זיכער, — האט לאוורעצקי געענטפערט: — נאר וואלט אונז ניט בעסער געווען צו זיין אין אונזער פאמיליען־קרייז?

— נאר, דאכט זיך . . . — האט מאריא דמיטריעוונא אנגע־פאנגען . . . — אלענפאלס, ווי איהר ווילט, — האט זי צוגעלעגט.

עס איז באשלאסען געווארען מיטצונעהמען לענאטשקא'ן און שוראטשקא'ן. מארפא טימאפעיעוונא האט זיך אפגעזאגט פון דער רייזע.

— מיר איז שווער, ליכט מיינס, — האט זי געזאגט: — צו ברעכען די אלטע ביינער; און נעכטיגען איז מסתמא ביי דיר ניטא וואו; און איך קען גאר ניט שלאפען אין קיין פרעמדער בעט. זאל אט די יונגוואַרג א שפרינג טאן.

נאך א מאל צו בלייבען מיט ליזא'ן אליין האט זיך שוין לאוו־רעצקי'ן מעהר ניט איינגעגעבען; נאר ער האט אויף איהר אזוי געקוקט, אז ס'איז איהר געווען אי גוט אי אביסעל א חרפה, אי זי האט איהר רחמנות געקראגען. געזעגענענדיג זיך מיט איהר, האט ער איהר קרעפטיג א דריק געטאן די האנט; זי האט זיך פאר־טראכט, בלייבענדיג אליין.

25.

ווען לאווריצקי איז געקומען אהיים, האָט איהם אויפ'ן שוועל פון גאסט־צימער באגעגענט א הויכער און א מאָגערער מאַן, אין אַן אָפּגעטראָגענעם בלויען פראַק, מיט א געקנייטשטען, נאָר לע־בעדיגען פּנים מיט צוקאַטשמעטע גרויע באַקענבאָרדען, א לאַנגען גלייכען נאָז און מיט קליינע גלאַנציגע אויגעלאַך. דאָס איז געווען מיכאַלעוויטש, זיין אַמאָליגער אוניווערזיטעט־חבר. לאווריצקי האָט איהם אָנפאַנגס ניט דערקענט, נאָר היים איהם ארומגעכאַפּט, ווי נאָר יענער האָט זיך אָנגערופען ביים נאָמען. פון מאָסקווא אָן האָבען זיי זיך ניט געזעהן. עס האָבען זיך א שאָט געטאָן אויסגע־שרייען, פראַגען; עס זיינען ארויס אויף גאָט'ס ליכטיגער וועלט שוין לאַנג פארגעסענע ערינערונגען. מיכאַלעוויטש האָט איילענדיג געריכערט א ליולקע נאָך א ליולקע, אלע מאָל א טרונק געטאָן א שלונג טעה, געמאַכט מיט די לאַנגע הענט און דערצעהלט לאווריצ־קי'ן וועגען זיינע אוואַנטיורעס; קיין פרעהליכעס איז אין זיי גאָר־ניט געווען, מיט ערפאָלג אין זיינע אונטערנעהמונגען האָט ער זיך ניט געקענט באריהמען, — דאָך האָט ער אָהן אן אויפהער געלאַכט מיט א הייזעריג־נערוועזען געלעכטער; מיט א חודש צוריק האָט ער געקראָגען א שטעלע אין א פּריוואַטען קאַנטאָר פון א רייכען אויפקויפער, א דריי הונדערט ווערסט פון דער שטאָדט א... און, ער האָט זיך דערוואוּסט, אז לאווריצקי איז צוריקגעקומען פון אויס־לאַנד, איז ער צו איהם אראָבגעפאַרען זיך צו זעהן מיט אַן אלטען פריינד. מיכאַלעוויטש האָט גערעדט אזוי האַסטיג, ווי אין דער יוגענד, געע'רעש'ט, געזאָטען, ווי פריהער. לאווריצקי האָט עפּעס יא אריינגעוואָרפען א וואָרט וועגען זיין לאַגע, נאָר מיכאַלעוויטש האָט איהם איבערגעשלאָגען און איילענדיג א מורמעל געטאָן: „געהערט, ברודערקע, געהערט, — ווער האָט זיך דארויף געקענט ריכטען?“ — און גלייך אריבערגעפיהרט דעם געשפרעך אויפ'ן פעלד פון אלגעמיינע חקירות.

— איך, ברודערקע, — האָט ער א זאָג געטאָן: — דאַרף מאָר־גען אוועקפאָרען; היינט וועלען מיר, דו וועסט מיר שוין מוזען ענטשולדיגען, זיך לעגען שפּעט שלאָפען. איך וויל אומבאדינגט

זיך דערוויסען, וואָס ביסטו, וואָסערע מיינונגען, איבערצייגונגען דו האָסט, וואָס איז פון דיר געוואָרען, וואָס האָט דיר דאָס לעבען אויסגעלערענט? (מיכאלעוויטש האָט זיך נאָך געהאַלטען ביי דער פראַזעאָלאָגיע פון די דרייסיגער יאָהרען). וואָס ס׳איז שייך צו מיר, האָב איך זיך אין פּיעלעס געענדערט, ברודער: די וועלען פון לעבען זיינען געפאַלען אויף מיין הארצען, — ווער האָט אָט דאָס געזאָגט? הגם אין דעם וויכטיגען, אין סאַמע עצם האָב איך זיך ניט געענדערט; איך גלויב ווי פריהער אין גוטעס, אין אמת; נאָר ניט נאָר איך גלויב — נאָר איך האָב טאַקע איצטער אמונה, אמונה. הער, דו ווייסט, איך שרייב דאָך אמאָל ליעדער; ס׳איז אין זיי ניטאָ קיין פּאָעזיע, עס איז אבער דאָ דער אמת. איך וועל דיר איבערלייענען מיין לעצטע זאַך: אין איהר האָב איך אויסגעדריקט מיינע הארציגסטע איבערצייגונגען. הער. — מיכאלעוויטש האָט אנגעפאַנגען צו לייענען זיין ליעד, זי איז געוועזען גאַנץ לאַנג און האָט זיך פאַרענדיגט מיט די פאָלגענדע פערזען:

מיין הארץ איז געפאַנגען פון נייע געפיהלען,
און איצטער איז צאַרט ווי א קינד מיין נשמה:
פאַרברענט האָב איך אַלעס, צו וואָס איך פלעג קניהען,
און נאָכדעם מיט בבוד פאַרנייגט זיך צום פייער.

בעת מיכאַלעוויטש האָט דורכגעלייענט די לעצטע צוויי פּערזען, האָט ער זיך שיער ניט צואווייגט; קליינע קאָנוואולסיעס — דער סמן פון שטאַרקען געפיהל — זיינען איהם דורכגעלאָפען איבער די ברייטע ליפּען, זיין ניט־שעהנער פּנים איז ליכטיגער געוואָרען. לאַווערעצקי האָט איהם אויסגעהערט, אויסגעהערט... דער גייסט פון ווידערשפּרוך האָט זיך אין איהם א ריהר געטאָן: איהם האָט אויפגערעגט די שטענדיג - גרייטע, שטענדיג - זידענדע התפעלות פונ׳ם מאסקוווער סטודענט. קיין פערטעל שעה איז ניט אוועק, און צווישען זיי האָט זיך צופלאַקערט א ויכוח, איינער פון יענע ענד־לאָזע ויכוחים, אויף וועלכע עס זיינען נאָר פעהיג די רוסען. נאָך יאָהרען און יאָהרען פון שיידונג, וועלכע זיי האָבען פאַרבראַכט אין צוויי פאַרשיעדענע וועלטען, ניט פאַרשטעהענדיג קלאָר ניט קיין

פרעמדע, נים אפילו די אייגענע געראנקען, האָבען זיי זיך אנגע־טשעפעט אָן ווערטער, זיך אבגעגענטפערט אפילו מיט די זעלביגע ווערטער און זיך אזוי געקריעגט, ווי עס וואלט דאָ געגאנגען אָן זייער ביידענס לעבען אדער טוידט: געשריען, געמאכט אזעלכע קולות, אז אלע אין הויז האָבען זיך איבערגעשראקען, און דער ארע־מער לעמם, וועלכער האָט זיך פארשפארט ביי זיך אין צימער זינט לאווורעצקי איז געקומען, האָט עפעס דערפיהלט א מין פארלעגענ־הייט און האָט אפילו אנגעפאנגען פאר עטוואס זיך צו שרעקען.

— וואס־זשע ביזטו איצטער? אָן ענטוישטער? — האָט מיכאלעוויטש געשריען איינס אזיינער ביי־נאכט.

— אָט אזוי זיינען דען די ענטוישטע? — האָט לאווורעצקי געענטפערט: יענע זיינען בלאס און קראנק, — ווילסטו, הויב איך דיך אויף מיט איין האנט?

נו, אויב נים קיין ענטוישטער ביזטו א סקעפטיק, דאס איז נאָך ערגער. נאָר וואס פאר א רעכט האָסטו צו זיין א סקעפטיק? ס'האָט דיר ניט געגליקט אין לעבען, לאמיר זאגען; דאס איז ניט דיין שולד: דו ביזט געבארען געווארען מיט א הייסער, ליעבענדער נשמה און מען האָט דיך איבערגעוואלד אבגעהאלטען פון פרויען: די ערשטע פרוי האָט דיך געמוזט אָבנארען.

— זי האָט דיך אויך אבגענארט, — האָט לאווורעצקי בייז באַ־מערקט.

— איך גיב דאס צו, איך גיב דאָס צו; איך בין דא געווען דאס געצייג פונ'ם מזל, — נאָר דאס איז דאָך א ליגען, — קיין מזל איז ניטא; אָן אלטע געוועהנהייט אומפינקטליך זיך אויסצודריי־קען. נאָר וואס־זשע באווייזט דאס?

— עס באווייזט דאָס, אז מען האָט מיך נאָך פון קינדהייט אויסגעלינקט.

— שטעלט מען זיך ווידער אריין אין גליעד! — דארויף ביזטו א מענש, ביזט דאך א מאַנספארשוין; קיין ענערגיע דארפ־כטו ניט לייהען! — נאָר, מילא, ווי ס'איז דארט ניט געווען, קען מען דען, איז דען דערלויבט — פון א פריוואטען פאקט, אזוי צו זאגען, אויפבויען אָן אלגעמיינעם געזעץ, אָן אומפארענדערליכען הענעל?

— וואס פאר א רעגעל? — האָט איהם לאוורעצקי איבערגע־שלאגען: — איך אנערקען ניט...

— ניין, דאס איז דאך דיין רעגעל, רעגעל, — שלאגט איהם מיכאלעוויטש איבער זיינע רייד.

— דו ביזט אן עגאָאיסט, אָט וואס! — האָט ער געדונערט אין א שטונדע ארום: דו האָסט פארלאנגט זעלבסט־צופריעדענ־הייט, דו האָסט פארלאנגט גליק און לעבען, האָסט געוואלט לעבען נאָר פאר זיך...

— וואָס איז זעלבסט־צופרידענהייט?

— און אלעס האָט דיך אָפגענארט; אלעס איז צוקראָכען געווארען אונטער דיינע פיס.

— וואָס איז זעלבסט־צופרידענהייט, פרעג איך דיך?

— און עס האָט טאקע געמוזט צוקראכען ווערען. דען דו האָסט געזוכט אן אינהאלט דארטען, וואו דו האָסט איהם ניט גע־קענט געפינען, דו האָסט געבויט דיין הויז אויף אומבאפעסטיגטען זאמד...

— רעד קלאָרער, אָהן משלים, ד ע ן איך פארשטעה דיך ניט.

— דען, גוט, לאך, — דען דו האָסט ניט קיין גלויבען, קיין הארציגע ווארימקייט; דער פארנונפט, אלץ נאָר דער איינציגער גראשענדיגער פארנונפט... דו ביזט, איינפאך, א נעבעכדיגער, אב־געשטאָנענער וואלטעריאנער — אָט ווער דו ביזט!

— ווער, איך א וואלטעריאנער?

— יאָ, פונקט אזעלכער, ווי דיין פאָטער און אליין באַ־מערקסטו דאס גאָר ניט.

— נאָך אָט דעם, — האָט לאוורעצקי אויסגעשריען: — האָב איך א רעכט צו זאָגען, אז דו ביזט א פאנאטיק.

— ליידער האָט מיכאלעוויטש געענטפערט מיט א געפאלען געמיט: איך האָב, צום אומגליק, זיך נאָך מיט גאָרניט דער־דיענט צו אזא הויכען טיטול...

— איך האָב איצטער שוין אויסגעפונען, ווי דיך צו רופען,

— האָט ווער זעלביגער מיכאלעוויטש געשריגען דריי אזייגער ביי

נאכט: — דו ביזסט ניט קיין סקעפּטיק. ניט קיין ענטוישטער, ניט קיין וואָלטעריאנער, דו ביזט א פּוסט־און־פּאַסניק, און א ביין־ווילינגער פּוסט-און־פּאַסניק, א פּוסט־און־פּאַסניק מיט באוואוסט־זיין, ניט קיין נאַאיווער פּוסט־און־פּאַסניק. די נאַאיווע פּוסט־און־פּאַסניקעס ליגען זיך אויפ'ן אויווען און טוען גאָר ניט, דערפאַר ווייל זיי קענען גאָרניט טאָן; זיי טראַכטען גאָרניט, נאָר דו ביזט א דענקענדער מענש — און ליגסט: דו וואָלסט געקענט עטוואָס טאָן — און טוסט גאָרניט; ליגסט מיט'ן זאַטען בויך ארויף און זאָגסט: אזוי דאַרף טאַקע זיין, מען דאַרף ליגען, דאַרפאַר ווייל אַלעס, וואָס מענשען זאָלען ניט טאָן, איז אַלעס הבל הבלים און אבסורדיטעט, וואָס פיהרט צו גאָרניט.

— פון וואַנען נעהמסטו אָבער, אז איך ליג? — האָט לאַור־רעצקי געהאַלטען אין איין פרעגען: — פאַרוואָס ביזטו מיך חושד אין אַזעלכע געדאַנקען?

— און א חוץ דעם זייט איהר אַלע, אייער גאַנצע חבריה, — האָט פאַרטגעזעצט דער אומרוהיגער מיכאַלעוויטש: אָנגעלייענטע פּוסט־און־פּאַסניקעס. איהר ווייסט אויף וואָס פאַר א פוס דער דייטש הינקט, איהר ווייסט וואָס ס'איז שלעכט ביי די ענגלענ־דער און ביי די פראַנצויזען — און דאָס נעבעכדיגע וויסען אייערס דיענט אייך אַלס שטיצע, באַרעכטיגט אייער אומפאַרשעהמטע פוילקייט, אייער העסליכע אומטעטיגקייט. אַן אַנדערער ווערט נאָך גדול'דיג ביי זיך דערמיט, וואָס ער, הייסט דאָס, איז א חכם איך — ליג, און יענע, די נאַראָנים, דרעהען זיך דעם קאָפּ. יאָ! — ביי אונז זיינען נאָך פאַראַן אַזעלכע העררען — איבריגענס, דאָס זאָג איך ניט אויף דיין חשבון, — וועלכע פאַרברייגגען זייער גאַנ־צען לעבען אין עפּעס א מין פאַרשטיינערונג פון בענקשאַפט, גע־וועהנען זיך צו איהר צו, זיצען אויף איהר, ווי... ווי א שוואָם אין סמעטענע, — האָט מיכאַלעוויטש אונטערגעכאַפּט און אַליין זיך צולאַכט פון זיין פאַרגלייך. אָ, אָט די פאַרשטיינערונג פון בענקשאַפט — דאָס איז דער אונטערגאַנג פון די רוסישע מענשען! א גאַנצען יובל קלייבט ער זיך צו אַרבייטען, אָט דער עקעלהאַפ־טיגער פּוסט־און־פּאַסניק...

— וואָס־זשע זידעלסטו זיך? — האָט שוין איצטער לאַור־

רעצקי זיך צוליארעמט — ארבייטען... טאָן... זאָג בעסער, וואָס צו טאָן, נאָר זידעל זיך ניט, פּאָלטאַווער דעמאסטהענעס!

— זעהסט, וואָס איהם האָט זיך פארוואָלט! דאָס, ברו־דערקע. וועל איך דיר ניט זאָגען; דאָס מוז יעדער אליין וויסען, — האָט דאמאסטהענעס מיט איראָניע געענטפערט. — א גוטס־באַזיצער, אַן אדעליגער — און ווייסט ניט, וואָס צו טאָן! אז קיין גלויבען איז ניטאָ, אַניט וואָלסטו געוואוסט; אז קיין גלויבען איז ניטאָ איז אויך ניטאָ קיין אנטפּלעקונג.

— לאָז־זשע כאָטש זיך אָפּרוהען, דו רוח; לאָז זיך ארומ־קוקען, — האָט לאַוורעצקי געבעטען.

— קיין מינוט רוה, קיין רגע! — האָט מיכאלעוויטש מיט א באַפעהלענדער באַוועגונג פון דער האַנט געענטפערט. — קיין איינ־ציגע רגע! — דער טויט ווארט ניט, און דאָס לעבען דארף ניט ווארטען.

— און ווען, און וואו איז די מענשען איינגעפאלען צו פוסט־און־פּאַסעווען? — האָט ער געשריען פיער א זייגער פארטאָג, נאָר שוין מיט א הייזעריגליכען קול: — ביי אונז! איצטער! אין רוסלאנד! ווען אויף יעדער איינציגער פערזאָן ליגט א חוב, א גרויסע פאראַנטוואָרטליכקייט פאר גאָט, פאר'ן פאָלק, פאר זיך אליין! מיר שלאָפען און די צייט געהט אוועק; מיר שלאָפען...

— ערלויב מיר דיר צו באַמערקען, — האָט לעוורעצקי א זאָג געטאָן: — אז מיר שלאָפען שוין איצטער גאָר ניט, גיכער לאָ־זען מיר גאָר אַנדערע ניט שלאָפען. מיר רייסען דעם האלז, ווי די האָנען. הער נאָר, דאָס קרעהען שוין די האָנען, דאכט זיך, צום דריטען מאָל.

אָט דער איינפאל האָט צולאכט און באַרוהיגט מיכאלעוויטשען. „נו, א גוטע נאַכט", האָט ער א זאָג געטאָן מיט א שמייכעל, און האָט אריינגעלעגט די ליולקע אין טאַבאַק־בייטעל. „א גוטע נאַכט", האָט לאַוורעצקי איבערגע'חזר'ט. נאָר די פריינד האָבען נאָך ארי־בער א שטונדע געשמועסט... אלענפאלס, זייערע קולות האָבען זיך מעהר ניט פארהעכערט און זייערע שמועסען זיינען געווען שטילע, טרויעריגע, גוטע שמועסען.

מיכאלעוויטש איז אויפ'ן צווייטען טאָג אָפּגעפאהרען, הגם לאַוו־

רעצקי האָט איהם שטאַרק אָפּגעהאַלטען. פּעדראָר איוואַניטש'ען האָט זיך ניט איינגעגעבען איהם צו איבערצייגען זיך אָפּשטעלען; נאָר אָנגערעדט האָט ער זיך מיט איהם זאַט. עס האָט זיך ארויסגע־צייגט, אַז מיכאַלעוויטש האָט ניט קיין גראָשען ביי דער נשמה. לאַווערעצקי האָט שוין דורך דער נאַכט מיט מיטלייד באַמערקט אויף איהם אַלע סמנים און געוועהנהייטען פון איינגעפונדעוועטער אָרעמקייט; די שטיוועל זיינען ביי איהם געווען צודרעהט, אונטען אויפ'ן פראַק האָט געפעהלט איין קנעפּעל, זיינע הענט האָבען פון קיין הענטשקעס ניט געוואוסט, פון די האָר האָט ארויסגעשטאַרצט פוך; בעת ער איז אָנגעקומען האָט ער אפילו ניט אַ קלער געטאָן צו בעטען וואַסער אויף ארומוואַשען און ביי דער וועטשערע האָט ער געגעסען ווי אַ האַי־פיש, מיט די הענט צוריסען דאָס פלייש און מיט אַ קנאַק געגריזעט די ביינער מיט זיינע שטאַרקע, שוואַרצע ציינער. עס האָט זיך אויך ארויסגעצייגט, אַז זיין שטעלע האָט איהם ניט גע־גליקט, אַז אַלע זיינע האָפנונגען האָט ער געלעגט אויף דעם אויפּ־קויפער, וועלכער האָט איהם גענומען נאָר צוליעב דעם, כדי ער זאָל האָבען ביי זיך אין קאַנטאָר אַ „געבילדעטען מענשען". נאָך דעם אַלעמען האָט אָבער מיכאַלעוויטש ניט פאַרלאָרען זיין מוט און געלעבט זיך ווי אַ ציניק, אַ אידעאַליסט, אַ פּאָעט, אויפריכטיג געווען באַזאָרגט און געקוועלט פון דעם גורל פון דער מענשהייט, פון דעם אייגענעם באַרוף, און זעהר ווייניג זיך געקימערט וועגען דעם, ווי אַזוי ניט אויסצוגעהן פון הונגער. מיכאַלעוויטש האָט קיינמאָל ניט חתונה געהאַט, נאָר פלעגט זיך פאַרליעבען אָהן אַ צאָהל און שרייבען ליעדער וועגען אַלע זיינע געליעבטע; באַ־זאָנדערס ליידענשאַפטליך האָט ער באַזונגען איין מיסטעריעזע, שוואַרצלאָקיגע „פּאַננאַ"... אמת, עס האָבען זיך ארומגעטראָגען קלאַנגען, אַז אָט די פּאַננאַ איז געווען אַן איינפאַכע אידישקע, גוט באַקאַנט צו אַ סך קאַוואַלעריע־אָפיצערען... נאָר, אַז מען טוט אַ קלער, — איז דאָס דען ניט אַלץ איינס?

מיט לעמם'ען האָט מיכאַלעוויטש זיך ניט באַפרייַנדעט. דעם דייטש האָבען אָנגעשראָקען זיינע פּיעל־רוישיגע רעדעס, זיינע זויערע מאַניערען, צו אַזעלכעס איז לעמם ניט געווען צוגעוועהנט... אַ שלים־מזל דערשמעקט פונדערווייטענס אַ צווייטען שלים־מזל,

נאָר אויף דער עלטער באַפריינדעט ער זיך מיט איהם זעלטען, — און דאָס איז גאָר קיין חדוש ניט: ער האָט זיך מיט איהם ניט מיט וואָס צו טיילען, — אפילו מיט די האָפנונגען.

פאר׳ן אָפּפאָהרען האָט מיכאַלעוויטש נאָך לאַנג געשמועסט מיט לאַווערעצקי׳ן, איהם פאָראויסגעזאָגט אונטערגאַנג, איהם געבעטען ערנסט זיך באַשעפטיגען מיט דער לאַגע פון זיינע פויערים, זיך געשטעלט אלס ביישפּיעל, זאָגענדיג, אז ער האָט זיך אָפּגערייניגט אינ׳ם שמעלץ־אויווען פון יסורים — און דאָ טאַקע זיך עטליכע מאָל אָנגערופען אַ גליקליכער מענש, זיך פארגלייכט צום פויגעל פון הימעל, צו דער ליליע פון טהאָל...

— צו דער שוואַרצער ליליע, אַלענפאלס, — האָט לאַווערעצקי באַמערקט.

— ע, ברודער, בלאָז ניט פון זיך, — האָט מיכאַלעוויטש גוטמוטיג געענטפערט: נאָר דאַנק בעסער גאָט, וואָס אין דיינע אָדערן פליסט אויך דאָס אָרענטליכע פּלעבעאישע בלוט. נאָר איך זעה, דו דאַרפסט איצטער האָבען עפּעס אַ ריין, ניט־ערדיש וועזען, וואָס זאָל דיך אַרויסשטויסען פון דיין אַפּאַטיע.

— אַ דאַנק, ברודער, — האָט לאַווערעצקי אַ זאָג געטאָן: גענוג פאר מיר אָט די ניט־ערדישע וועזענס.

— שווייג צ י נ י ק! *) — האָט מיכאַלעוויטש אויסגעשריהען.

— „ציניק", — פאררִיכט איהם לאַווערעצקי.

— דוקה צ י נ י ק, — חזר׳ט מיכאַלעוויטש איבער, ניט פארווירט.

אפילו זיצענדיג אין עקיפּאַזש, וואוהין מען האָט אַרויסגעטראָגען זיין פּלאַכען, געלען און מאָדנע גרינגען טשעמאָדאַן, האָט ער נאָך אַלץ גערעדט; איינגעוויקעלט אין עפּעס אַ מין שפּאַנישען מאַנטעל מיט אַ פארגעלטען קאָלנער און מיט לייבען־לאַפּעס אָנ־

---

*) מיכאַלעוויטש איז אַ אוקראַינער, און אין זיין אויסשפּרוך וויל טורגענעוו איבערגעבען זיין היימישען אַקצענט. די קלאַנגען „אי" רעדט ער ראויס האַרט ווי דער רוסישער קלאַנג ы דאָס וואָרט ציניק קלינגט ווי цыникъ. לאַווערעצקי פאררִיכט איהם די קלאַנגען.

איבערזעצער.

שטאַט קנאַפּ־לעכער, האָט ער נאָך אַלץ ענטוויקעלט זיינע אַנשווי־אונגען אויף דעם גורל פון רוסלאַנד און געפּיהרט אַזוי מיט דער טונ־קעלער האַנט איבער דער לופט ווי ער וואָלט צוזעהט די זאַמען פון דער צוקונפטיגער מזל-ברכה. ענדליך, האָבען זיך די פערד אַ ריהר געטאָן... „געדענק מיינע לעצטע דריי ווערטער", — האָט ער אַ געשריי געטאָן, זיך אַרויסרוקענדיג מיט'ן גאַנצען קערפּער פונ'ם עקיפּאַזש און באַלאַנסירענדיג: — „רעליגיע, פּראָגרעס, מענשליכ־קייט!... זיי געזונט!" זיין קאָפּ, מיט דער אָנגערוקטער היטעל ביז די אויגען, איז פאַרשוואונדען. לאַווערעצקי איז געבליבען אַליין אויפ'ן גאַניקעל — און אויפמערקזאַם זיך איינגעקוקט אין דער ווייט איבער'ן וועג, ביז דער עקיפּאַזש איז פאַרשוואונדען פונ'ם אויג. „ער איז דאָך טאַקע גערעכט", — האָט ער אַ קלער געטאָן אומקעהרענדיג זיך אין הויז: — „איך בין דאָך טאַקע אַ פּוסט־און־פּאַסניק". אַ סך פון מיכאַלעוויטש'עס ווערטער זיינען איהם אומ־ווידערשטענדליך אַריין אין דער נשמה, הגם ער האָט דיסקוטירט און ניט איינגעשטימט מיט איהם. איז אַ מענש גוט — קען איהם קיינער ניט ווידערשטעהן.

26.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, איז מאַריאַ דמיטריעוונאַ, לויט דעם פאַרשפּרעכען, אָנגעקומען מיט איהר גאַנער יונגוואַרג קיין וואַסיל־יעווסקאָיע. די מיידעלעך זיינען באַלד אַוועקגעלאָפען אין סאָד, און מאַריאַ דמיטריעוונאַ איז זיך מאַט דורכגעגאַנגען איבער די צימערען און מאַט אַלעם געלויבט. איהר באַזוך צו לאַווערעצקי'ן האָט זי גערעכענט פאַר אַ רמז אויף אַ טובה, כמעט פאַר אַ גוטען טאַט. זי האָט העפליך געשמייכעלט, ווען אַנטאָן און אַפּ־ראַקסעיאַ זיינען, לויט דעם אַלטען פּריצישען מנהג, צוגעגאַנגען צו איהר הענטעל, — און מיט אַן אַבגעשוואַכטען קול, אונטערן נאָז, געבעטען טעה. צום גרויסען פאַרדרוס פון אַנטאָנ'ען, וועלכער האָט אָנגעטאָן אויסגעשטריקטע ווייסע הענטשקעס, האָט די טעה סערווירט דער געקומענער פּריצ'טע ניט ער, נאָר לאַווערעצקי'ס נעדונגענער קאַמערדינער, וואָס האָט, לויט דעם אַלטענ'ס ווער־

טער, ניט פארשטאנען קיין סדר. דערפאר האָט אנטאָן ביים מיטאָג־מאָלצייט אָפּגענומען זיינס. מיט א פעסטען פוס־טריט האָט ער זיך אוועקגעשטעלט הינטער'ן שטוהל פון מאריא דמיט־ריעוונא — און שוין קיינעם ניט אָפּגעטראָטען זיין פּלאַץ. די זעהר זעלטענע ערשיינונג פון געסט אין וואסיעלעווסקאיע האָט אי באאומרוהיגט, אי דערפרעהט דעם אלטען: איהם איז געווען אנגענעהם צו זעהן, אז מיט זיין פריץ קענען זיך גוטע הערען. הגם, ניט ער אליין איז געווען אומרוהיג אין יענעם טאָג: לעמם איז אויך געווען אומרוהיג. ער האָט אָנגעטאָן א קורצינקען טאבאַק־קאָלירטען פראק מיט א פארשאַרפטען עק, ענג פארצויגען זיין האלדז־טיכעל און געהאלטען אין איין אויסהוסטען און אָפּ־ווענדען זיך מיט אן אנגענעהמען און ליעבליכען אויסזעהן. לאוו־רעצקי האָט מיט פארגעניגען באמערקט אז דאָס דערנעהענטערען זיך צווישען איהם און ליזא'ן ווערט פאָרגעזעצט: ווי נאָר זי איז אריינגעקומען האָט זי צו איהם גלייך אויסגעצויגען איהר האנט. נאָך דעם מיטאָג־מאָלצייט האָט לעמם ארויסגעשלעפּט פון דער הינטערשטער קעשענע פון פראק, וואוהין ער פלעגט אלע ווייל ארייגשטעקען די האנט, א קליין צונויפגעוויקעלט שטיקעל נאָטען פאפּיער און, פארדריקענדיג די ליפּען שוויינענד, האָט ער דאָס אנידערגעלעגט אויף דער פּיאנאָ. דאָס איז געווען א ראָמאנס, וואָס ער האָט פארפאסט דורך דער נאכט אויף אלט־מאָדישע דייטשע ווערטער, אין וועלכע עס איז דערמאָנט געווארען וועגען שטערען. ליזא האָט זיך גלייך אוועקגעזעצט נעבען דער פּיאנא און האָט פאנאנ־דערגעקליבען דעם ראָמאנס... אך! די מוזיק איז געווען צו פאר־פּלאָנטערט און ניט־אנגענעהם אנגעשטרענגט; מען האָט געזעהן, אז דער קאָמפּאָזיטאָר האָט זיך אָנגעטאָן א כח אויסצודריקען עט־וואָס לײדענשאפטליכעס, טיעפעס, נאָר ס'איז גאָר ניט ארויסגע־קומען: די אָנשטרענגונג איז פארבליבען מעהר ניט ווי אן אָנ־שטרענגונג. לאווּרעצקי און ליזא האָבען דאָסביידע דערפיהלט,— און לעמם האָט דאָס פארשטאַנען: ניט זאָגענדיג קיין וואָרט, האָט ער אריינגעלעגט זיין ראָמאנס צוריק צו זיך אין קעשענע און, אלס ענטפער צו ליזא'ס פאָרשלאַג דאָס איבערשפּיעלען נאָך אמאָל,

האָט ער א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ, באדייטענד א זאָג געטאָן: „איצטער — א סוף" — זיך איינגעהויקערט, איינגעצויגען און איז אָפּגעגאנגען.

געגען אָווענט איז די גאנצע חברה אוועק כאפּען פּיש. אין טייכעל הינטערן סאָד זיינען געווען א סך קורעסען און פּלאָטיצעס. מאריא דמיטריעווגאַ'ן האָט מען אוועקגעזעצט אויף א שטוהל נע־בען ברעג, אין שאָטען, מען האָט איהר אויסגעשפּרייט א טעפּיך אונטער די פּיס, געגעבען די בעסטע ווענטקעלע; אנטאָן אלס אלטער ערפאהרענער פּישער האָט פארגעלעגט זיינע דיענסטע. ער האָט פלייסיג ארויפגעזעצט די ווערעמלאך, צוגעקלאפּט זיי מיט דער האנט, אָנגעשפּיגען אויף זיי און אליין אפילו פּארוואָרפען די ווענטקע, גראציעז איינבויגענדיג זיך פאָראויס מיט'ן גאנצען קער־פּער. מאריא דמיטריעוונא האָט טאקע דעם זעלבען טאָג זיך אָפּ־גערופען וועגען איהם פאר פעדאָר איוואניטש'ן מיט דער פאָלגענ־דער פראזע אויף דער אינסטיטוט־פראנצויזישער שפּראך: "il n'y a plus maintenant de ces gens comme ca comme aturefois." לעמם מיט די צוויי מיידלעך זיינען אוועק וויטער, צו דער סאמע גרעבליע; לאווריעצקי האָט זיך אָפּגע־שטעלט נעבען ליזא'ן. די פּיש האָבען זיך אָהן אַן אויפהער איינ־געביסען, די נעכאפּטע קורעסלאך האָבען געהאלטען אין איין בליצען אָט מיט זייערע גאָלדענע, אָט מיט די זילבערנע זייטען; די פרעהליכע אויסגעשרייען פון די מיידעלאך האָבען ניט אויפ־געהערט; מאריא דמיטריעוונא אליין האָט צופּעסטעט א קוויטש געטאָן צוויי מאָל. זעלטענער ווי ביי אלע האָבען זיך די פּיש געכאפּט ביי לאווריעצקי'ן און ליזאן; וואהרשיינליך איז דאָס געקומען דערפון, וואָס זיי האָבען ווייניגער פון די אנדערע געשענקט אויפמערקזאמקייט אויף דעם ספּאָרט און האָבען גע־לאָזט די קאָרקעס פון זייערע ווענטקעס צושווימען צום סאמע ברעג. דער רויטליכער הויכער טשערעט האָט שטיל גערוישט ארום זיי, פאָראויס האָט שטיל געשיינט דאָס אומבאוועגליכע וואסער, און דער געשפּרעך איז ביי זיי אויך געווען א שטילער. ליזא איז געשטאנען אויף א קליינינקער קלאדקע; לאווריעצקי איז געזעסען אויף אַן איינגעבויגענעם שטאם פון א ראקיטען־

בוים ; ליזא האָט געטראָגען א ווייס קלייד, ארומגעכאַפּט ארום דער טאַליע מיט א ברייטער, אויך ווייסער לענטע ; דער שטרויע־נער הוט איז ביי איהר געהאַנגען אויף איין האַנט, — מיט דער צווייטער האָט זי מיט א געוויסער אָנשטרענגונג אונטערהאַלטען דאָס בויגיגע שטעקעל פון דער ווענטקע. לאַוורעצקי האָט געקוקט אויף איהר ריינעם, עטוואָס שטרענגען פּראָפיל, אויף די אריבער־געוואָרפענע הינטער די אויערן האָר, אויף די צארטע באַקען, וועל־כע האָבען זיך צופלאַמט ביי איהר ווי ביי א קינד, — און האָט געטראַכט : „אָ, ווי ליעב דו שטעהסט איבער מיין טייכעל!”
ליזא האָט זיך צו איהם ניט אויסגעקירעוועט, נאָר האָט געקוקט אויף דעם וואַסער — און דאַכט זיך געפינטעלט מיט די אויגען אָדער געשמייכעלט. דער שאָטען פון א נאָהענטער לינדען־בוים איז געפאַלען אויף זיי ביידען.
— ווייסט איהר, — האָט לאַוורעצקי אָנגעפאַנגען : — איך האָב א סך געקלערט וועגען מיין לעצטען געשפּרעך מיט אייך און בין געקומען צום באַשלוס, אז איהר זענט אויסערגעוועהנליך גוט.
— איך האָב אינגאַנצען ניט מיט דעם אבזיכט... — האָט ליזא זיך א נעהם געטאָן פאַרענטפערען — און זי האָט זיך פאַר־שעהמט.
— איהר זייט גוט, — האָט לאַוורעצקי איבערגע׳חזר׳ט. איך בין א גרויזאַמער מענש, נאָר איך פיהל, אז אלע דאַרפען אייך ליעב האָבען. אָט אפילו לעמם ; ער איז דאָך איינפאַך פאַרליעבט אין אייך.
די ברעמען ביי ליזא׳ן האָבען זיך — ניט פאַרוואָלקענט, נאָר א ציטער געטאָן ; דאָס האָט מיט איהר שטענדיג פּאַסירט ווען זי האָט געהערט עטוואָס אומאַנגענעהמעס.
— איך האָב אויף איהם זעהר רחמנות געהאַט, — האָט לאַוו־רעצקי אונטערגעכאַפּט : צוליעב דעם אומגעלונגענעם ראַמאַנס. זיין יונגע און ניט קענען — איז נאָך דערטרעגליך ; נאָר אלט ווע־רען און בלייבען אָהן כחות — דאָס איז שווער. און ס׳איז נאָך א וועהטאָג, וואָס דו פיהלסט ניט, אז די כחות געהען אוועק. דעם אלטען איז שווער איבערצוטראָגען אזעלכע קלעפּ!... היט זיך, א פישעלע בייסט זיך איין אויף אייער האַקען... מען זאָגט, — האָט

לאוורעצקי צוגעלעגט, שוויגענדיג אביסעל: — וולאדימיר ניקאַ־לאאיטש האָט אָנגעשריבען זעהר א ליעבען ראָמאַנס.

— יאָ, — האָט ליזא געענטפערט: — דאָס איז א קליינינ־קייט, נאָר ניט קיין שלעכטע.

— און ווי דענקט איהר, — האָט לאוורעצקי א פרעג געטאָן: עס איז אַ גוטער מוזיקער?

— מיר דוכט, ער האָט גוטע פעהיגקייטען צו מוזיק; נאָר ער האָט ביז איצטער זיך ניט באַשעפטיגט מיט איהר ווי עס באַ־דאַרף צו זיין.

— אזוי. און אַ מענש איז ער אַ גוטער?

ליזא האָט זיך צולאַכט און שנעל אַ קוק געטאָן אויף פעדאָר איוואַניטש'ען. — ס'אַרא מאָדנע פראגע! — האָט זי אויסגע־שריהען, ארויסגעכאַפּט די וועגטקע און זי ווייט פאַרוואָרפען אויף ס'ניי.

— וואָרום אַ מאָדנע? איך פרעג וועגען איהם ביי אייך, ווי אַ מענש, וואָס איז ניט לאַנג אהער אָנגעקומען, ווי אַ קרוב.

— ווי אַ קרוב?

— יאָ, איך קער אייך דאַכט זיך אָן אַ פעטער?

— וולאדימיר ניקאָלאאיטש האָט אַ גוט הארץ, — האָט ליזא אַ זאָג געטאָן: ער איז קלוג, Maman האָט איהם זעהר ליעב. — ער איז אַ גוטער מענש; פאַרוואָס זאָל איך איהם ניט ליעב האָבען?

— אַ! — האָט לאוורעצקי אַ זאָג געטאָן און שטיל געבליבען. אַ האַלב־טרויעריגער, אַ האַלב־שפּאָטישער אויסדרוק האָט דורכ־געבליצט אויף זיין פּנים. דער עקשנות'דיגער בליק זיינער האָט צוטומעלט ליזא'ן, נאָר זי האָט ווייטער געשמייכעלט.

— „נו, און לאָז זיי גאָט געבען גליק!" האָט ער ארויסגע־מורמעלט, ענדליך, ווי פאַר זיך, — און האָט אָפּגעווענדט דעם קאָפּ.

ליזא האָט זיך פארוויטעלט.

— איהר האָט אַ טעות, פעדאָר איוואַניטש, — האָט זי געזאָגט: — אומזיסט קלערט איהר... און אייך געפעלט דען ניט וולאדימיר ניקאָלאאיטש? — האָט זי פלוצלונג אַ פרעג געטאָן.

— ער געפעלט מיר ניט.

— פאַר וואָס ?

— מיר דוכט, אַז גראָד קיין הארץ האָט ער ניט.

דער שמייכעל איז פארשוואונדען פון ליזא'ס פּנים.

— איהר זייט געוועהנט שטרענג צו אורטיילען איבער מענשען, — האָט ליזא א זאָג געטאָן נאָך א לאַנגען שווייגען.

— איך טראַכט, אַז ניט. וואָס פאַר א רעכט, איך בעט אייך, האָב איך שטרענג צו משפּט'ן אַנדערע, בעת איך אליין נויטיג זיך אין נאכזיכטיגקייט ? אָדער איהר האָט אפשר פארגעסען, אַז נאָר א פוילער לאכט ניט פון מיר ?... נו, וואָס — האָט ער צוגעלעגט : — איהר האָט געהאלטען אייער צוזאָג ?

— וואָסער'ן ?

— האָט איהר מיך אין זינען געהאַט אין אייערע תּפילות און געבעטען פאַר מיר ?

— יאָ, איך האָב פאַר אייך געבעטען און בעט פאַר אייך יעדען טאָג. און איהר, איך בעט אייך, רעדט ניט גרינג דערפון.

לאַווורעצקי האָט אָנגעפאנגען פארזיכערען ליזא'ן, אַז דאָס איז איהם אפילו אין קאָפּ ניט אריינגעקומען, אַז ער רעספּעקטירט טיעף אַלע איבערצייגונגען ; נאָכדעם האָט ער זיך אריינגעלאָזט אין א שמועס וועגען רעליגיע, וועגען איהר באַדייטונג אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט, וועגען דער באַדייטונג פון קריס־טענטום...

— א קריסט דארף מען זיין, — האָט ליזא אָנגעפאנגען צו ריידען, ניט אָהן א געוויסער אנשטרענגונג : — ניט צוליעב דעם מען זאָל באגרייפען דאָס הימעלשע... צי... דאָס ערדישע, נאָר צוליעב דעם, וואָס יעדער מענש דארף שטארבען.

לאַווורעצקי האָט מיט א געצוואונגענער איבערראַשונג אויפגעהויבען די אויגען אויף ליזא'ן און באגעגענט איהר בליק.

— ס'אַרא וואָרט איהר האָט דאָס ארויסגערעדט ! — האָט ער א זאָג געטאָן.

— דאָס וואָרט איז ניט מיינס, — האָט זי געענטפערט.

— ניט אייערס... נאָר פארוואָס האָט איהר אָנגעפאנגען צוריידען וועגען טויט ?

— איך וויים ניט. איך טראכט וועגען איהם אָפט.

—אָפט ?

— יאָ.

— דאָס קען מען ניט זאָגען, ווען מען קוקט אויף אייך איצט: ביי אייך איז אזא פרעהליכער, ליכטיגער פנים, איהר שמייכעלט...

— יאָ, מיר איז איצטער זעהר פרעהלאך, — האָט ליזא נאאיוו געענטפערט.

לאווירעצקי'ן האָט זיך פארוואלט נעמען איהרעביידע הענט און זיי קרעפטיג צודריקען...

— ליזא, ליזא! — האָט מאריא דריטריעוונא א געשריי געטאָן: — קום אהער, זעהר נאָר, סארא קורעסעל איך האָב געכאפט.

— באלד maman, — האָט ליזא געענטפערט און איז אוועקגעגאנגען צו איהר, און לאווירעצקי איז געבליבען אויף זיין ראסיטען־בוים. „איך רעד מיט איהר אקוראט, ווי איך וואָלט ניט געוועזען קיין אָפגעלעבטער מענש”, האָט ער געטראכט. אוועקגעהענדיג, האָט ליזא אויפגעהאנגען איהר הוט אויף א צווייגעל; מיט א מאָדנעם, כמעט צארטען געפיהל האָט לאווירעצקי א קוק געטאָן אויף אָט דעם הוט, אויף איהרע לאנגע, עטוואס צוקנייטשטע לענטעס. ליזא האָט זיך שנעל צו איהם אומגעקערט און ווידער זיך געשטעלט אויף דער קלאדקע.

— פאר וואָס־זשע דאכט זיך אייך, אז וולאדימיר ניקאָלאַאיטש האָט ניט קיין הארץ ? — האָט זי א פרעג געטאָן אין עטליכע סעקונדען ארום.

— איך האָב אייך שוין געזאָגט, אז איך האָב געקענט א טעות האָבען; נאָר ווייטער, די צייט וועט אלעס דערווייזען.

ליזא האָט זיך פארטראכט. לאווירעצקי האָט אָנגעפאנגען צו ריידען וועגען זיין לעבען אין וואסיליעווסקאיע, וועגען מיכאילעוויטש'ען, וועגען אנטאָן'ען; ער האָט געפיהלט א באדערפניש צו ריידען מיט ליזא'ן, דערצעהלען איהר אלץ, וואָס ס'איז איהם ארויף אויף דער נשמה: זי האָט אזוי ליעבליך, אזוי אויפמערק־

זאָם איהם געהערט; איהרע זעלטענע באַמערקונגען און ענטפערס האָבען איהם געשיינט צו זיין אַזוי איינפאַך און קלוג. ער האָט דאָס איהר אַפילו געזאָגט.

— ווירקליך? האָט זי אַ זאָג געטאָן: און איך האָב אַלץ געטראַכט, אַז איך, ווי מיין דינסט נאַסטיאַ, האָב ניט קיין אַ י י ג ע נ ע ווערטער. זי האָט איינמאָל געזאָגט צו איהר חתן: דיר מוז מיט מיר זיין אומעטיג; מיר זאָגסטו אַלץ עטוואַס גוטס, און ביי מיר זיינען קיין אייגענע ווערטער ניטאָ.

„און אַ דאַנקען גאָט!" האָט לאַוורעצקי אַ טראַכט געטאָן.

27.

דערווייל איז אָנגעקומען דער אָוועגט, און מאַריאַ דמיט־ריעוונאַ האָט אויסגעדריקט איהר פאַרלאַנג זיך אומצוקעהרען אַ היים. די מיידעלאַך האָט מען מיט מאַטערניש קוים אָפּגעריסען פונ'ם טייכעל און אויסגעריכט אין וועג. לאַווערעצקי האָט ערקלערט, אַז ער וועט באַגלייטען די געסט ביז האַלבען וועג און האָט באַפעהלען זיך אָנזאָטלען אַ פערד. אריינזעצענדיג מאַריאַ דמיטריעוונאַ אין קאַרעטע, האָט ער זיך דערמאָנט אָן לעממ'ן; נאָר דעם אַלטען האָט מען אין ערגעץ ניט געקענט געפינען. ער איז באַלד פאַר־שוואונדען געוואָרען, ווי נאָר ס'האָט זיך געענדיגט דאָס פיש־כאַפּען. אַנטאָן האָט, מיט אַ מערקווירדיגער קראַפט, פאַר זיינע יאָהרען, פאַרהאַקט דאָס טירעל און שטרענג אַ געשריי געטאָן: ריהר זיך, קוטשער! די קאַרעטע האָט זיך אַ ריהר געטאָן. אויף די הינטערשטע פּלעצער זיינען געזעסען מאַריאַ דמיטריעוונאַ און ליזאַ; אויף די פעדערשטע — די מיידעלאַך און די דיענסט. דער אָוועגט איז געווען אַ וואַרעמער, אַ שטילער און די פענסטער אויףביידע זייטען פון דער קאַרעטע זיינען געווען אַראָפּגעלאָזט. לאַוור־רעצקי איז געפאָהרען טריט ביי טריט, נעבען דער קאַרעטע ביי דער זייט פון ליזאַ'ן, אַרויפלעגענדיג די האַנט אויפ'ן טירעל, — ער האָט אַרויפגעלעגט דאָס צוימעל אויפ'ן האַלדז פונ'ם גרינג לויפענדען פערד — און זעלטען זיך דורכגעוואָרפען מיט אַ צוויי־דריי ווערטער מיט דער יונגער מיידעל. דער בין השמשות איז

פארשוואונדען; עס איז אָנגעקומען די נאכט, נאָר די לופט איז נאָך געוואָרען אפילו ווארעמער; מאריא דמיטריעוונא איז גיך אנדרימעלט געווארען; די מיידעלאך און די דיענסט זיינען אויך איינגעשלאָפען. שנעל און גלייך איז די קארעטע געפאהרען; ליזא האָט זיך איינגעבויגען פאָראויס; די נאָר־וואָס אויפגע־העגדע לבנה האָט איהר געשיינט אין פנים, א נאכטיג שמעקענדיג ווינטעלע האָט איהר געאָטעמט אין די אויגען און באקען. עס איז איהר געווען גוט. איהר האנט האָט זיך אָנגעשפארט אויפ׳ן טירעל פון דער קארעטע זייט ביי זייט מיט לאווערעצקי׳ס האנט. איהם איז אויך געווען גוט: ער האָט זיך געטראָגען אין דער רוהיגער באנאכטיגער היץ, ניט אראָפּגענומען די אויגען פונ׳ם גוטען יונגען פנים, געהערט די יונגע, און אין דער שושקעריי, קלינגענדע שטי־מע, וואָס האָט גערעדט איינפאכע גוטע רייד; און ער האָט ניט באמערקט ווי ער איז אריבער־געפאהרען דעם האלב־וועג. ער האָט ניט געוואָלט אויפוועקען מאריא דמיטריעוונא׳ן, לייכט א דריק געטאָן ליזא׳ס האנט און געזאָגט: „מיר זיינען דאָך פריינד איצ־טער, ניט אמת?“ זי האָט א שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ, ער האָט אָפּגעשטעלט דעם פערד. די קארעטע האָט א פאָהר געטאָן ווייטער, שטיל וויעגענדיג זיך ארויף און אראָפּ; לאווערעצקי האָט זיך געלאָזט אהיים טריט־ביי־טריט. דער צויבער פון דער זומער־נאכט האָט איהם ארומגעכאפּט; אלץ ארום האָט זיך גערדאכט איז אזוי אומערווארטעט מאָדנע און אין דער זעלביגער צייט אזוי לאנג און אזוי זיס באקאנט; נאָהענט און ווייט — און ווייט האָט זיך געזעהן, כאָטש דאָס אויג האָט קיין סך ניט פארשטאנען דערפון, וואָס ס׳האָט געזעהן — האָט אלעס גערוהט; דאָס יונגע לעבען, וואָס צובליהט זיך, האָט זיך געלאָזט מערקען טאקע אין אָט דער רוהיגקייט. לאווערעצקי׳ס פערד איז קרעפטיג געגאנגען, פינקטליך וויגענדיג זיך רעכטס און לינקס; זיין גרויסער שוואר־צער שאָטען איז מיט איהם געגאנגען זייט־ביי־זייט. אינ׳ם קלאפּ פון זיינע קאָפּיטעס איז געווען עפּעס א סודות׳דיג־מונטערקייט, עפּעס א מין פרייד און זאָנדערבארקייט אין דעם דונערנדען גע־שריי פון די וואכטלען. די שטערען זיינען פארשוואונדען גע־וואָרען אין עפּעס א ליכטיגען רויך; א ניט־פולע לבנה האָט גע־

שיינט מיט עפּעס אַ האַרטען גלאַנץ; איהר ליכטיגקייט האָט זיך צונויפגעזאַמעלט, צוגאָסען אין אַ בלויען שטראָם איבער'ן הימעל און איז געפאַלען ווי אַ פלעק פון רויך־קאָלירט גאָלד אויף די דיניקע וואָלקענדאַך, וואָס זיינען פארביינגעגאנגען נאָהענט; די פרישקייט פון דער לופט האָט אַרויסגערופען אַ פייכטקייט אויף די אויגען, צערטליך אַרומגעכאַפּט אַלע גליעדער, זיך געגאָסען ווי אַ פרייער שטראָם אין דער ברוסט. לאָוורעצקי האָט זיך געקוויקט און זיך געפרעהט פון זיין פאַרגעניגען. „נו, מיר'ן נאָך אַ לעב טאָן. — האָט ער געטראַכט: — אונז האָט נאָך אינגאַנצען ניט איבער־געפרעסען...” ער האָט ניט דערעדט: ווער אָדער וואָס... נאָכדעם האָט ער אָנגעפאַנגען טראַכטען וועגען ליזא'ן, וועגען דעם, אַז ס'איז גאָר אַ ספק צי זי האָט פאַנשינען ליעב; אַז ווען ער זאָל זיך מיט איהר געווען באַגעגענען אונטער אַנדערע אומשטאַנ־דען,— ווייס גאָט, וואָס דערפון וואָלט געקענט געווען אַרויסקומען; אַז זי פאַרשטעהט לעמם'ען, כאָטש זי האָט ניט קיין „אייגענע” ווערטער. און דאָס איז אויך ניט אמת: זי האָט יאָ אייגענע ווערטער... „רעדט ניט דערפון אומבאַזאָנען” האָט זיך לאָווורעצ־קי'ן דערמאָנט. ער איז לאַנג געפאַהרען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ, נאָכדעם האָט ער זיך אויסגעגלייכט, פּאַמעלאַך אויסגע־רעדט:

פאַרברענט האָב איך אַלעס צו וואָס איך פלעג קניהען
און נאָכדעם מיט כבוד פאַרנייגט זיך צום פייער...

גאָר באַלד גאָבדעם האָט ער מיט'ן בייטשעל אַ קלאַפּ געטאָן דאָס פערד און גאַלאָפּירט שוין אַזוי ביז אַהיים.

אַראָפּקריכענדיג פון'ם פערד, האָט ער דאָס לעצטע מאָל זיך אַרומגעקוקט, מיט אַ געצוואונגענעם, דאַנקבאַרען שמייכעל. די נאַכט, די שטילע, צערטליכע נאַכט, איז געלעגען אויף די בערג־לאַך און טאָלען; פון דער ווייט, פון איהר שמעקעדיגער טיעפ־קייט, גאָט ווייסט פון וואַנען, — פון'ם הימעל, צי פון דער ערד, — האָט געצויגען אַ שטילע, ווייכע וואַרעמקייט. לאָוורעצקי האָט געשיקט אַ לעצטען גרוס ליזא'ן און איז אַרויפגעלאָפען אויפ'ן גאַ־ניקעל.

דער צווייטער טאָג איז אַריבער גאַנץ שלעפּערדיג. פון אין

דערפריה אָן איז געגאנגען א רעגען; לעמם האָט געקוקט קרום און אלץ שטארקער און שטארקער צונויפגעדריקט די ליפּען, אקו־ראַט ווי ער וואָלט זיך א נדר געטאָן זיי קיינמאָל ניט עפענען. ווען לאַווּרעצקי איז געגאנגען שלאָפען, האָט ער מיט זיך גענומען א פּאַק פראנצויזישע זשורנאלען, וואס זיינען שוין אריבער צוויי וואכען געלעגען ביי איהם אויפ׳ן טישעל ניט קיין צופּאקטע. גלייכ־גילטיג האָט ער זיך א נעם געטאָן רייסען די קאנווערטען און דורכ־לויפען די שפּאלטען פון די צייטונגען, אין וועלכע ס׳איז, אגב, קיין נייס ניט געווען. ער האָט זיי שוין געוואלט אוועקוואַרפען — נאָר איז פלוצלונג אויפגעשפּרונגען פונ׳ם בעטעל ווי אן אפּגעבריה־טער. אין א פעליעטאָן פון איין צייטונג, האָט דער שוין אונז באַוואוסטער מוסיע זשול מודיע געווען זיינע לעזער א „ביטערע נייס״: די שעהנינקע באצויבערענדע מאָסקווערין, — האָט ער גע־שריבען, — איינע פון די קעניגינען פון דער מאָדע, די ציערונג פון די פּאריזער סאלאָנען, מאדאם דע לאַווּרעטצקי, איז געשטאר־בען כמעט פלוצלונג, — און אָט די ידיעה, וואָס איז, צום באדויערן, צו ריכטיג, איז נאָר וואָס דערגאנגען צו איהם, צו הער זשול׳ען. ער איז געווען, — אזוי האָט ער פארגעזעצט, — קען מען זאָ־גען, א פריינד פון דער פארשטאָרבענער...

לאַווּרעצקי, האָט זיך אָנגעטאָן, ארויסגעגאנגען אין סאָד און ביז אינדערפריה איז ער אומגעגאנגען הין־און־צוריק איבער איי־נער און דער זעלביגער אלעע.

.28

אויפ׳ן צווייטען אינדערפריה, ביי דער טעה, האָט לעמם גע־בעטען לאַווּרעצקי׳ן, ער זאָל איהם געבען פערד, כדי ער זאָל זיך אומקעהרען אין שטאָדט. „שוין צייט מיר, זיך א נעם טאָן צו דער ארבייט, דאָס הייסט צו די לעקציעס, — האָט דער אלטער באַ־מערקט: איך פּטר דאָ נאָר אומזיסט די צייט.״ לאַווּרעצקי האָט איהם ניט גלייך געענטפערט: ער איז עפּעס געווען צושטרויט. „גוט, — האָט ער ענדליך א זאָג געטאָן: — איך וועל מיט אייך אליין פאָהרען״. — אָהן דער הילף פון א דינער, האָט לעמם,

קרעכצענדיג און כעס'ענדיג זיך, צונויפגעפאקט זיין קליינעם טשעמאדאן, ארויסגעריסען און פארברענט עטליכע בלעטלאך נאָטען־פאפיער. מען האָט צוגעפיהרט די פערד. ארויסגעהענדיג פונ'ם קאַבינעט, האָט לאוורעצקי אריינגעלעגט אין קעשעני דעם נעכטיגען נומער פון דער צייטונג. די גאנצע צייט פונ'ם וועג, האָבען זיי, אי לאוורעצקי, אי לעמם, ווינציג גערעדט איינער מיט'ן צווייטען: יעדער פון זיי איז געווען פארנומען מיט די אייגענע געדאנקען, און יעדער איז געווען צופריעדען, וואס דער צווייטער באאומרוהיגט איהם ניט. און צושיידט האָבען זיי זיך אויך גאנץ טרוקען, וואס עס טרעפט, אגב, זעהר אפט צווישען פריינד אין רוסלאנד. לאוורעצקי האָט צוגעפיהרט דעם אלטען צו זיין שטיבעל: יענער איז ארויסגעקראכען, ארויסבאקומען זיין טשעמאָדאן און, ניט געבענדיג זיין פריינד די האנט (ער האָט געהאלטען דעם טשעמאדאן מיט ביידע הענט נעגענאיבער דער ברוסט), ניט קוקענדיג אפילו אויף איהם, האָט ער איהם א זאָג געטאָן אויף רוסיש: זייט געזונט! — זייט געזונט, האָט לאוורעצקי נאָכגעזאָגט און געהייסען דעם קוטשער פאָהרען צו זיך אויף דער קווארטיר. ער פלעגט אפדינגען, גלאט פאר א צובאל, א קווארטיר אין דער שטאָדט א... לאוורעצקי האָט אנגעשריבען עטליכע בריעף, אויף־גיך אפגעגעסען מיטאג און איז אוועק צו די קאליטינס. ער האָט ביי זיי אין גאסט־צימער געטראפען נאָר פאנשינען, וועלכער האָט איהם ערקלערט, אז מאריא דמיטריעוונא וועט באלד ארויסקומען, און איז גלייך מיט דער הארציגסטער ליעבליכקייט אריין מיט איהם אין א געשפרעך. ביז יענעם טאָג פלעגט פאנשין זיך ווענדען צו לאוורעצקי'ן — מען קען ניט זאגען מיט גאוה, נאָר עפעס נאָכזיכטיג; נאָר ליזא, דערצעהלענדיג פאנשינען וועגען איהר נעכטיגע רייזע, האָט זיך אפגערופען וועגען לאוורעצקי'ן, ווי וועגען א פראכטפולען און קלוגען מענשען; דאָס איז געווען גענוג: מען האָט געדארפט באזיעגען אָט דעם „פראכטפולען" מענשען. פאנשין האָט אָנגעפאנגען פון קאָמפלימענטען צו לאוורעצקי'ן, פון דער באשרייבונג פון דעם עקסטאז, מיט וועלכען, לויט זיינע ווערטער, מאריא דמיטריעוונא'ס גאנצע פאמיליע רופט זיך אפ וועגען וואסיליעווסקאיע, און נאָכדעם, לויט זיין שטייגער,

קונציג אריבערכאפענדיג זיך צו זיך אליין, האָט ער אָנגעפאנגען רעדען וועגען זיין באשעפטיגונג, וועגען זיינע אנזיכטען אויפ'ן לעבען, אויף דער וועלט און אויף דעם אמט; געזאָגט א פּאָר ווער־טער וועגען דער צוקונפט פון רוסלאנד, וועגען דעם ווי מען דארף די גובערנאטאָרען האלטען אין די הענט; דאָ טאקע האָט ער פרעהלאך א שפּאס געטאָן וועגען זיך אליין און צוגעלעגט, אז איהם האָט מען צווישען אנדערעס אין פּעטערבורג פּארטרויט ‘‘de populariser l’idee du cadastre’’ געזעגט האָט ער גאנץ לאנג, לעזענדיג מיט אומפּארזיכטיגער דרייסטקייט אלע שווערינגקייטען און, ווי א קונצען־מאכער מיט פּילקעס, האָט ער געשפּיעלט מיט די וויכטיגסטע אדמיניסטראטיווע און פּאָליטישע פּראגען. די אויסדרוקען: „אָט וואס איך וואלט געטאָן, ווען איך זאל זיין די רעגירונג״; „איהר, אלס קלוגער מענש, וועט באלד מיט מיר איינשטימען״ — זיינען ניט אראפּ פון זיין צונג. לאוור־רעצקי האָט קאלט געהאָרכט דאָס פּוסטע ריידען פון פּאנשינען: איהם איז ניט געפעלען געוואָרען אָט דער שעהנער, קלוגער, רוהיג־עלעגאנטער יונגער מאן, מיט זיין ליכטיגען שמייכעל, עדעלער שטימע און זוכענדע אויגען. פּאנשין האָט שנעל געטראָפען, מיט זיין פלינקען באגרייפען פון יענעם'ס געפיהלען, וואס איז איהם געווען אזוי אייגענטימליך, אז ער פּארשאפּט ניט קיין ספּעציעלען פּארגעניגען זיין קאָמפּאניאָן, און דורך א גוטען תרוץ איז ער פּארשוואונדען, באשטימט פאר זיך, אז לאוורעצקי, קען זיין, איז טאקע א פּראכטפולער מענש, נאָר ניט קיין סימפּאטישער ‘‘Aigri’’ און, ‘‘en somme’’, עטוואס א מאָדנער. מאריא דמיטריעוונא האָט זיך באוויזען אין דער באגלייטונג פון געדעאָ־נאָווסקי'ן; נאָכדעם איז געקומען מארפא טימאָפעיעוונא מיט לי־זא'ן; נאָך זיי זיינען אָנגעקומען די איבריגע היימישע מענשען; דערנאָך איז אויך צוגעפאָהרען א מוזיק קונסטליעבהאָבערין, בע־לעניצינא, א קליינינקע מאָגערע דאמע, מיט כמעט א קינדערשען, מיעדען און שעהנעם פּנים'על, אין א רווישענד שווארץ קלייד, מיט א פּיעל־קאָליערטען פּאָכער און גילדענע בראסלעטען; עס איז אויך צוגעפאָהרען איהר מאן, א רויט־באַקיגער אנגעבלאָזע־נער מענש, מיט גרויסע פיס און הענט, מיט ווייסע וויעס און א

אומבאוועגליכען שמייכעל אויף די גראָבע ליפּען; צו־גאַסט פלעגט זיין ווייב מיט איהם קיינמאָל ניט רעדען, נאר אין דער היים, אין מינוטען פון צערטליכקייט פלעגט זי איהם רופען איהר חזיר׳ל. פאנשין איז צוריקגעקומען. ס׳איז געווארען זעהר רעש׳יג אין די צימערן. ער וואלט פיליכט באלד געווען אוועקגעגאנגען, ווען ניט ליזא. ער האָט געוואָלט מיט איהר אויסריידען א פאר ווער־טער פריוואט, נאר א לאנגע צייט האָט ער ניט געקאָנט אויפ־כאפּען קיין גינסטיגען מאָמענט און האָט זיך באנוגענט דערמיט, וואס ער האָט אין געהיימער פרייד איהר נאָכגעפאלגט מיט׳ן בליק; קיינמאָל נאָך האָט איהם איהר פּנים ניט געשיינט צו זיין ערהאָ־בענער און ליעבליכער. זי האָט זעהר פיעל געוואונען אין דער נאָהענטקייט פון בעלעניצינא׳ן. יענע האָט זיך אומאויפהערליך באַ־וועגט אויפ׳ן שטול, געמאכט מיט איהרע שמאָלע אקסעלאך, גע־לאכט מיט א צופּעסטעטען געלעכטער און אָט פארפלישטשעט מיט די אויגען, אָט ברייט זיי פאנאנדערגעעפענט. ליזא איז געזעסען רוהיג, געקוקט גלייך און גאָר ניט געלאכט. די הויז־ווירטין האָט זיך געזעצט שפּיעלען אין קאָרטען מיט מארפא טימאפעיעוונא׳ן, בעלעניצינא׳ן און גערעאנאָווסקי׳ן, וועלכער האָט געשפּיעלט זעהר פּאמעלאך, אלע מאָל א טעות געהאט, געפּינטעלט מיט די אויגען און געווישט דעם פּנים מיט א טיכעלע. פּאנשין האָט אָנגענומען א מעלאנכאָלישען אויסזעהן, אויסגעדריקט זיך קורץ, פיעלבאדיי־טענד און טרויעריג, — אקוראט ווי א ניט אנטפלעקטער קינסט־לער, — נאָר ניט קוקענדיג אויף אלע בקשות פון מאדאם בעלעני־צינא, וועלכע פלעגט מיט איהם זעהר פלירטירען, האָט ער ניט איינגעשטימט איבערזינגען זיין ראָמאנס: לאַווּרעצקי האָט איהם געבראכט אין א פארלעגענהייט. פעדאָר איוואניטש האָט אויך גערעדט ווינציג; דער מאָדנער אויסדרוק פון זיין פּנים האָט אי־בערראשט ליזא׳ן, ווי נאר ער איז אריין אין צימער: זי האָט גלייך דערפיהלט, אז ער וויל איהר עטוואס מודיע זיין, נאָר זי אליין ניט וויסענדיג פאר וואָס, האָט מורא געהאט איהם פאנאנ־דערפרעגען. ענדליך איז זי אריין אין זאל אָנגיסען טעה, און ניט ווילענדיג א דרעה געטאָן דעם קאָפּ אין זיין זייט. ער איז גלייך אוועק נאָך איהר.

— וואס איז מיט אייך? — האָט זי א פרעג געטאָן און אוועקגעשטעלט דעם טשייניק אויפ'ן סאמאָוואר.

— איהר האָט דען עטוואס באמערקט? — האָט ער א זאג געטאָן.

— איהר זענט היינט עפּעס אַנדערש ווי תמיד.

לאַווערעצקי האָט זיך איינגעבויגען איבער'ן טיש.

— איך האָב געוואלט, — האָט ער אָנגעפאנגען: אייך איבערגעבען עפּעס א ידיעה, נאָר איצטער איז אוממעגליך. — און ווייטער, לייענט איבער, וואס ס'איז אָנגעמערקט מיט'ן בלייפעדער אין אָט דעם פעליעטאָן, — האָט ער צוגעלעגט און איהר געגעבען דאָס העפט פונ'ם זשורנאל, וואס ער האָט מיט זיך מיטגענומען. — איך בעט אייך דאָס האלטען בסוד; איך וועל אריינקומען מארגען אינדערפריה.

ליזא איז איבערראַשט געווארען... פּאנשין האָט זיך באוויזען אויף דער שוועל פון טיר: זי האָט אריינגעלעגט דעם זשורנאל צו זיך אין קעשעני.

— האָט איהר געלייענט אבערמאנס ווערק, ליזאוועטא מיכאילאָוונא? — האָט פּאנשין איהר געפרעגט פארטראַכט.

ליזא האָט איהם ווי ס'איז אפּגעענטפערט און איז אוועק פונ'ם זאל אויבען. לאַווערעצקי איז צוריק אריין אין גאסט־צימער און איז צוגעקומען צום שפּיעל־טיש. מארפא טימאָפעיעוונא מיט צולאזטע בלענדעלאך פון איהר טשיפּיק און פאררויטעלט, האָט אָנגעפאנגען זיך באקלאָגען אויף איהר פּארטנער, געדעאָנאָווסקי'ן, וואָס האָט, לויט איהרע ווערטער, ניט געקענט א טראָט טאָן.

— ווייזט אויס, אז אין קאָרטען שפּיעלען, — האָט זי געזאָגט: איז עפּעס ניט ווי אויסטראַכטען א ליגען.

יענער האָט געהאלטען אין איין פינטלען מיט די אויגען און זיך ארומווישען; ליזא איז אריינגעקומען אין גאסט־צימער און זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקעל; לאַווערעצקי האָט אויף איהר א קוק געטאָן, זי האָט אויף איהם א קוק געטאָן — און ביידע האָבען דערפיהלט כמעט א וועהטאָג. אויף איהר פּנים האָט ער איבערגעלייענט פארווירונג און עפּעס א געהיימען פאָרוואורף. זיך דורכריידען מיט איהר, ווי ס'האָט זיך איהם ניט געוואלט, האָט ער

דאָך ניט געקענט; בלייבען אין איין צימער מיט איהר, א גאַסט צווישען די אַנדערע געסט, — איז געווען שווער: ער האָט באַ־שלאָסען אוועקצוגעהן. געזעגענענדיג זיך מיט איהר, האָט זיך איהם איינגעגעבען איבער'חזר'ן, אז ער וועט מאָרגען קומען, און האָט צוגעלעגט, אז ער האָפט אויף איהר פריינדשאַפט.

— קומט, — האָט זי געענטפערט מיט דערזעלביגער פאַרווי־רונג אויף'ן פנים.

פאַנשין איז גאַר לעבעדיג געוואָרען נאָך לאַווּרעצקי'ס אוועק־געהן; ער האָט אָנגעפאַנגען צו געבען עצות געדעאָנאָווסקי'ן, שפּאַסיג פלירטירט מיט דער מאַדאַם בעלעניצינא און, לסוף, אויס־געזונגען זיין ראָמאַנס. נאָר מיט ליזא'ן האָט ער גערעדט און גע־קוקט אויף איהר ווי פריהער: באַדייטענד און עטוואָס טרויעריג.

און לאַווּרעצקי איז ווידער ניט געשלאָפען די גאַנצע נאַכט. עס איז איהם ניט געווען טרויעריג, ער איז ניט געווען אויפגע־ריהרט, ער איז אינגאַנצען אַנטשוויגען געוואָרען; ער האָט ניט געקענט שלאָפען. ער האָט זיך אפילו ניט דערמאָנט די פאַר־גאַנגענע צייט; ער האָט פּשוט אַריינגעקוקט אין זיין לעבען: זיין האַרץ האָט געקלאַפּט שווער און רעגעלמעסיג, די שעה'ן זיינען געפלויגען, ער האָט אפילו ניט געטראַכט וועגען שלאָף. צייטענ־וויז נאָר איז ביי איהם אַרויפגעשוואומען א געדאַנק: „דאָס איז דאָך ניט אמת, דאס איז הבל הבלים" — און ער פלעגט זיך אָפּ־שטעלען, אַראָפּלאָזען דעם קאָפּ און אויף ס'ניי זיך גענומען אַריינצו־קוקען אין זיין לעבען.

.29

מאַריא דמיטריעוונא האָט ניט זעהר ליעבליך אויפגענומען לאַווּרעצקי'ן, בעת ער איז צו איהר געקומען אויפ'ן צווייטען טאָג. „ווי ער האָט עס אָנגעפאַנגען צם קריכען", האָט זי געטראַכט. ער אליין פאַר זיך איז איהר ניט שטאַרק געפעלען געוואָרען און דער־צו האָט נאָך פאַנשין, אונטער וועמעס ווירקונג זי איז געווען, זעהר כיטרע און אומפאַרזיכטיג איהם א לויב געטאָן נעכטען אין אווענד. אזוי ווי זי האָט איהם ניט געהאַלטען פאַר קיין גאַסט און האָט ניט געפונען פאַר נויטיג צו אונטערהאַלטען א קרוב, כמעט א היי־

מישען מענשען, איז אפילו קיין האלבע שטונדע ניט אוועק, און ער האָט שוין שפּאַצירט מיט ליזא׳ן אין סאָד איבער אן אלעע. לענאטשקע און שוראטשקא זיינען אומגעלאפען עטליכע טריט פון זיי איבער דער בלומען־בייט.

ליזא איז געווען רוהיג ווי געוועהנליך, נאר אויסערגעוועהנליך בלאַס. זי האָט ארויסגענומען פון קעשעני א קליין־צונויפגעלעגט בלעטעל פונ׳ם זשורנאל און דאָס איבערגעגעבען לאווּרעצקי׳ן.

— דאס איז שרעקליך, — האָט זי א זאג געטאָן.

לאווּרעצקי האָט גארניט געענטפערט.

— נאר, עס קען זיין, אז דאָס איז נאָך ניט אמת, — האָט ליזא צוגעלעגט.

— אָט דערפאר טאקע האָב איך אייך געבעטען קיינעם דער־פון ניט זאגען.

ליזא איז זיך דורכגעגאנגען אביסעל.

— —זאָגט, — האָט זי אָנגעפאנגען: — איהר זענט ניט גע־קריינקט? גאר ניט?

— איך וויים אליין ניט, וואס איך פיהל, — האָט לאווּרעצקי געענטפערט.

— נאָר איהר האָט דאָך איהר ליעב געהאט פריהער?

— ליעב געהאט.

— זעהר?

— זעהר.

— און עס קרענקט אייך ניט איהר טויט?

— זי איז ניט איצטער פאר מיר געשטאָרבען.

— דאָס איז זינדיג, דאָס וואָס איהר רעדט... זייט ניט אויף מיר ברוגז. איהר האָט מיך אָנגערופען אייער פריינד: א פריינד מעג אלעס ריידען. מיר איז, ווירקליך, אזוי שרעקליך... נעכטען איז ביי אייך געווען אזא ניט־גוטער פּנים... איהר געדענקט, ניט לאנג צוריק, ווי איהר האָט זיך געקלאָגט אויף איהר? — און זי איז שוין דעמאָלט, קען זיין אויף דער וועלט ניט געווען. דאָס איז שרעקליך. אקוראט ווי מען וואָלט דאָס אייך צוגעשיקט אלס שטראָף.

לאווּרעצקי האָט ביטער א שמייכעל געטאָן.

— קלערט איהר אזוי ?... יעדענפאלס בין איך איצטער פריי. ליזא האט א לייכטען ציטער געטאן.

— גענוג, רעדט ניט אזוי. צו וואס דארפט איהר אייער פרייהייט ? ניט וועגען דעם, דארפט איהר איצטער טראכטען, נאר וועגען מחילה...

— איך האב איהר שוין לאנג מוחל געווען, — האט איהר לאווערצקי איבערגעשלאגען און א מאך געטאן מיט דער האנט.

— ניין, ניט דאס, — האט ליזא געענטפערט און זיך פאר־רויטעלט. — איהר האט מיך ניט אזוי פארשטאנען, איהר דארפט א זארג טאן דערפאר, אז מען זאל אייך מוחל זיין...

— ווער זאל מיר מוחל זיין ?

— ווער ? — גאט. ווער קען אייך דען מוחל זיין א חוץ גאט ?

לאווערצקי האט איהר א כאפ געטאן ביי דער האנט.

— אך, ליזאוועטא מיכאילאוונא, גלויבט מיר, — האט ער אויסגעשריען : — איך בין אזוי אויך גענוג געווען געשטראפט. פאר אלעם אפגעקומען, גלויבט מיר.

— דאס קענט איהר ניט וויסען, — האט ליזא שטיל א זאג געטאן. — איהר האט פארגעסען, — נאך גאר ניט לאנג, אט, ווען איהר האט מיט מיר גערעדט, — איהר האט איהר ניט געוואלט מוחל זיין...

ביידע זיינען שווייגענד זיך דורכגעגאנגען איבער דער אלעע.

— און וואס איז מכח אייער טאכטער ? — האט ליזא פלוצ־לונג א פרעג געטאן און זיך אפגעשטעלט.

לאווערצקי האט זיך א טרייסעל געטאן.

— א, באאומרוהיגט זיך ניט ! איך האב שוין צושיקט בריעף אין אלע פלעצער. די צוקונפט פון מיין טאכטער, ווי איהר האט זי... ווי איהר זאגט... איז פארזיכערט, באאומרוהיגט זיך ניט.

ליזא האט טרויעריג א שמייכעל געטאן.

— נאר איהר זענט גערעכט, — האט לאווערצקי פאגרע־זעצט : — וואס זאל איך טאן מיט מיין פרייהייט ? צו וואס טויג זי מיר ?

— ווען האָט איהר ערהאַלטען אָט דעם זשורנאַל? — האָט ליזא אַ זאָג געטאָן און איהם ניט געענטפערט אויף זיין פראגע.

— אויפ׳ן צווייטען טאָג נאָך אייער באַזוך.

— און טאַקע... איהר האָט טאַקע אפילו ניט אַ וויין געטאָן?

— ניין. איך בין געוועזן איבעראַשט; נאָר פון וואַנען זאָלען זיך געוועזן נעמען טרערען? וויינען אויף דער פאַרגאַנגענהייט, — נאָר זי איז דאָך ביי מיר אינגאַנצען געוועזן אויסגעברענט!... איהר פאַרברעכען אליין האָט ניט צושטערט מיין גליק, נאָר ער האָט מיר מעהר ניט באַוויזען, אז ס׳איז גאר קיין גליק קיינמאָל ניט געוועזן. אויף וואס־זשע זאָל מען דאָ וויינען? און ווייטער, ווער ווייסט? — אפשר וואָלט דאָס מיך זעהר געקרענקט, ווען איך זאָל אָט די ידיעה געוועזן באַקומען מיט צוויי וואָכען פריהער...

— מיט צוויי וואָכען? — האָט ליזא געענטפערט. — וואָס איז דען געשעהן אין אָט די צוויי וואָכען?

לאַווּרעצקי האָט גאָרניט געענטפערט, נאָר ליזא האָט זיך פּלוצלונג פאַררויטעלט נאָך ערגער ווי פריהער.

— יאָ, יאָ, איהר האָט געטראָפען, — האָט לאַווּרעצקי פּלוצלונג אונטערגעכאַפּט: — אין דעם לויף פון אָט די צוויי וואָכען האָב איך זיך דערוואוסט, וואָס עס הייסט אַ ריינע פרויען־נשמה, און מיין פאַרגאַנגענהייט האָט זיך נאָך ווייטער פון מיר אָפּגערוקט.

ליזא איז צוטומעלט געוואָרען און שטילינקערהייד אוועקגעגאַנגען אויף דער בלומען־בייט צו לענאָטשקאַ׳ן און שוראָטשקאַ׳ן.

— און איך בין צופרידען דערמיט, וואָס איך האָב אייך געצייגט אָט דעם זשורנאַל, — האָט לאַווּרעצקי געזאָגט, געהענדיג נאָך איהר: — איך האָב זיך שוין צוגעוועהנט גאָרניט צו באַהאַלטען פאַר אייך, און איך האָף, אַז אויך איהר וועט מיר צאָהלען מיט דעם זעלביגען צוטרויען.

— איהר קלערט אַזוי? — האָט ליזא אַ זאָג געטאָן און זיך אָפּגעשטעלט. — אויף אַזאַ׳ן אופן וואָלט איך געדאַרפט געוועזן... נאָר ניין! דאָס איז אוממעגליך.

— וואָס אזעלכעס? רעדט, רעדט.

—ווירקליך, מיר דוכט אז איך דארף ניט... נאָר ווייטער— האָט ליזא צוגעלעגט, און מיט א שמייכעל זיך אויסגעקערעוועט צו לאווריעצקי׳ן: וואָס איז דאָס פאר אן אָפענהערציגקייט אויף האלב? — ווייסט איהר? איך האָב היינט ערהאלטען א בריעף.

— פון פאנשינען?

— יאָ, פון איהם... פון וואַנען ווייסט איהר?

— ער בעט אייער האנט?

— יא, — האָט ליזא ארויסגעזאָגט, און גלייך און ערנסט א קוק געטאָן לאווריעצקי׳ן אין די אויגען.

לאווריעצקי האָט אויך ערנסט א קוק געטאָן אויף ליזא׳ן.

— נו, און וואָס האָט איהר איהם געענטפערט? — האָט ער ענדליך א זאָג געטאָן.

— איך ווייס ניט, וואָס צו ענטפערען, — האָט ליזא גע־ענטפערט און אראָפּגעלאָזט די צונויפגעלעגטע הענט.

— ווי? איהר האָט דאָך איהם ליעב?

— יאָ, ער געפֿעלט מיר; ער איז, דאכט מיר, א גוטער מענש...

— איהר האָט מיר דאָס אייגענע און מיט די זעלביגע ווער־טער געזאָגט פיער טעג צוריק. איך וויל וויסען, צי האָט איהר איהם ליעב מיט יענעם קרעפטיגען, ליידענשאפטליכען געפיהל, וואָס מיר זיינען געוועהנט צו רופען ליעבע?

— ווי א י ה ר פארשטעהט, — ניין.

— איהר זענט אין איהם ניט פארליעבט?

— ניין. מען דארף דאָס דען?

— ווי?

— דער מאַמעשי איז ער געפעלען, — האָט ליזא פאר־געזעצט: — ער איז א גוטער; איך האָב געגען איהם גאר ניט.

— פונדעסטוועגען שלאָגט איהר זיך מיט דער דעה?

— יא... און עס קען זיין, — איהר, אייערע ווערטער האָבען דאָס גורם געווען. געדענקט איהר, וואָס איהר האָט אייער־געכ־טען געזאָגט? נאָר דאָס איז א שוואכקייט...

— אָ, קינד מיינס! — האָט לאווריעצקי פּלוצלונג אויסגע־

שריען — און זיין קול האָט אָנגעפאנגען צו ציטערן : — פּילאָ־זאָפירט ניט אזוי חריפות׳דיג, רופּט ניט אָן שוואכקייט דעם רוף פון אייער הארץ, וואָס וויל זיך ניט אָפּגעבען אָהן ליעבע. נעהמט ניט אויף זיך אזא שרעקליכע פאראנטוואָרטליכקייט פאר דעם מענשען, וועמען איהר האָט ניט ליעב און צו וועמען איהר ווילט געהערען...

— איך פאָלג, איך נעהם גאָר ניט אויף זיך, — האָט ליזא קוים ארויסגערעדט...

— פאָלגט אייער הארץ ; דאָס הארץ אליין וועט אייך זא־גען דעם אמת, — האָט איהר לאווערעצקי איבערגעשלאָגען. — ערפאהרונג, פארשטאנד — דאָס אלעס איז שטויב און פוסטקייט! נעהמט ביי זיך ניט צו דאָס בעסטע, איינציגע גליק אויף דער וועלט.

— רעדט איהר דאָס, פעדאָר איוואניטש ? איהר אליין האָט דאָך חתונה געהאט אויס ליעבע, — נו, זענט איהר געוועזען גליקליך ?

לאווערעצקי האָט א פּלעסק געטאָן מיט די הענט.

— אך, רעדט ניט וועגען מיר ! איהר קענט אפילו ניט בא־גרייפען אלעס, וואס א יונגער, אומערפאהרענער, אומארטיג־ער־צויגענער אינגעל קען אנגעהמען אלס ליעבע !.. און, נאָך אלעמען, צו וואס פיהרען רכילות אויף זיך אליין ? איך האָב אייך נאָר־וואס געזאגט, אז איך האָב פון קיין גליק ניט געוואוסט... ניין ! איך בין געוועזען גליקליך !

— מיר דוכט, פעדאָר איוואניטש, — האָט ליזא ארויסגע־רעדט אויף א ניעדעריג קול (ווען זי פלעגט ניט איינשטימען מיט איהר קאמפּאניאָן, פלעגט זי שטענדיג ניהעריג מאכען איהר קול ; דערביי פלעגט זי פיהלען א גרויסע אויפרעגונג) : — דאס גליק אויף דער וועלט העננגט ניט אָפּ פון אונז...

— פון אונז, פון אונז, גלויבט מיר (ער האָט זי א כאפּ געטאָן פאר ביידע הענט ; ליזא איז בלאַס געווארען און כמעט מיט שרעק, נאָר אויפמערקזאם אויף איהם געקוקט : — ווען נאָר מיר אליין זאָלען ניט קאליע מאכען אונזער לעבען. פאר אנ־דערע מענשען קען די הייראט אויס ליעבע זיין אן אומגליק ;

נאָר ניט פאַר אייך, מיט אייער רוהיגען כאַראַקטער, מיט אייער לויטערער נשמה! איך בעט אייך, האָט ניט חתונה אָהן ליעבע, אויס דעם געפיהל פון חוב, פאַרלייקענונג, צי וואָס... דאָס איז די זעלביגע גלויבענלאָזיגקייט, די זעלביגע אויסרעכענונג, — און נאָך אַן ערגערע. גלויבט מיר, — איך האָב אַ רעכט דאָס צו זאָגען: איך האָב טייער באַצאָהלט פאַר אָט דעם רעכט. און אויב אייער גאָט...

אין דער רגע האָט לאַוורעצקי באַמערקט, אַז לענאָטשקאַ און שוראָטשקאַ זיינען געשטאַנען נעבען ליזאַ'ן און מיט שטומער אי־בערראַשונג אַנגעשטעלט אויף איהם די אויגען. ער האָט אַרויסגע־לאָזט ליזאַ'ס הענט און שנעל אַ זאָג געטאָן: „ענטשולדיגט מיר, איך בעט אייך", און האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום הויז.

— איין זאַך נאָר בעט איך אייך, — האָט ער אַ זאָג געטאָן אומקערענדיג זיך צו ליזאַ'ן: — באַשליסט זיך ניט גלייך, וואַרט צו; טוט אַ טראַכט וועגען דעם, וואָס איך האָב אייך געזאָגט. אויב אַפילו איהר זאָלט מיר ניט גלויבען, אויב איהר זאָלט באַשטימען חתונה האָבען לויט'ן פאַרשטאַנד — אויך אין אַזאַ פאַל דאַרפט איהר ניט חתונה האָבען מיט פאַנשינען: ער קאָן ניט זיין אייער מאַן... ניט אמת, איהר זאָגט מיר צו זיך ניט צו אייל ען?

ליזאַ האָט געוואָלט ענטפערען לאַוורעצקי'ן, און האָט קיין וואָרט ניט אויסגערעדט — ניט דערפאַר, וואָס זי האָט באַשלאָסען זיך צו „איילען"; נאָר דערפאַר, וואָס איהר האַרץ האָט צו שטאַרק ביי איהר געקלאַפּט, און אַ געפיהל, ענליך צו שרעק, האָט ביי איהר אָפּגעשטעלט דעם אָטעם.

30.

אוועקגעהענדיג פון די קאַליטינס, האָט לאַוורעצקי זיך באַגע־גענט מיט פאַנשינען; זיי האָבען זיך קאַלט גענייגט איינער צום צווייטען. לאַוורעצקי איז געקומען צו זיך אויף דער קוואַרטיר און זיך פאַרשפּאַרט. ער האָט דורכגעלעבט געפיהלען, וועלכע ער האָט קוים ווען עס איז דורכגעלעבט. ווי לאַנג ערשט האָט ער זיך געפונ־נען אין אַ צושטאַנד פון „פריעדליכער פאַרשטיינערונג"? ווי לאַנג האָט ער זיך געפיהלט, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, אויפ'ן סאַמע

רעק פון טייך? וואס־זשע האט געענדערט זיין לאגע? וואס האט איהם ארויפגעטראגען אויבען, אויף דער אויבערפלאך? דער סאמע געהעהליכער, אומפארמיידליכער, הגם שטענדיג אומער־ווארטערטער צופאל: דער טוידט? יא; נאר ער האט ניט אזוי פיעל געטראכט וועגען טויט פון דעם ווייב, וועגען זיין פרייהייט, ווי וועגען דעם, — וואס פאר אן ענטפער ליזא וועט געבען פאנ־שינען? ער האט געפיהלט, אין דעם משך פון די לעצטע דריי טעג, אז ער האט אנגעפאנגען צו קוקען אויף איהר מיט אנדערע אויגען; ער האט זיך דערמאנט, ווי, געהענדיג אהיים, האט ער געטראכט וועגען איהר אין דער שטילקייט פון דער נאכט און גע־רעדט צו זיך אליין: „ווען!...״ אט דער „ווען״, וואס האט זיך באצויגען צו דער פארגאנגענהייט, צו דעם אוממעגליכען, איז מקוים געווארען, הגם ניט אזוי ווי ער האט גערעכענט, — נאר זיין פרייהייט אליין איז נאך געווען ווינציג. „זי וועט פאלגען דער מו־טער, — האט ער געטראכט: — זי וועט חתונה האבען מיט פאנ־שינען; נאר אויב זי וועט איהם אפילו אפזאגען, — איז דאס ניט אלץ איינס פאר מיר?״ פארבייגעהענדיג פארביי דעם שפיגעל האט ער אגב אורחא א קוק געטאן אויף זיין פנים און א קנייטש געטאן מיט די פלייצעס.

דער טאג האט זיך פארבייגעטראגען שנעל אין אט די געדאנ־קען; עס איז אנגעקומען דער אווענט. לאוורעצקי איז אוועק צו די קאליטינס. געגאנגען איז ער שנעל, נאר צום הויז האט ער זיך דערנעהענט מיט פארקלענערטע טריט. פאר׳ן גאניקעל איז גע־שטאנען פאנשין׳ס עקיפאזש. „נו, — האט לאוורעצקי א טראכט געטאן, — איך וועל ניט זיין קיין עגאאיסט״ — און איז ארייננגע־גאנגען אין הויז. אין הויז האט ער קיינעם ניט באגעגענט, און אין גאסט־צימער איז געווען שטיל; ער האט אויפגעעפענט די טהיר און דערזעהן מאריא דמיטריעווונא׳ן, וועלכע האט געשפיעלט מיט פאנשינ׳ען אין קארטען. פאנשין האט שווייגענד זיך פאר־נייגט פאר איהם, און די הויז־ווירטין האט אויסגעשריהען: אך, ווי אומערווארטעט! — און האט לייכט פארוואלקענט די ברעמען. לאוורעצקי האט זיך צוגעזעצט נעבען איהר און אנגעפאנגען איהר ארייננקוקען אין די קארטען.

— איהר קענט דען שפּיעלען א פינף־הונדערט און איינס? — האָט זי איהם א פרעג געטאָן מיט עפּעס א מין באַהאַלטענעם פאַר־דרוס, און דערביי טאַקע ערקלעהרט, אז זי האָט זיך אויסגעביי־טעלט.

פאַנשין האָט אָפּגעצעהלט ניינציג און האָט אָנגעפאַנגען העפ־ליך און רוהיג צו ציהען קאַרטען, מיט א שטרענגען און ווירדיגען אויסדרוק אויפ'ן פּנים. אַט אַזוי מוזען שפּיעלען דיפּלאָמאַטען; וואהרשיינליך האָט ער אויך אזוי געשפּיעלט אין פּעטערבורג מיט עפּעס א הויכען באַאמטען, וועמען ער האָט בדעה געהאַט באַאיינ־פלוסען א גוטע מיינונג וועגען זיין געזעצטקייט און רייפקייט. „הונדערט איינס, הונדערט צוויי, צלם, הונדערט דריי", האָט מע־סיג געקלונגען זיין קול, און לאַוורעצקי האָט ניט געקענט פאַר־שטעהן, וואָס אַזעלכעס האָט אין איהם געקלונגען, צי א פאַרוואורף, צי זעלבסטצופריעדענהייט.

— קען מען זעהן מאַרפאַ טימאָפעיעוונאַ'ן? האָט ער א פרעג געטאָן און באַמערקט, אז פאַנשין האָט זיך מיט נאָך א גרע־סערער ווירדיגקייט א נעהם געטאָן אויסמישען די קאַרטען. אפילו קיין שאָטען פון קיין קינסטלער האָט מען שוין אין איהם ניט באַ־מערקט.

— איך דענק, מען קען. זי איז ביי זיך, אויבען, — האָט מאַריאַ דמיטריעוונאַ געענטפערט: — ווערט געוואהר.

לאַווערעצקי איז אַוועק אויבען. מאַרפאַ טימאָפעיעוונאַ'ן האָט ער אויך געטראָפען ביי די קאַרטען: זי האָט געשפּיעלט אין דוראַק מיט נאַסטאַסיע קאַרפּאָוונאַ'ן. ראַסקאַ האָט אויף איהם א ביל געטאָן; נאָר ביידע אַלטע פרויען האָבען איהם פריינדליך אויפגענומען, ספּעציעל האָט מאַרפאַ טימאָפעיעוונאַ געשיינט צו זיין אין א גוטער שטימונג.

— א! פעדיאַ! ברוך הבאָ, — האָט זי א זאָג געטאָן: זעץ זיך, טאַטע מיינער. מיר וועלען באַלד פאַרענדיגען. ווילסט איינגעמאַכטס? שוראָטשקאַ, דערלאַנג איהם דעם סלאָי מיט מאַלינעס. ווילסט ניט? טאָ זיץ אזוי; נאָר רויכערן — רויכער ניט; איך קען ניט פאַרטראָגען אייער טאַבאַק, און מאַטראָס פאַנגט אויך פון איהם אָן צו ניסען.

לאווּרעצקי האָט זיך אונטערגעאײַלט צו ערקלעהרען, אז ער ווילֿ גאָר ניט רויכערן.

— ביסט געוועז אונטען ? — האָט די אַלטינקע פארטגע־זעצט : — ועמען האָסטו דאָרטען געזעהן ? איז פאנשין נאָך אַלץ דאָרטען ? און ליזא׳ן האָסטו געזעהן ? ניין ? זי האָט גע־וואָלט אהערצו קומען... אָט איז זי טאַקע אליין ; געוועז דער־מאָנען משיח׳ן.

ליזא איז אריין אין צימער און, דערזעהענדיג לאווּרעצקי׳ן, האָט זי זיך פאַררויטעלט.

— איך בין אריין צו אייך אויף איין מינוט, מארפא טימאָפע־יעוונא, — האָט זי אָנגעפאנגען...

— פארוואָס עפּעס אויף איין מינוט ? — האָט די אַלטע גע־פרעגט. — וואָס עפּעס קענט איהר אַלע, יונגע מיידען, אזוי ניט איינזיצען ? זעהסט, ביי מיר איז דאָ א גאַסט : פלוידער אביסעל מיט איהם, אונטערהאַלט איהם.

ליזא האָט זיך צוגעזעצט אויף אַן עק שטוהל, אויפגעהויבען די אויגען אויף לאווּרעצקי׳ן — און דערפיהלט, אז זי קען ניט איהם ניט מודיע זיין, מיט וואָס עס האָט זיך געענדיגט איהר באַ־נעגעניש מיט פאנשינ׳ען. נאָר ווי טוט מען דאָס ? ס׳איז איהר נעוועזן אי א חרפה אי עפּעס ניט היימליך. ווי לאַנג האָט זי זיך מיט איהם באַקאַנט, מיט אָט דעם מענשען, וואָס געהט זעלטען אין קלויסטער, און טראָגט אזוי גלייכגילטיג איבער דעם טויט פון זיין פרוי, — און דאָ גיט זי איהם שוין איבער איהרע סודות... אמת, ער אינטערעסירט זיך מיט איהר ; זי אַליין גלויבט איהם און פיהלט צו איהם א צוציהונג; נאָר פונדעסטוועגען איז איהר גע־וואָרען א חרפה, אקוראַט ווי א פרעמדער וואָלט אריין אין איהר מיידעלשען, ריינעם צימער.

מארפא טימאָפעיעוונא איז איהר געקומען צו הילף.

— ווייל, אויב דו וועסט איהם ניט פאַראונטערהאַלטען — האָט זי אָנגעפאנגען צו ריידען : — ווער־זשע וועט איהם, נעבעך, פאַראונטערהאַלטען ? איך בין פאַר איהם צו אַלט, ער איז פאַר מיר צו קלוג, און פאַר נאַסטאַסיא קארפּאָוונא איז ער צו אַלט, איהר גיב נאָר יונגינטשקע.

— מיט וואָס־זשע קען איך אונטערהאַלטען פּעדאַר אי־וואַניטש'ען? — האָט ליזא אַ זאָג געטאָן. — אויב ער וויל, וועל איך פאר איהם בעסער עטוואָס אויסשפּיעלען אויף דער פּיאַנאָ, — האָט זי צוגעלעגט אומבאַשטימט.

— טאַקע, אויסגעצייכענט: דו ביסט ביי מיר אַ חכמה, — האָט מאַרפאַ טימאָפעיעוונא געענטפערט. — געהט ליעבענקע מיינע, אַרונטער; ווען איהר וועט ענדיגען — קומט אַרויף; און איך בין נאַר־וואָס געבליבען דער נאַר, פּאַרדריסט מיך, וויל איך אָפּגעווינען.

ליזא איז אויפגעשטאַנען, לאַווּרעצקי איז אַוועק נאָך איהר. אַראָפּגעהענדיג די טרעפּ, האָט ליזא זיך אָפּגעשטעלט.

— עס איז אמת, וואָס מען זאָגט, — האָט זי אָנגעפאַנגען: אַז דאָס מענשליכע האַרץ איז פול מיט ווידערשפּרוכען. אייער ביישפּיעל וואָלט מיך געדאַרפט איבערשרעקען, מיך מאַכען אומ־צוטרויליך צו חתונות אויס ליעבע, נאָר איך...

— איהר האָט איהם ענטזאָגט? — האָט לאַווּרעצקי איהר איבערגעשלאָגען.

— ניין; אָבער אויך ניט איינגעשטימט. איך האָב איהם אַלעס געזאָגט, אַלעס, וואָס איך האָב געפיהלט, און איהם געבעטען צו וואַרטען. זייט איהר צופריעדען? — האָט זי צוגעלעגט מיט אַ שנעלען שמייכעל, — און לייכט באַריהרענדיג דעם פּאַרענטש מיט דער האַנט, איז זי אַראָפּגעלאָפען פון די טרעפּ.

— וואָס זאָל איך אייך אויסשפּיעלען? — האָט זי אַ פרעג געטאָן און אויפגעהויבען דאָס דעקעל פון דער פּיאַנאָ.

— וואָס איהר ווילט, — האָט לאַווּרעצקי געענטפערט און זיך אַוועקגעזעצט אַזוי, אַז ער זאָל קענען קוקען אויף איהר.

ליזא האָט אָנגעפאַנגען צו שפּיעלען און לאַנג ניט אַראָפּגענומען די אויגען פון איהרע פינגער. ענדליך האָט זי אַ קוק געטאָן אויף לאַווּרעצקי'ן און זיך אָפּגעשטעלט: אַזוי זאָנדערבאַר און מאָדנע האָט זיך איהר אויסגעצייגט זיין פּנים.

— וואָס איז מיט אייך? — האָט זי אַ פרעג געטאָן.

— גאָר ניט, — האָט ער געענטפערט: — מיר איז זעהר גוט; עס פרעהט מיך אייך זעהן, — שפּיעלט ווייטער.

— מיר דוכט, — האָט ליזא געזאָגט אין עטליכע סעקונדען אָרום: — ווען ער וואָלט מיך טאַקע באמת ליעב געהאַט, וואָלט ער אָט דעם בריעף נישט אנגעשריבען; ער וואָלט געדאַרפט פיהלען, אַז איך קען איהם ניט ענטפערען איצטער.

— דאָס איז ניט וויכטיג, — האָט לאַווערעצקי אַ זאָג געטאָן:

— וויכטיג איז דאָס, וואָס איהר האָט איהם ניט ליעב.

— הערט אויף, וואָס איז דאָס פאַר אַ געשפּרעך! מיר דרעהט זיך פאַר די אויגען אייער זעליגע פרוי., און איהר זייט מיר שרעקליך.

— ניט אמת, וואָלדעמאַר, ווי ליעבליך מיין ליזעט שפּיעלט?

— האָט מאַריא דמיטריעוונא געזאָגט אין דער זעלבינער צייט צו פּאַנשינ׳ען.

— יאָ, — האָט פּאַנשין געענטפערט: — זעהר ליעבליך.

מאַריא דמיטריעוונא האָט מיט צערטליכקייט אַ קוק געטאָן אויף איהר יונגען פּאַרטנער; נאָר יענער האָט אָנגענומען נאָך אַ מעהר וויכטיגען און זאָרגזאַמען אויסזעהן און ערקלעהרט פּער־צעהן קעניגען.

.31

לאַווערעצקי איז ניט געווען קיין יונגער מאַן; ער האָט זיך לאַנג ניט געקענט אָפּנאַרען מכח׳ן געפיהל, וואָס ליזא האָט אין איהם געשאַפען; ער האָט זיך גענצליך טאַקע אין יענעם טאָג אי־בערצייגט, אַז ער האָט זיך אין איהר פאַרליעבט. ניט קיין סך פרייד האָט איהם אָט די איבערצייגונג געבראַכט. „האָב איך דען ניט, — האָט ער געקלעהרט, — ביי פינף־און־דרייסיג יאָהר קיין אנדער זאַך צו טאָן, ווי נאָכאמאָל אָפּגעבען מיין נשמה אין די הענט פון אַ פרוי? נאָר ווי קומט ליזא צו יענער: זי וואָלט ביי מיר ניט געפאָדערט קיין שענדליכע קרבנות; זי וואָלט מיך ניט אָפּ־געצויגען פון מיינע באַשעפטיגונגען; זי אליין וואָלט מיך ער־מוטיגט צו אָרענטליכער שטרענגער ארבייט, און מיר וואָלטען ביידע געגאַנגען פאָרווערטס, צו אַ שעהנעם ציעל. יאָ, — האָט ער גע־ענדיגט זיין נאָכטראַכטען: — דאָס אַלעס איז גוט, ס׳איז נאָר

שלעכט, וואָס זי וועט מיט מיר ניט וועלען גען. ניט אומזיסט האָט זי מיר געזאָגט, אז איך בין איהר שרעקליך. דערפאר האָט זי אויך פאנשינ'ען ניט ליעב... א שוואכע טרייסט".

לאווּרעצקי איז אוועקגעפאָהרען קיין וואסיליעווסקאיע; נאָר ער האָט אפילו קיין פיער טעג דאָרטען ניט דורכגעלעבט, — אזוי אומעטיג האָט זיך איהם עס אנגעזעהן. איהם האָט אויך פאר־מאַטערט די ערוואַרטונג: די ידיעה, וואָס הערר זשול האָט מיט־געטיילט, האָט געפאָדערט א באשטעטיגונג, נאָר ער האָט ניט ער־האַלטען קיין בריעף. ער האָט זיך אומגעקעהרט אין שטאָדט און איבערגעזעסען אן אָוונט ביי די קאַליטינס. ער האָט לייכט געקענט באמערקען, אז מאַריא דמיטריעוונא איז געגען איהם אויפגערייצט; נאָר איהם האָט זיך איינגעגעבען איהר אביסעל איבערבעטען, פארשפּילענדיג צו איהר א רובעל פּופצעהן אין קאַר־טען, — און ער האָט פאַרבראכט מיט ליזא'ן כמעט א האַלבע שעה פּריוואַט, ניט קוקענדיג דאַרויף, וואָס די מוטער האָט איהר נאָך אויף דער נאַכט געראַטען ניט צו זיין צו פאַמיליאַר מיט א מענשען "Qui a un si grand ridicule". ער האָט אין איהר געפונען אן ענדערונג: זי איז געוואָרען עפּעס פאַרטראַכטער, זי האָט איהם פאַרגעוואָרפען פאר זיין אפּוועזענהייט און איהם א פרעג געטאָן, צי וועט ער אויף מאָרגען געהן אין קלויסטער? (אויף מאָרגען איז געוועזען זונטאָג).

— קומט, — האָט זי געזאָגט פריהער, איידער איהם האָט זיך איינגעגעבען צו ענטפערען: וועלען מיר צוזאַמען מתפּלל זיין פאר א י ה ר נשמה. נאָכדעם האָט זי צוגעלעגט, אז זי ווייסט ניט, ווי זיך נוהג זיין — זי ווייסט ניט, צי האָט זי א רעכט לענגער צווינגען פאנשינ'ען צו וואַרטען אויף איהר באשלוס.

— פאַרוואָס? — האָט לאווּרעצקי א פרעג געטאָן.

— דערפאר, — האָט זי געזאָגט: — וואָס איך פאַנג שוין איצט אָן צו אָנשטויסען זיך, וואָס דאָס וועט זיין פאר א באשלוס.

זי האָט ערקלעהרט, אז דער קאָפּ טוט איהר וועה, און איז אוועק צו זיך אויבען, אומבאשטימט אויסציהענדיג צו לאווּרעצקי'ן די שפּיצען פון די פינגער.

אויפ'ן צווייטען טאָג איז לאווּרעצקי אוועק אין קלויסטער.

ווען ער איז געקומען איז שוין ליזא דאָרטען געווען. זי האָט איהם באַמערקט, כאָטש זי האָט זיך צו איהם ניט אויסגעקערעוועט. זי האָט פלייסיג געזאַגט די תפילות; שטיל האָבען געלויכטען איהרע אויגען, שטיל האָט זיך איהר קאָפּ איינגעבויגען און אויפגעהויבען. ער האָט דערפיהלט אז זי איז מתפלל פאַר איהם, — און א זאנדער־באַרער געפיהל האָט ארומגעכאַפּט זיין נשמה. ס׳איז איהם גע־ווען אי גוט, אי אביסעל א שאנד. דער עולם, וואָס איז געשטאַ־נען אזוי מיט שטאַט, די היימישע פּנים׳ער, דאָס הארמאָנישע זינגען, דער גערוך פון ווייראיך, די לאנגע משופּע׳דיגע שטראַהלען פון די פענסטער, די פינסטערניש גופא פון די ווענט און סקלע־פּען — אלעס האָט גערעדט צו זיין הארצען. לאנג שוין איז ער ניט געווען אין קיין קלויסטער, לאנג שוין זיך ניט געווענדט צו גאָט: ער האָט אויך איצטער ניט ארויסגעבראַכט קיין תפלה־ווערטער, — ער האָט אָהן ווערטער אפילו אויך ניט מתפלל געווען, נאָר כאָטש אויף איין סעקונדע, אויב ניט מיט׳ן קערפּער, איז ער מיט׳ן גאנצען טראַכטען זיינעם, צוגעפאַלען הכנעה׳דיג צו דער ערד. עס האָט זיך איהם דערמאָנט, ווי אין דער קינדהייט פלעגט ער אלע מאָל אין קלויסטער אזוי לאנג זאָגען די תפילות, ביז ער האָט ניט דערפיהלט ביי זיך אויף׳ן שטערען עמיצענס א צערטליכען ריהר; דאָס, האָט ער דעמאָלט געקלעהרט, נעהמט מיך דער שוץ־מלאך, לעגט אויף מיר די חתימה פון אויסדערוועהלטקייט. ער האָט א קוק געטאָן אויף ליזא׳ן... „דו האָסט מיך אהער געבראַכט, — האָט ער א קלעהר געטאָן: — ריהר־זשע זיך צו מיר צו, ריהר זיך צו צו מיין נשמה". און זי האָט אלץ אזוי שטיל געזאָגט די תפילות; איהר פּנים האָט זיך איהם אויסגעצייגט פרעהליך, און ער איז נאָך אמאָל געריהרט געוואָרען, ער האָט געבעטען פאַר אַן אַנדער נשמה פריעד, פאַר זיינער — מחילה...

זיי האָבען זיך באַגעגענט אין פאַרהויף פון קלויסטער; זי האָט איהם באַגריסט מיט א פרעהליכער און ערנסטער וויכטיגקייט. די זון האָט העל באַלויכטען דאָס יונגע גראָז אויף דעם קלויסטער־הויף, די פיעל־קאָלירטע קליידער און טיכער פון די פרויען; די גלעקער פון די ארומיגע קלויסטערס האָבען אונטערגעברומט אין דער הויך; די וואַראַביישיקלאַך האָבען געצוויטשערט אויף די

פלויטען. לאַווּרעצקי איז געשטאַנען מיט אַן אָפּגעדעקטען קאָפּ און געשמייכעלט; אַ גרינג ווינטעלע האָט אויפגעהויבען זיינע האָר און די עקען פון ליזא׳ס הוט-שפּיצען. ער האָט אָריינגעזעצט ליזא׳ן און לענאָטשקא׳ן, וועלכע איז געווען מיט איהר, אין דער קאַרעטע, צוגעבען דאָס גאַנצע געלט אָרימע לייט און שטיל אַוועק־געוואַנדערט אַהיים.

32.

עס זיינען אָנגעקומען שווערע טעג פאַר פעדאָר איוואַניטשען. ער איז געווען אין אַ שטענדיגען פיבער. יעדען אין־דער־פריה פלעגט ער אַוועקגעהן אויף דער פּאָסט, אין אויפרעגונג צופּאַקען בריעף און זשורנאַלען, — און אין ערגעץ גאָר ניט געפונען, וואָס זאָל באַשטעטיגען אָדער אָפּלייקענען דעם פאַטאַלען קלאַנג. אַמאָל פלעגט ער זיך אַליין נמאס ווערען: „וואָס וואַרט איך דאָ, — האָט ער געטראַכט: ווי אַ ראָב אויף בלוט, אויף אַ ריכטיגער ידיעה פון דעם וויב׳ס טויט!". צו די קאַליטינס איז ער געגאַנגען יעדען טאָג; נאָר אויך דאָרטען איז איהם ניט געוואָרען גרינגער: דיווירטין האָט דייטליך זיך געבלאָזען אויף איהם, און איהם אויפגענומען אַלס אַ טובה; פּאַנשין איז זיך מיט איהם באַגאַנגען צו העפליך; לעמם האָט אויף זיך אָנגעצווינגען אַ מין מיזאַנטראָפּיע און פלעגט זיך קוים פאַרנייגען צו איהם, און הויפּט־זעכליך: ליזא פלעגט איהם עפּעס ווי אויסמיידען. ווען איהר איז שוין יאָ אויסגעקומען צו בלייבען מיט איהם אַליין, פלעגט אין איהר, אָנשטאָט דער פריהערדיגער צוטרויליכקייט זיך אַרויס־צייגען אַ צוטומעלטקייט; זי האָט ניט געוואוסט, וואָס איהם צו זאָגען, און ער אַליין האָט געפיהלט אַ מין אויפרודערונג. ליזא איז אין עטליכע טעג געוואָרען ניט די, וועלכע ער האָט געקענט: אין איהרע באַוועגונגען, קול, אין דעם געלעכטער גופא האָט זיך באַמערקט אַ געהיימער אומרוה, אַ אומגלייכהייט, וואָס איז קיינ־מאָל פריהער ניט געווען. מאַריא דמיטריעוונא, ווי אַן עכטע עגאָאיסטקע, האָט גאָר ניט חושד געווען; נאָר מאַרפאַ טימאָ־פעיעוונא האָט אָנגעפאַנגען וואַרפען אויגען אויף איהר געליעב־

טער. לאווערעצקי האָט ניט איין מאָל זיך פאָרגעוואָרפען, וואָס ער האָט געצייגט ליזא'ן דעם נומער פון זשורנאל, וועלכען ער האָט ערהאַלטען: ער האָט ניט געקענט זיך אליין ניט מודה זיין, אז אין זיין גייסטיגען צושטאנד איז געווען עטוואָס אויפרעגענדעס פאר א ריינעם געפיהל. ער האָט זיך אויך משער געווען, אז די ענדערונג אין ליזא'ן איז פאָרגעקומען פון איהר קאמף מיט זיך אליין, פון איהרע ספקות: וואָס פאר אן ענטפער צו געבען פאנשינ'ען? איינמאָל האָט זי איהם געבראכט א בוך, א ראָמאן פון וואָלטער סקאט, וועלכען זי האָט אליין ביי איהם געבעטען.

— איהר האָט איבערגעלייענט אָט דעם בוך? — האָט ער א זאָג געטאָן.

— ניין; איך בין איצטער ווייט פון ביכער, — האָט זי געענטפערט און געוואָלט אוועקגעהן.

— שטעהט א מינוט; איך בין מיט אייך שוין אזוי לאנג ניט געווען אליין. איהר האָט עפּעס אזוי ווי מורא פאר מיר.

— פארוואָס, איך בעט אייך?

— איך ווייס ניט.

לאווערעצקי האָט אָפּגעשוויגען.

— זאָגט, — האָט ער אָנגעפאנגען: — איהר האָט זיך נאָך ניט באשלאָסען?

— וואָס ווילט איהר זאָגען? — האָט זי א זאָג געטאָן, ניט אויפהויבענדיג די אויגען.

— איהר פארשטעהט מיך...

ליזא האָט פּלוצלונג אויפגעפלאמט.

— פרעגט מיך ניט פון גאָר ניט, — האָט זי א זאָג געטאָן מיט הארץ: איך ווייס גאר ניט; איך ווייס זיך אליין ניט....

און זי איז טאקע גלייך אוועק.

אויפ'ן צווייטען טאָג איז לאווערעצקי געקומען צו די קאליטינס נאָך דעם מיטאָג־מאָהלצייט און געטראָפען דאָרטען אלע פאָרבא־רייטונגען צו אן אלנאכטיגער גאטעסדיענסט. אין ווינקעל פון עס־צימער, אויפ'ן פיער־עקיגען טיש, באדעקט מיט א ריינעם טיש־טוך, זיינען שוין געשטאנען צוגעשפארט צו דער וואנט קליינע חיי־ליגע בילדער אין גילדערנע ראמען, מיט קליינינקע טונקעלע ערעל־

שטיינער אין די קרענצעלאַך. אַן אַלטער דיענער אין אַ גרויען פּראַק און שטיבלעטען, איז דורכגעגאַנגען, ניט איילענדיג און ניט קלאַפּענדיג מיט די קנאַפּעל, דורכ'ן גאַנצען צימער, אַוועקגעשטעלט צוויי וועקסענע ליכט אין צוויי דינינקע לייכטער פאַר די בילדער, זיך שטיל פאַרנייגט און אַרויסגעגאַנגען. דער אומבאַלויכטענער גאַסט־צימער איז געווען פּוסט. לאַוורעצקי איז דורכגעגאַנגען דעם עס־צימער, געפרעגט צי איז ניט עמיצענס געבורטס־טאָג? ענטפערט מען איהם מיט אַ שושקען, אַז ניין, אַז דער גאַטעס־דיענסט איז באַשטעלט געוואָרען לויט'ן פאַרלאַנג פון ליזאַוועטאַ מיכאַילאָוונאַ און מאַרפאַ טימאָפעיעוונאַ; אַז זיי האָבען בדעה געהאַט אַרויסהויבען די וואונדער־צייגענדע איקאָנאַ, נאָר זי איז אָפּגעפאָהרען צו אַ חולה ערגעץ פאַר דרייסיג ווערסט. באַלד איז אָנגעקומען צוזאַמען מיט די דיאַקעס דער גלח, שוין ניט קיין יונגער מענש, מיט אַ גרויסען פּליך, און האָט הויך אַ הוסט געטאָן אין פאַרצימער; די דאַמען האָבען זיך באַלד אַ לאָז געטאָן אין אַ רייהע פון'ם קאַבינעט און זיינען צוגעגאַנגען צו איהם נאָך אַ ברכה; לאַוורעצקי האָט שווייגענד זיך פאַר זיי פאַרנייגט. דער גלח איז אַביסעל געשטאַנען, נאָך אַמאָל זיך אויסגעהוסט און גע־פרעגט מיט אַ שטילער באַסאָווער שטימע:

— איהר באַפעהלט אפשר צוטרעטען?

— טרעט צו פּאָטערל, — האָט מאַריאַ דמיטריעוונאַ גע־ענטפערט.

ער האָט אָנגעפאַנגען צוריכטען זיינע בגדים; אַ דיאַק'ל אין אַ קיטעל האָט אונטערטעניג געבעטען אַ הייסע קויל; עס האָט זיך דערהערט דער גערוך פון ווייררויך. פון'ם פאָרצימער זיינען אַרויסגעגאַנגען די דיענסטען און די לאַקייען און האָבען זיך אָפּגעשטעלט אין אַ קאָמפּאַקט רעדעל פאַר די טהירען. ראָסקאַ, וואָס איז קיינמאָל אונטען ניט אַראָפּגעגאַנגען, האָט זיך פּלוצלונג באַוויזען אין עס־צימער: מען האָט איהר אָנגעפאַנגען אַרויס־צוטרייבען — זי האָט זיך איבערגעשראָקען, זיך אָנגעפאַנגען צו דרעהען און געבליבען זיצען; דער לאַקיי האָט זי אונטערגעכאַפּט און אַוועקגעטראָגען. דער גאָטעס־דיענסט האָט זיך אָנגעפאַנגען. לאַוורעצקי האָט זיך צוגעשפּאַרט אין אַ ווינקעלע; זיינע געפיהלען

זיינען געווען מאָדנע, כמעט טרויעריגע; ער האָט אַליין ניט גע־קענט גוט פאַנאַנדערקלייבען, וואָס ער האָט געפיהלט. מאַריאַ דמיטריעווּנאַ איז געשטאַנען פאָראויס פאַר אַלעמען, פאַר די שטו־לען; זי האָט זיך גע'צלמ'ט נאָכלעסיג — צופּעסטעט, פּריציש — אָט האָט זי זיך ארומגעקוקט, אָט האָט זי פּלוצלונג אויפגעהויבען די בליקען ארויף: זי האָט זיך געלאַנגווייליגט: מארפא טימאָפעיעוו־נא האָט געשיינט צו זיין באזאָרגט: נאַסטאַסיאַ קאַרפּאָוונא האָט אַלע מאָל זיך אַ לאָז געטאָן אויף די קניע און איז אויפגעשטאַנען מיט עפּעס אַן עניות'דיגען און ווייכען גערויש; ליזאַ, ווי זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט, אזוי האָט זי זיך ניט באַוועגט און פון אָרט ניט געריהרט; לויט דעם קאָנצענטרירטען אויסדרוק פון איהר פּנים האָט מען געקענט טרעפען, אַז זי האָט פלייסיג און הייס מתפלל געווען. נאָך דער גאָטעס־דיענסט האָט זי אַ קוש געטאָן דעם צלם און אויך די גרויסע רויטע האַנט פון'ם גלח. מאַ־ריאַ דמיטריעווּנאַ האָט איהם איינגעלאַדען צו טרינקען טעה; ער האָט אראָפּגענומען דאָס שאַלכעל, אָנגענומען עטוואָס אַ וועלט־ליכען אנזעהן און איז אַוועק צוזאַמען מיט די דאַמעס אין גאַסט־צימער. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ געשפּרעך, ניט קיין צו לע־בעדיגער. דער גלח האָט אויסגעטרונקען פיער טעפּלאך טהע, געהאַלטען אין איין ווישען מיט אַ טיכעלע זיין פּליך, דערצעהלט, צווישען אַנדערעס, אַז דער סוחר אַוואַשניקאָוו האָט מנדב געווען זיעבען הונדערט רובעל אויף אפּצוגילטען דעם קלויסטער־„קומפּאל", און איבערגעגעבען אַ ריכטיגען מיטעל געגען זומער־שפּרינקעלאך. לאַוורעצקי האָט זיך געוואָלט צוזעצען נעבען ליזאַ'ן, נאָר זי האָט זיך געהאַלטען שטרענג, כמעט גראָב, און האָט איין מאָל אויף איהם ניט אַ קוק געטאָן. זי האָט עפּעס ווי מיט אַן אבזיכט איהם ניט באַמערקט; עפּעס אַ מין קאַלטע, וויכטיגע התפּעלות איז אויף איהר ארויף. לאַוורעצקי'ן האָט זיך עפּעס אַלץ געגלוסט אַ שמייכעל טאָן און איהר זאָגען עפּעס אַמוזאַנטעס; נאָר אויפ'ן הארצען איז ביי איהם געווען עפּעס אַ צוטומלעניש, און ער איז, ענדליך, אַוועקגעגאַנגען אין עפּעס אַ געהיימער פאַר־לעגענהייט... ער האָט געפיהלט: עפּעס איז געווען אין ליזאַ'ן, וואוהין ער האָט ניט געקענט אריינדרינגען.

אַ צווייטען מאָל, ווען לאַווּרעצקי איז געזעסען אין גאַסט־צימער און געהערט דאָס אריינ׳גנב׳ענענדע, נאָר שווערע רעדען פון געדעאָנאָווסקי׳ן, האָט ער פּלוצלונג, אַליין ניט ווּיסענדיג פאר־וואָס, זיך אויסגעקערעוועט צו ליזאַ׳ן און אויפגעכאַפּט אַ טיעפען, אויפמערקזאַמען, פאַרשענדען בליק אין ליזאַ׳ס אויגען... ער איז געווען געווענדט אויף איהם, אָט דער רעטזעלהאַפטער בליק. לאַווּ־רעצקי האָט די גאַנצע נאַכט דערנאָך וועגען איהם געטראַכט. ער האָט געליעבט ניט ווי אַ יונגער, איהם האָט ניט געפּאַסט צו קרעכצען און באַקלאָגען זיך, און ליזאַ אַליין האָט אויך אַזאַ גע־פיהל ניט דערוועקט; נאָר די ליעבע האָט פאַר יעדען עלטער איהרע ליידען — און ער האָט זיי דורכגעלעבט גרינגליך.

.33

איינמאָל אין לאַווּרעצקי, לויט זיין געוואוהנהייט, געזעסען ביי די קאַליטינס. נאָך דעם אויסמאַטערענדען הייסען טאָג איז אָנגע־קומען אַזאַ שעהנער אַווענט, אַז מאַריאַ דמיטריעוונאַ, ניט קוקענדיג אויף איהר שנאה צו אַ צוג־ווינט, האָט געהייסען עפענען אַלע פענסטער און טהירען אין סאָד און ערקלערט, אַז זי וועט אין קאָרטען ניט שפּיעלען, אַז עס איז פּשוט אַ זינד אין אַזאַ וועטער צו שפּיעלען אין קאָרטען, נאָר מען דאַרף זיך קוויקען מיט דער נאַטור. פון די געסט איז געווען נאָר איין פּאַנשין. ער איז געווען אָנגעשטימט פונ׳ם אַווענט, ניט געוואָלט זינגען פאַר לאַווּרעצקי׳ן, נאָר ער האָט דערפיהלט דעם שטראָם פון קונסט־געפיהלען און זיך אַ לאָז געטאָן אין פּאָעזיע: איבערגעלייענט גוט, נאָר צו באַ־וואוסטזיניג און מיט אומנויטיגע חריפות, עטליכע ליעדער פון לערמאָנטאָוו׳ן (דעמאָלט איז נאָך פּושקין צוריק ניט געהאַט אריין אין דער מאָדע) — און פּלוצלונג, ווי ער וואָלט זיך פאַרשעהמט פאַר׳ן אויסגיסען פון זיין האַרץ, האָט ער אָנגעפאַנגען, אויפ׳ן מאָטיוו פון דער באַוואוסטער „דומאַ״, צו טאַדלען און צו באַשול־דיגען דעם יונגען דור; דערביי האָט ער ניט דורכגעלאָזט דעם צופאַל צו ערקלעהרען, ווי ער וואָלט אַלעס אַ דרעה געטאָן אויף זיין שטייגער, ווען די מאַכט זאָל זיין ביי איהם אין די הענט. „רוס־

לאנד, — זאָגט ער, — איז אפּגעשטאַנען פון אייראָפּא; מען דאַרף זי אונטערטרייבען. מען טענה'ט, אַז מיר זיינען יונג — דאָס איז בלאָטע; דערצו נאָך האָבען מיר ניט קיין ערפינדונגס־חוש: כ—וו אַליין איז זיך מודה, אַז מיר האָבען אפילו קיין מייז־פאַסטקע ניט אויסגעטראַכט. פאַרשטעהט זיך, אַז ניט ווילענדיג מוזען מיר נאָכטאַנצען פרעמדע. מיר זיינען קראַנק, זאָגט לער־מאָנטאָוו, — איך בין מיט איהם איינשטימיג; נאָר קראַנק זיינען מיר דערפאַר, וואָס מיר זיינען נאָר געוואָרען האַלבע אייראָ־פּעער; מיט דעם וואָס מיר האָבען געגרייזט, דערמיט דאַרפען מיר זיך היילען (''le cadastre'' האָט לאַוורעצקי אַ טראַכט געטאָן). — ביי אונז, — האָט ער פאָרטגעזעצט, — האָבען זיך די בעסטע קעפּ שוין לאַנג אין דעם איבערצייגט; אַלע פעלקער זיינען אין תוך אַריין אַלץ איינס; פיהרט נאָר איין גוטע איינריכטונגען — און די זאַך איז געענדיגט. מען קען זיך אפילו צופּאַסען צום עקזיסטירענדען פאָלקס-לעבען; דאָס איז אונזער זאַך, די זאַך פון מענשען... (ער האָט שיער ניט געזאָגט: רעגירונגס־מענשען) פון באַאמטע; נאָר, אין פאַל פון אַ נויט, זאָרגט אייך ניט: די איינ־ריכטונגען וועלען איבערמאַכען דאָס לעבען גופא". מאַריא דמיט־ריעוונא האָט מיט געפיהל פּאָטאַקעוועט פּאַנשינ'ען. „אָט ס'אַ קלוגער מענש, — האָט זי געטראַכט, — זיצט ביי מיר און שמו־עסט". ליזא האָט געשוויגען, צוטוליענדיג זיך צום פענסטער; לאַוו־רעצקי האָט אויך געשוויגען; מאַרפאַ טימאָפעיעוונא, וואָס האָט גע־שפּיעלט אין אַ ווינקעלע אין קאָרטען מיט איהר פריינדין, האָט עפּעס געבורטשעט זיך אונטער'ן נאָז. פּאַנשין האָט ארומגעשפּאַנט איבער'ן צימער און גערעדט שעהן, נאָר מיט אַ געהיימען כעס: כ'האָט געדוכט, אַז ער האָט געטאַדעלט ניט דעם גאַנצען דור, נאָר עטליכע איהם באַקאַנטע מענשען. ביי די קאַליטינס אין סאָד, אין אַ גרויסען קוסט פון בעז האָט געלעבט אַ נאַכטיגאַל; זיינע ערשטע אָוונט־קלאַנגען האָבען זיך צוגאָסען אין די פּויזען פון דער מליצה'־דיגער רעדע; די ערשטע שטערען האָבען זיך אנגעצונדען אויף דעם ראָז־קאָלירטען הימעל, איבער די אומבאַוועגליכע שפּיצען פון די לינדען־בוימער. לאַווערצקי האָט זיך אויפגעהויבען און אָנגע־פאַנגען אָפּצוענטפערען פאַנשינ'ען; עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ

ויכוח. לאווערעצקי האָט פארטיידיגט די יוגענד און זעלבסטשטענ־
דיגקייט פון רוסלאנד; האָט אוועקגעגעבען זיך, זיין דור אלס קרבן,
נאָר זיך איינגעשטעלט פאר די נייע מענשען, פאר זייערע איבער־
צייגונגען און פארלאנגען; פאנשין האָט אָפּגעענטפערט, צורייצט
און שארף, ערקלערט, אז קלוגע מענשען דארפען אלעס איבער־
מאכען, און לסוף אזוי ווייט אוועק, אז ער האָט גאָר פארגעסען
זיין קאמער־יונקערישען ראנג און אמטליכע קאריערע און גערו־
פען לאווערעצקי׳ן אָפּגעשטאנענער קאָנסערוואטאָר, אפילו א וואונק
געטאָן — אמת, זעהר אומדירעקט, — אויף זיין פאלשער לאגע
אין דער געזעלשאפט. לאווערעצקי איז ניט אין כעס געוואָרען, ניט
פארשטארקט דאָס קול (ער האָט זיך דערמאָנט, אז מיכאלעוויטש
האָט איהם אויך גערופען אפּגעשטאנענער — אבער וואָלטעריאנער)
—און רוהיג צוקלאפט פאנשינ׳ען אויף אלע פונקטען. ער האָט
איהם באוויזען די אומעגליכקייט פון שפרונגען און גאוה־דיגע
ענדערונגען פון דער הויכקייט פון אמטליכען באוואוסטזיין, —
ענדערונגען, וואס ווערען ניט בארעכטיגט ניט דורך דער
קענטניש פון דעם אייגען לאנד, ניט דורך דעם ווירקליכען גלויבען
אין א אידעאל, כאָטש א נעגאטיוון; געבראכט אלס ביישפּיעל
זיין אייגענע ערציהונג, געפאָדערט פריהער פון אלעם די אנער־
קענונג פון פאָלקס־אמת און הכנעה פאר איהם, — יענע הכנעה,
אָהן וועלכער עס איז אויך אוממעגליך דרייסטקייט נעגען פאלש־
קייט; זיך ניט אָפּגעווענדט, לסוף, פונ׳ם פארדיענטען, לויט זיין
מיינונג, פאָרוואורף אין לייכטזיניגען פארשווענדען פון צייט און
כחות.

— דאָס אלעס איז שעהן! — האָט, ענדליך, אויסגעשריהען
פאנשין אן אויפגערייצטער: — אָט האָט איהר זיך אומגעקערט קיין
רוסלאנד, — וואס־זשע קלייבט איהר זיך צו טאָן?

— אקערן די ערד, — האָט לאווערעצקי געענטפערט: — און
פלייסען זיך וואָס בעסער זי צו אקערן.

— דאָס איז זעהר לויבענסווערט, אָהן ספק, — האָט פאנ־
שין געענטפערט: — און מיר האָט מען שוין דערצעהלט, אז
איהר האָט געמאכט גרויסע פארשריטען אויף דעם געביעט: נאָר,

איהר מוזט דאָך איינשטימען, אז ניט יעדער איז פעהיג צו באַ־שעפטיגען פון אָט דעם מין.

— Une nature poetique, — האָט מאריא דמיטריעוונא אַנגעפאנגען צו ריידען: — פארשטעהט זיך קען ניט אקערען... et puis, זענט איהר בארופען, וולאדימיר ניקאָלאיעוויטש, צו טאָן אַלעס en grand.

דאָס איז שוין געווען צו־פיעל אפילו פאר פאנשינ׳ען: ער האָט דאָס פארריבען — און פארריבען דעם געשפרעך. ער האָט געמאכט א פאַרזוך איבערפיהרען דעם געשפרעך אויף דער שעהנ־קייט פונ׳ם אויסגעשטערענטען הימעל, אויף שובערט׳ס מוזיק — אלעס האָט זיך אָבער ניט געקלעפט; ער האָט געענדיגט דערמיט, וואָס ער האָט פאָרגעלעגט מאריא דמיטריעוונא׳ן צו שפיעלען מיט איהר אין קאָרטען. „ווי! אין אזא אָוועגט?" האָט זי שוואַך אָפּגעענטפערט; דאָך האָט זי געהייסען ברייגגען די קאָרטען.

פאנשין האָט מיט א קנאַק צוריסען א ניי פעשעל קאָרטען, און ליזא און לאַווערעצקי, אקוראט ווי זיי וואָלטען זיך צוזאמענגע־רעדט, זיינען ביידע אויפגעשטאַנען און זיך אַוועקגעזעצט נעבען מארפא טימאָפעיעוונא׳ן. עס איז זיי פּלוצלונג ביידען געוואָרען אזוי גוט, אז זיי האָבען אפילו מורא געהאַט צו בלייבען אין צוויי־ען, — און אין דער זעלביגער צייט האָבען זיי ביידע דערפיהלט, אז דער שרעק, וואָס זיי האָבען ביידע דורכגעלעבט אין די לעצטע עטליכע טעג איז פארשוואונדען און וועט זיך שויין מעהר קיינמאָל ניט צוריקקעהרען. די אַלטינקע האָט בגנבה עטליכע מאָל א גלעט געטאָן לאַווערעצקי׳ן אין באַק, כיטרע פארזשמורעט די אויגען און עטליכע מאָל א שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ, שטיל מורמלענ־דיג: „באארבייט דעם חכם, א דאנק". אין צימער איז אלעס פארשטילט געוואָרען; ס׳האָט זיך געהערט דאָס אונטערטראָס־קען פון די וועקסענע ליכט, און אמאָל א קלאַפּ פון א האַנט אי־בער׳ן טיש, און א אויסגעשריי אָדער דאָס צעהלען פון די „אויי־גען", — און צוזאמען מיט דער פייכטער קיהלקייט האָט זיך דורך די פענסטער אריינגעגאָסען ווי א ברייטער שטראָם דאָס קרעפּ־טיגע, ביז חוצפה קלינגענדיגע, ליעד פון דעם נאכטיגאַל.

34.

ליזא האָט קיין וואָרט ניט ארויסגערעדט בעת'ן ויכוח צוויי־שען לאווערעצקי'ן און פאנשינ'ען נאָר אויפמערקזאם איהם נאָכ־געפאָלגט און איז איננאנצען געווען אויף לאווערעצקי'ס זייט. פאָליטיק האָט איהר זעהר ווינציג אינטערעסירט; נאָר דער זעלבסט־צוטרויאונגס־טאָן פון דעם וועלטליכען טשינאָווניק (ער האָט זיך נאָך קיינמאָל אזוי ניט ארויסגעזאָגט) האָט איהר אָפּגע־שטויסען; זיין פאראכטונג צו רוסלאנד האָט איהר באַליידיגט. ליזא'ן איז אפילו אין קאָפּ ניט אריין, אז זי איז א פאטריאָטקע; נאָר מיט רוסישע מענשען איז איהר עפּעס געווען גוט אויף דער נשמה; זי פלעגט, אָהן צערעמאָניעס, שטונדען לאנג שמועסען מיט'ן סטאראָסטא פון איהר מוטער'ס גוט, ווען ער פלעגט קומען אין שטאָדט אריין, און טאקע שמועסען מיט איהם ווי מיט איהרס א גלייכען, אָהן קיין שום נאָכזיכטיגקייט. לאווערעצקי האָט דאָס אלעס געפיהלט: ער וואָלט זיך גאָר ניט געשטעלט אָפּענטפערען פאנשינ'ען אליין; ער האָט נאָר גערעדט צוליעב ליזא'ן. איינער דעם צווייטען האָבען זיי גאָר ניט געזאָגט, אפילו זייערע אויגען האָבען זיך זעלטען באגעגענט; נאָר ביידע האָבען זיי פארשטאַ־נען, אז זיי זיינען זיך ענג צוזאַמענגעקומען אין דעם אָוונט, פארשטאנען, אז זיי האָבען אי ליעב אי ניט־ליעב איינס און דאָס זעלבע. נאָר אין איין זאך זיינען זיי זיך צוגאנגען; נאָר ליזא האָט נעהיים געהאָפט צופיהרען איהם צו גאָט. זיי זיינען געזעסען נעבען מארפא טימאָפעיעווגא און, ס'האָט זיך גערוכט, זיי האָ־בען נאָכגעפאָלגט איהר שפיעל; און זיי האָבען אין דער ווירק־ליכקייט נאָך איהר טאקע נאָכגעפאלגט —— און דערווייל האָט דאָס הארץ ביי יעדען פון זיי געוואקסען אין ברוסט, און קיין זאך איז פאר זיי ניט פארלאָרען געגאנגען: פאר זיי האָט געזונגען דער נאכטיגאל, און די שטערען האָבען געברענט, און די בוימער האָבען שטיל זיך געשושקעט, פארוויגטע אי פונ'ם שלאָף, אי פון דער ווייכקייט פונ'ם זומער, אי פון דער ווארעמקייט. לאווערעצקי האָט זיך איננאנצען איבערגעגעבען דער כוואליע, וואָס האָט איהם ארומגעכאפּט — און האָט זיך געפרעהט; נאָר קיין וואָרט קען

ניט אויסדריקען, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין דער ריינער נשמה פונ'ם מיידעל: דאָס איז געווען א סוד פאר איהר אליין; זאָל־זשע דאָס בלייבען אַ סוד פאַר אלעמען. קיינער ווייסט ניט, קיינער האָט ניט געזעהן און וועט קיינמאָל ניט דערזעהן, ווי אזוי עס גיסט זיך אָן און צייטיגט זיך אינ'ם שויס פון דער ערד א קערענדעל, וואָס ווערט גערופען צו לעבען און בליהונג.

דער זייגער האָט אויסגעשלאָגען צעהן. מארפא טימאָפעיעוונא איז אוועק צו זיך אויבען מיט נאסטאסיא קארפאָוונא'ן; לאווורעצקי און ליזא זיינען זיך דורכגעגאנגען איבער'ן צימער, זיך אָפּגעשטעלט פאר דער אָפענער טיר פונ'ם סאָד, האָבען א קוק געטאָן אין דער פינסטערער ווייטקייט, נאָכדעם איינער אויפ'ן צווייטען — און זיך צושמייכעלט; אָט אזוי, דאכט זיך, וואָלטען זיי זיך אָנגענומען ביי די הענט און זיך אָנגערעדט צו זאָט. זיי האָבען זיך אומגעקערט צו מאַריא דמיטריעוונא'ן און פאנשינען, ביי וועלכע דער קאָרטען־שפּיעל האָט זיך פארצויגען. דער לעצטער „קעניג” האָט זיך ענדליך געענדיגט, און דיווירטין איז אויפגעשטאנען זיפצענדיג און אָכצענדיג, פון דעם, מיט קישעלאך באלעגטען שטוהל; פאנשין האָט גענומען דעם הוט, א קוש געטאָן ביי מאריא דמיטריעוונא'ן די האנט, באמערקט, אז אנדערע מוצלחים וועט קיין זאך ניט שטערען צו שלאָפען און הנאה האָבען פון דער נאכט, נאָר ער וועט מוזען איבערזיצען ביז אינדערפריה איבער נארישע פאפּירען, קאלט זיך פארנייגט פאר ליזא'ן (ער האָט ניט ערוואַרטעט, אז אלס ענטפער אויף זיין פאָרשלאָג זאָל זי בעטען צוואווארטען, — און דערפאר האָט ער זיך אויף איהר געבלאָזען) — און איז אוועק. לאווורעצקי איז באלד נאָך איהם אוועקגעגאנגען. ביים טויער האָבען זיי זיך צושיידט; פאנשין האָט אויפגעוועקט זיין קוטשער, א שטויס טוענדיג איהם מיט'ן שפּיץ שטעקעל אין האלדז, זיך אריינגעזעצט אין עקיפאַזש און אוועקגעפאָהרען. לאווורעצקי'ן האָט זיך ניט געוואָלט געהן א היים: ער איז ארויס פון שטאָדט אין פעלד. די נאכט איז געווען שטיל און ליכטיג. הגם קיין לבנה איז ניט געווען; לאווורעצקי האָט לאנג געוואנדערט איבער דעם באטוי'טען גראָז; ער איז ארויף אויף עפּעס א שמאָל סטעזשקעלע; ער איז דערמיט

אוועק. דאָס האָט איהם צוגעפיהרט צו אַ לאַנגען פּלויט, צו אַ טויער; ער האָט אַ פּרואוו געטאָן, אַליין ניט וויסענדיג פאַר־וואָס, איהם אַ שטויס טאָן: ער האָט שוואך אַ סקריפּע געטאָן און זיך אויפגעעפענט, אַקוראַט ווי ער וואָלט געוואַרט אויפ׳ן דיהר פון זיין האַנט. לאַוורעצקי טוט אַ קוק: ער איז אין אַ סאָד; מאַכט ער עטליכע טריט איבער אַ לינדען־בוים אַלעע און פּלוצלונג שטעלט ער זיך אָפּ אין פאַרוואונדערונג: ער דערקענט דעם סאָד פון די קאַליטינס.

ער איז גלייך אַריין אינ׳ם שוואַרצען פלעק פון דעם שאָטען, וואָס איז געפאַלען פון אַ געדיכטען ניסען־קוסט, און לאַנג געשטאַ־נען אומבאַוועגליך, זיך געחדוש׳ט און געקנייטשט מיט די פּלייצעס.

„דאָס איז ניט אומזיסט״, האָט ער אַ קלער געטאָן.

אַלעס ארום איז געווען שטיל; פון דער זייט פון הויז האָט זיך ניט דערטראָגען קיין שום קלאַנג. ער איז פאָרזיכטיג אַ־יעק־נעגאַנגען פאָראויס. ביים בויג פון דער אַלעע, האָט דאָס גאַנצע הויז פּלוצלונג אויף איהם אַ קוק געטאָן מיט זיין פינסטערען פּנים; נאָר אין צוויי פענסטער אויבען האָט שוואך געשיינט אַ ליכט: ביי ליזאַ׳ן האָט געברענט אַ ליכטעל הינטער דעם ווייסען פאָרהאַנג, און ביי מאַרפאַ טימאָפעיעוונאַ אין שלאָף צימער האָט פאַר׳ן הייליגען בילד מיט אַ רויט פייערעל געברענט אַ לעמפּעלע און זיך אָפּגעשפּיגעלט אויפ׳ן גאָלד ארום דער ראַם; אונטען אויפ׳ן באַלקאָן האָט ברייט געגענעצט די טיר, איינגאַנצען אַ צו־עפענטע. לאַוורעצקי האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דעם הילצער־נעם בענקעל, זיך אונטערגעשפּאַרט מיט דער האַנט און זיך גענו־מען קוקען אויף אָט דער טיר און אויף ליזאַ׳ס פענסטער. אין שטאָדט האָט דער זייגער אויסגעקלאַפּט צוועלף; אין הויז האָט אַ קליינינקער זייגער דין אויסגעקלונגען צוועלף; דער וועכטער האָט דריבנע אַ קלאַפּ געטאָן איבער אַ ברעט. לאַוורעצקי האָט גאָר ניט געקלערט, אויף גאָר ניט געוואַרט; ס׳איז איהם אַנגע־נעהם געווען זיך צו פיהלען נאָהענט פון ליזאַ׳ן, זיצען אין איהר סאָד אויף אַ בענקעל, וואו זי איז אויך געזעסען ניט איינמאָל...

דאָס ליכט איז פאַרשוואונדען אין ליזאַ׳ס צימער.

„אַ גוטע נאַכט, מיין ליעב מיידעל״, האָט לאַוורעצקי אַרויס־

געמורמעלט און איז ווייטער געזעסען אומבאוועגליך, ניט אראפּ־נעמענדיג די אויגען פון דעם פענסטער, וואָס איז נאָר־וואָס פינ־סטער געוואָרען.

פלוצלונג האָט זיך באוויזען א שיין אין איינעם פון די פענ־סטער פון דעם אונטערשטען עטאזש, איבערגעגאנגען אין א צוויי־טען, אין א דריטען... עמיצער איז מיט א ליכט געגאנגען איבער די צימערען. „זאָל דאָס זיין ליזא? ס'קען ניט זיין?..." לאווערעצקי האָט זיך אונטערגעהויבען... עס האָט א פינקעל געטאָן א באקאנט געזיכט, און ליזא האָט זיך באוויזען אין גאסט־צימער. אין א ווייס קלייד, מיט ניט־צופלאָכטענע צעפּ איבער די פּליי־צעס, איז זי שטילינקערהייד צוגעגאנגען צום טיש, זיך איינגעבוי־גען איבער איהם, אוועקגעשטעלט די ליכט און עפּעס א זוך גע־טאָן; נאָכדעם האָט זי זיך אויסגעקערעוועט מיט'ן פּנים צום סאָד, צוגעקומען נעהענטער צו דער אָפענער טיר, און אינגאנצען א ווייסע, א גרינגע, א שלאנקע זיך אפּגעשטעלט אויף דער שוועל. א ציטער איז דורכגעלאָפען איבער לאווערעצקי'ס אברים. —

ליזא! — האָט זיך אָפּגעריסען קוים הערבאר פון זיינע ליפּען.

זי האָט א ציטער געטאָן און אָנגעפאנגען זיך איינקוקען אין דער פינסטערניש.

— ליזא! — האָט ער איבערגעחזר'ט העכער און איז ארויס־געגאנגען פונ'ם שאָטען פון דער אלעע.

ליזא האָט מיט שרעק אויסגעצויגען דעם קאָפּ און זיך א וואקעל געטאָן צוריק; זי האָט איהם דערקענט. ער האָט זי אָנ־גערופען צום דריטען מאָל און אויסגעצויגען צו איהר די הענט. זי האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער טיר און איז אריין אין סאָד.

— איהר? — האָט זי א זאג געטאָן. — איהר זענט דאָ?

— איך... איך... הערט מיך אויס, — האָט לאווערעצקי ארויסגעמורמעלט און האָט זי, אָנכאפּענדיג איהר ביי דער האנט, אוועקגעפיהרט צום בענקעל.

זי איז געגאנגען נאָך איהם אָהן ווידערשטאנד; איהר בלאס געזיכט, איהרע אומבאוועגליכע אויגען, אלע איהרע באוועגונגען האָבען דערצעהלט פון אומאויסדרוקבארער פארוואונדערונג.

לאווּרעצקי האָט זי אַוועקגעזעצט אויפ'ן בענקעל און אליין זיך אַוועקגעשטעלט פאר איהר.

— איך האָב ניט געקלערט אַהערצו קומען, — האָט ער אָנ־געפאנגען: — מיך האָט געבראכט... איך... איך... איך האָב אייך ליעב, — האָט ער ארויסגערעדט מיט אן איינגעהאלטענעם שרעק.

ליזא האָט פּאמעלעך אויף איהם א קוק געטאָן; עס האָט זיך אויסגעדוכט, אז ערשט אין דער רגע האָט זי באגריפען, וואו זי איז און וואָס מיט איהר טוט זיך. זי האָט זיך געוואָלט אויפ־הויבען, ניט געקענט און פארדעקט דאָס פּנים מיט די הענט.

— ליזא, — האָט לאווּרעצקי ארויסגעזאָגט: — ליזא, האָט ער איבערגע'חזר'ט און זיך אראפּגעלאָזט צו איהרע פיס...

איהרע אקסלען האָבען לייכט אויפגעציטערט, די פינגער פון די בלאסע הענט האָבען זיך פעסטער צוגעדריקט צום פּנים.

— וואָס איז מיט אייך? — האָט לאווּרעצקי א זאָג געטאָן און דערהערט א שטיל כליפּען. דאָס הארץ איז איהם פארקיהלט געוואָרען... ער האָט פארשטאנען, וואָס די טרערען באדייטען. — טאקע איהר האָט מיך ליעב? — האָט ער ארויסגעמורמעלט און זיך צוגעטוליעט צו איהרע קניע.

— שטעהט אויף, — האָט זיך דערהערט איהר שטימע: שטעהט אויף, פעדאָר איוואניטש. וואָס טוען מיר דאָס מיט אייך?

ער איז אויפגעשטאנען און זיך אַוועקגעזעצט נעבען איהר אויפ'ן בענקעל. זי האָט שוין ניט געוויינט און אויפמערקזאם געקוקט אויף איהם מיט איהרע פייכטע אויגען.

— איך האָב מורא: וואָס טוען מיר דאָס? — האָט זי ווידערהאָלט.

— איך האָב אייך ליעב, — האָט ער ווידער א זאָג געטאָן:
— איך בין גרייט אייך אַוועקגעבען מיין גאַנץ לעבען.

זי האָט ווידער א ציטער געטאָן, אקוראט ווי ס'וואָלט איהר עפּעס א ביס געטאָן, און האָט אויפגעהויבען די בליקען צום הימעל.

— דאָס איז אלץ אין גאָט'ס האנט, — האָט זי א זאָג געטאָן.

— נאָר איהר האָט מיך ליעב? מיר וועלען זיין גליקליך?
זי האָט אראָפּגעלאָזט די אויגען; ער האָט זי שטיל צוגע־צויגען צו זיך, און איהר קאָפּ איז געפאַלען אויף זיין אקסעל... ער האָט עטוואָס אָפּגענייגט זיין קאָפּ און האָט זיך צוגעריהרט צו איהרע בלאַסע ליפּען.

אין א האַלבע שעה ארום איז שוין לאַוורעצקי געשטאַנען פאַר'ן טויער פון'ם סאַד. ער האָט איהם געטראָפען צוגעשלאָסען און איז געווען געצוואונגען אריבערצושפּרינגען איבער'ן פּלויט. ער האָט זיך אומגעקערט אין שטאָדט און איז אוועק איבער די איינגעשלאָפענע גאַסען. א געפיהל פון אומערוואַרטעטער, גרויסער פרייד האָט אָנגעפילט זיין נשמה; אלע ספקות אין איהם זיינען אָפּגעשטאָרבען. „וועק פארשוואונדען, פארגאנגענהייט, פינסטערער חלום, — האָט ער געטראַכט: — זי האָט מיך ליעב, זי וועט זיין מיינע". פּלוצלונג האָט זיך איהם געדאַכט, אז אין דער לופט, איבער זיין קאָפּ, האָבען זיך צוגאָסען עפּעס וואונדערבארע, פייערליכע קלאַנגען; ער האָט זיך אָפּגעשטעלט: די קלאַנגען האָבען זיך צודונערט נאָך פּרעכטיגער; אין א זינגענדען קרעפטיגען שטראָם האָבען זיי זיך צוגאָסען, — און אין זיי האָט דאַכט זיך, געגרעדט און געזונגען זיין גאַנץ גליק. ער האָט זיך אומגעקוקט: די קלאַנגען האָבען זיך געטראָגען פון צוויי אויבערשטע פענסטער אין א קליין הויז.

— לעמם! — האָט לאַוורעצקי אויסגעשריהען און איז אוועקגעלאָפען צום הויז. — לעמם! לעמם! — האָט ער איבערגעחזר'ט הויך.

די קלאַנגען זיינען אָפּגעשטאָרבען, און די פיגור פון דעם אלטען אין א שלאָפראָק, מיט א צועפענטער ברוסט און צופאַטעלטע האָר, האָט זיך באַוויזען אין פענסטער.

— אהא! האָט ער ארויסגערעדט מיט ווירדע: — דאָס זענט איהר?

— כריסטאָפאר פעדאָראָוויטש, וואָס איז דאָס פאר אן אויסטערלישע מוזיק! אום גאָטעס ווילען, לאָזט מיך אריין.

דער אַלטער האָט קיין וואָרט ניט גערעדט, מיט א מאַיעס־

מעטישער באַוועגונג פון דער האַנט האָט ער דורכ'ן פענסטער אַרויסגעוואָרפען א שליסעל פון דער טיר אין גאַס. לאַווערעצקי איז פלינק אַרויפגעלאָפען אויבען, אַריינגעגאַנגען אין צימער און געוואָלט זיך א לאָז טאָן צו לעממ'ען; נאָר יענער האָט איהם באַפעהלענד אָנגעצייגט אויף א שטוהל, אָפגעריסען געזאָגט: „זעצט אייך און הערט"; אליין זיך געזעצט ביי דער פיאַנאָ, גאווה'דיג און שטרענג א קוק געטאָן אַרום־און־אַרום און אָנגעפאַנ־גען צו שפּיעלען. לאַווערעצקי האָט שוין לאַנג ניט געהערט אַזא שפּיעלען; א זיסע, העפטיגע מעלאָדיע האָט פונ'ם ערשטען קלאַנג אַרומגעכאַפּט דאָס האַרץ; זי האָט איינגאַנצען געלויכטען, איינ־גאַנצען אויסגעגאַנגען פון באַגייסטערונג, גליק, שעהנקייט; זי איז געוואַקסען און צעגאַנגען; זי האָט באַריהרט אַלעס, וואָס ס'איז טייער, געהיים, הייליג אויף דער וועלט; זי האָט געאַ־טעמט מיט אומשטערבליכען טרויער און איז אַוועקגעגאַנגען שטאַרבען אין די הימלען. לאַווערעצקי האָט זיך אויסגעגלייכט און געשטאַנען, א פאַרקיהלטער און בלאַסער פון ענטציקונג. אָט די קלאַנגען האָבען זיך פּשוט איינגעגעסען אין זיין נשמה, וואָס איז נאָר־וואָס אויפגעטרייסעלט געוואָרען פון דעם גליק פון ליעבע; זיי אליין האָבען געפלאַמט מיט ליעבע. „וויעדערהאָלט", האָט ער אַרויסגעמורמעלט, ווי נאָר ס'האָט זיך דערהערט דער לעצטער אַקאָרד. דער אַלטער האָט אויף איהם געוואָרפען אַן אדלער־בליק, זיך א פּאָר מאָל א קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט איבער דער ברוסט און, א זאָג טוענדיג, ניט איילענדיג, אויף זיין אייגענער מוטער־שפּראַך: „דאָס האָב איך געמאַכט, דען איך בין א גרויסער מוזיקער", האָט ער איבער־א־ניים אויפגעשפּילט זיין וואונדער־באַרע קאָמפּאָזיציע. אין צימער זיינען ניט געווען קיין ליכט; די שיין פון דער אויפגעהענדער לבנה איז משופּה געפאַלען אין די פענסטער; קלינגענד האָט געציטערט די דורכדרינגענדע לופט; דאָס קליין, בלאַס צימערל האָט אויסגעקוקט ווי עפּעס א מקום־קדוש, און הויך, און באַגייסטערט האָט זיך געהויבען אין דער זילבער־קאָלירטער האַלב־פינסטערניש דער קאָפּ פון דעם אַלטען. לאַווערעצקי איז צוגעגאַנגען צו איהם און האָט איהם אַרומגענו־מען. צוערשט האָט לעמם ניט געענטפערט אויף זיין אומאַרמונג,

האָט איהם אפילו אָפּגעשפּאַרט מיט'ן עלענבויגען; לאַנג, ניט ריהרענדיג זיך מיט קיין איין אבר, האָט ער געקוקט אַזוי שטרענג, כמעט גראָב, און נאָר אַ מאָל צוויי אַ רעווע געטאָן: אהא! ענדליך האָט זיך זיין פאַרענדערט פנים בארוהיגט, מילדער געוואָרען און ער האָט, אלס ענטפער אויף לאַוורעצקי'ס הייסע גליקווינשע, צוערשט אביסעל אַ שמייכעל געטאָן, נאָכדעם זיך צווויינט, שוואַך כליפּענדיג, ווי אַ קינד.

— דאָס איז וואונדערבאר, — האָט ער געזאָגט: — וואָס איהר זענט גראַד איצט געקומען; נאָר איך ווייס, אַלץ ווייס איך

— איהר ווייסט אַלעס? — האָט לאַוורעצקי ארויסגערעדט מיט פאַרווירונג.

— איהר האָט מיך געהערט, — האָט לעמם געענטפערט: — האָט איהר דען ניט פאַרשטאַנען, אז איך ווייס אלעס?

לאַוורעצקי האָט ביז אינדערפריה ניט געקענט איינשלאָפען; ער איז די גאַנצע נאַכט אַזוי געזעסען אויפ'ן בעט. ליזא איז אויך ניט געשלאָפען: זי האָט מתפלל געווען.

35.

דער לעזער ווייסט, ווי לאַוורעצקי איז אויסגעוואַקסען און זיך ענטוויקעלט; לאָמיר זאָגען עטליכע ווערטער וועגען ליזא'ס ערציהונג. דער צעהנטער יאָהר האָט זיך איהר געענדיגט, ווען איהר פאָטער איז געשטאָרבען; נאָר ער האָט זיך ווינציג צו איהר אָפּגעגעבען. אַ פאַרוואָגעלטער מיט געשעפטען, שטענדיג אַ באַזאָרגטער מיט'ן צוּוואוקס פון זיין פאַרמעגען, אַ כעסן, אַ פאַרביטערטער, אַן אומגעדולדיגער, האָט ער ניט קאַרגענדיג געגעבען געלט אויף לעהרערס, ערציהערס, קליידער און אַנדערע באַדערפנישען פון די קינדער; נאָר ער האָט ניט געקענט ליידען, ווי ער אַליין פלעגט זיך אויסדריקען, צו „האָצקען זיך מיט די קוויטשעראַך", — און ער האָט טאַקע קיין צייט ניט געהאַט מיט זיי זיך צו האָצקען: ער האָט געאַרבייט, געווען פאַרטאָן אין געשעפטען, ווינציג געשלאָפען, אַמאָל, אַמאָל געשפּיעלט אין קאָרטען, ווידער געאַרבייט; ער פלעגט זיך אַליין פאַרגלייכען צו אַ פערד, איינ־

געשפּאַנט אין אַ דרעש־מאַשין. „שנעל איז דאָס לעבען מיינס איבערגעשפּרונגען”, האָט ער אַ זאָג געטאָן אויפ׳ן טויטען בעט, מיט אַ ביטערען שמייכעל אויף די אויסגעטריקענטע ליפּען. מאַריא דמיטריעוונא האָט אין תוך אַריין ניט פיעל מעהר זיך אָפּגעגעבען צו ליזאַ׳ן, הגם זי האָט זיך באַריהמט פאַר לאַווּרעצקי׳ן, אַז אַליין האָט זי ערצויגען איהרע קינדער: זי פּלעגט זי קליידען ווי אַ ליאַלקע, פאַר געסט פּלעגט זי איהר גלעטען איבער׳ן קעפּעל און אין די אויגען זי גערופען חכמה׳לע און נשמה׳לע — און טאַקע מעהר ניט: די פוילע פריצה פּלעגט מיעד ווערען פון יעדער שטאַרקער זאָרג. ביים פאָטער׳ס לעבען, איז ליזאַ געווען אונטער דער אויפזיכט פון אַ גואוורנאַנטין, פריילין מאָראָ פון פּאַריז; און נאָך זיין טויט איז זי אַריין אינ׳ם רשות פון מאַרפאַ טימאָפעיעוונא. מאַרפאַ טימאָפעיעוונא׳ן קען דער לעזער; און פריילין מאָראָ איז געווען אַ קליין, איינגעקנייטשט באַשעפעניש מיט פייגעלשע שטיק און אַ פויגעלשען שכל. אין דער יוגענד האָט זי געפיהרט זעהר אַ צושטרויט לעבען און אויף דער עלטער זיינען ביי איהר פאַרבליבען נאָר צוויי תאוות — צו נאַשערייען און צו קאָרטען. ווען זי איז געווען זאַט, ניט געשפּיעלט אין קיין קאָרטען און ניט געפּלוידערט, — האָט איהר פּנים גלייך אָנגענומען כמעט אַ טויט־בלאַס׳ן אויסדרוק: זי זיצט אַזוי, קוקט, אָטעמט — און מען זעהט פשוט, אַז קיין איין געדאַנק לויפט ניט דורך אין קאָפּ. מען האָט זי אַפילו ניט געקענט רופען קיין גוטע: פויגעל זיינען דאָך ניט גוט. צי איבער דער לייכטזיניג־פאַרבראַכטער יוגענד, צי פון דער פּאַריזער לופט, מיט וועלכער זי האָט זיך אָנגעאָטעמט נאָך פון קינדהייט, — נאָר אין איהר האָט זיך איינגעפונדעוועט עפּעס ווי אַ מין אַלגעמיינער קליינליכער סקעפּטיציזם, וואָס האָט זיך שטענדיג אויסגעדריקט אין די ווערטער: ‘tout ca c’est des belises’ זי האָט גערעדט אַ פאַרגרייזטען, נאָר ריין־פּאַריזער זשאַרגאָן, ניט געפיהרט קיין רכילות, ניט אַרויסגעצייגט קיין קאַפּריזען, — וואָס־זשע מעהר דאַרף מען וועלען פון אַ גואוורנאַנטין? אויף ליזאַ׳ן האָט זי געהאַט אַ קליינע ווירקונג; דערפאַר איז אַלץ שטאַרקער געוואָרען אויף איהר די ווירקונג פון איהר אַם, אַגאַפיאַ וולאַסיעוונא.

דער שיקזאל פון אַט דער פרוי איז געווען אַ מערקווירדיגער. זי האָט געשטאַמט פון אַ פּויערשע פאַמיליע; צו זעכצעהן יאָהר האָט מען זי חתונה געמאַכט מיט אַ פּויער; נאָר זי האָט זיך זעהר שאַרף אונטערשיידעט פון איהרע שוועסטער פּויערטעס. איהר פאָטער איז אַ צוואַנציג יאָהר געווען סטאַראָסטאַ, ערוואָרבען אַ סך געלט און איהר אַלעס נאָכגעגעבען. אַ שעהנהייט איז זי געווען אַן אויסערגעוועהנליכע, דאָס פראַנטישסטע מיידעל אין דער גאַנצער נאַכבאַרשאַפט, אַ קלוגע, אַ באַריידעוודיגע, אַ מוטיגע. איהר פּריץ, דמיטרי פעסטאָוו, מאַריא דמיטריעוונאַ'ס פאָטער, אַ באַשיידענער און שטילער מענש, האָט זי איינמאָל דערזעהן ביים דרעשען, אַ רעד געטאָן מיט איהר און זיך ליידענשאַפטליך אין איהר פאַרליעבט. זי איז געבליבען אַן אַלמנה; פעסטאָוו, הגם ער איז געווען אַ פאַרהייראַטער מענש, האָט זי גענומען צו זיך אין הויז, האָט זי געקליידט ווי אַ פּריצה. אַגאַפיאַ האָט זיך באַלד צוגעוועהנט צו איהר נייער לאַגע, אַקוראַט ווי זי וואָלט איהר גאַנץ לעבען אַנדערש ניט געלעבט. זי איז ווייסער געוואָרען, פולער געוואָרען; איהרע הענט אונטער די באַטיסטענע אַרבעל זיינען געווען ווי „זעמעלאַך“, ווי ביי אַ סוחר'ס ווייב; דער סאַמאָוואַר איז ניט אַראָפּ פון'ם טיש; אַ חוץ זייד און סאַמעט, האָט זי גאָרניט געוואָלט טראָגען, געשלאָפען איז זי אויף פּוך־קישעלאַך. אַ יאָהר פינף האָט זיך געצויגען אָט דאָס גליקליכע לעבען, נאָר דמיטרי פעסטאָוו איז געשטאָרבען; זיין אַלמנה, אַ גוטע פּריצה, רחמנות האָבענדיג אויפ'ן אָנדענקען פון'ם פאַרשטאָרבענעם מאַן האָט ניט געוואָלט זיך באַגעהן מיט איהר קאָנקורענטקע אומאָרענטליך, נאָך מעהרער דערפאַר, וואָס אַגאַפיאַ האָט זיך פאַר איהר קיינמאָל ניט פאַרגעסען; פונדעסטוועגען האָט זי איהר חתונה געמאַכט מיט'ן פיה־אויפזעהער און אַוועקגעשיקט זי פון די אויגען. עס זיינען אַוועק אַ דריי יאָהר. עפּעס איינמאָל אין אַ הייסען זומער טאָג איז די פּריצה פאַרפאָהרען צו זיך אויפ'ן פיה־הויף. אַגאַפיאַ האָט זי מכבד געווען מיט אַזאַ וואוילען קאַלטען איינגעמאַכטס, זיך אַזוי באַשיידען געהאַלטען, און אַליין געווען אַזאַ ריינע, פרעהליכע, מיט אַלעס צופריעדענע, אַז די פּריצה האָט איהר געגעבען אַ מחילה און איהר ערלויבט צו געהן אין הויז; און אין אַ פינף־זעקס חדשים

פרום האָט זי זיך צו איהר אזוי צוגעבונדען, אז זי האָט זי געמאכט פאר דער הויז־פארוואלטערין און איהר איבערגעגעבען די גאנצע באלעבאָטישקייט. אגאפיא איז ווידער אריין אין קראפט, ווידער פארגומטיגט און ווייס געוואָרען; די פריצה האָט זיך איינגאנצען אין איהר איינגעגלויבט. אזוי איז אוועק נאָך א יאָהר פינף. און אומגליק האָט זיך צום צווייטען מאָל א לאָז געטאָן אויף איהר. איהר מאן, וועמען זי האָט געמאכט פאר א לאקיי, האָט אָנגעהויבען טרינקען, פלעגט פארפאלען ווערען פון'ם הויז און האָט געענ־דיגט דערמיט, וואָס ער האָט אוועקגע'גנב'עט זעקס פריצישע זיל־בערנע לעפעל און האָט זיי באהאלטען — אויף לפי שעה — אין דעם פרוי'ס קאסטען. דאָס איז ענטדעקט געוואָרען. איהם האָט מען ווידער אומגעקערט צו די פיה, און אויף אגאפיא'ן האָט מען ארויפגעוואָרפען א חרם; פון'ם הויז האָט מען זי ניט ארויסגעטריי־בען, נאָר מען האָט איהר ארונטערגעזעצט פון הויז־פארוואלמעריי און זי געמאכט פאר א נייטערין און באפעהלען איהר אָנשטאָט א טשיפיק טראָגען אויפ'ן קאָפּ א טיכעל. צו אלעמעס באוואונדע־רונג, האָט אגאפיא מיט אן הכנעה'דיגער מילדקייט צוגענומען אָט דעם קלאָפּ, וואָס האָט איהר אויפגעטרייסעלט. זי איז שוין דע־מאָלט אלט געוועזען אריבער דרייסיג יאָהר, די קינדער זיינען ביי איהר אלע אויסגעשטאָרבען, און דער מאן האָט ניט לאנג געלעבט. עס איז שוין צייט געוועזען פאר איהר צו קומען צו זיך: זי איז צו זיך געקומען. זי איז געווארען זעהר שווייגענדיג און פרום, ניט דורכגעלאָזט קיין איין מאָרגען־תפלה אין קלויסטער אָדער מעסע, אוועקגעשענקט אלע איהרע גוטע מלבושים. פופצעהן יאָהר האָט זי פארבראכט שטיל, געלאסען, געזעצט, מיט קיינעם זיך ניט גע־קריעגט, אלעמען נאָכגעגעבען. האָט איהר ווער אפגעזידעלט, — האָט זי נאָר זיך פארנייגט און באדאנקט פאר דער לעהרע. די פריצה האָט איהר שוין לאנג מוחל געוועזן, און דעם חרם פון איהר אראפגענומען, און פון קאָפּ א טשיפיק איהר געשענקט: נאָר זי האָט אליין ניט געוואָלט אראָפּנעמען איהר טיכעל און איז אלץ געגאנגען אין טונקעלע קליידער; און נאָכ'ן טוידט פון דער פריצה איז זי געווארען נאָך שטילער און נידעריגער. א רוסישער מענש האָט מו.'א און בינדט זיך צו לייבט; נאָר זיין אכטונג איז שווער

צו פארדינען: ניט שנעל און ניט אלע קענען זי קריגען. אגאַ־פיא'ן האָבען אלע אין הויז געאַכטעט; קיינער האָט אפילו ניט דערמאָנט איהרע אמאָליגע זינד, אקוראט ווי מען וואָלט זיי צו־זאמען מיט דעם אלטען פריץ אין דער ערד באהאלטען.

ווען קאליטין איז געווארען מאריא דמיטריעוונא'ס מאַן, האָט ער לכתילה אגאַפיא'ן געוואלט איבערגעבען די שטוביגע באלע־באַטישקייט; נאָר זי האָט זיך אָפּגעזאָגט „איבער'ן נסיון”; ער האָט אויף איהר אָנגעשריען: זי האָט זיך טיעף פארנייגט און איז ארויסגעגאנגען. דער קלוגער קאליטין האָט פארשטאַנען מענשען; ער האָט אגאַפיא'ן אויך פארשטאַנען און זי ניט פאר־געסען. אריבערציהענדיג אין שטאָדט, האָט ער מיט איהר הסכמה, זי באַשטימט אלס ערציהערין פאר ליזא'ן, וועלכע האָט נאָר־וואָס אָנגעהויבען געהן אויפ'ן פיפטען יאָהר.

צוערשט האָט ליזא זיך געשראקען פאר'ן ערנסטען און שטרענ־גען פנים פון דער נייער ערציהערין; נאָר זי האָט זיך גיך צו איהר צוגעוועהנט און זי שטארק ליעב געקראָגען. זי איז אליין געווען אַן ערנסט קינד; איהרע שטריכען האָבען דערמאָנט דאָס שארפע רעגעלמעסיגע געשטאַלט פון קאליטינען; נאָר די אויגען זיינען ניט געווען עהנליך צום פאָטערס; אין זיי האָט געלויכטען א שטילע אויפמערקזאמקייט און גוטסקייט, וואָס איז זעלטען צו זעהן ביי קינדער. מיט ליאלקעס האָט זי ניט ליעב געהאַט זיך צו שפּיעלען, געלאַכט האָט זי ניט הויך און ניט לאַנג, געהאלטען זיך מיט ווירדע. פארטראַכטען פלעגט זי זיך ניט אָפּט, נאָר כמעט שטענדיג ניט אומזיסט; אפּשווייגענדיג אביסעל, פלעגט זי שטענדיג ענדיגען דער־מיט, וואָס זי פלעגט זיך ווענדען צו עמעס אַן עלטערן מיט א פראגע, וואס האָט געציייגט, אז איהר קאָפּ אר־בייט איבער א נייעם איינדרוק. זי האָט זעהר שנעל אויפגעהערט צו ריידען קינדעריש און אויפ'ן פערטען יאָהר האָט זי שוין גערעדט גאַנץ קלאָר. פאר'ן פאָטער האָט זי מורא געהאַט; דער געפיהל איהרער צו דער מוטער איז געווען אומבאַשטימט, — זי האָט פאר איהר ניט מורא געהאַט און זיך צו איהר ניט געלאַשטשעט; אגב, צו אגאַפיא'ן פלעגט זי זיך אויך ניט לאַשטשען, כאָטש ליעב גע־האַט האָט זי נאָר איין אגאַפיא'ן. אגאַפיא פלעגט זיך מיט איהר

ניט צושיידען. עס איז מאָדנע געווען צו זעהן זיי אין צווייען. עס טרעפט אמאָל, אגאפיא, איגנאנצען אָנגעטאָן אין שווארצען, מיט א טונקעל טיכעל אויפ'ן קאָפּ, מיט אן אויסגעמאָגערטען, ווי וואקס דורכזיכטיגען, נאָר אלץ נאָך א שעהנעם און אויסדרוק־פולען פּנים, זיצט גלייך און ארבייט א זאק; נעבען איהרע פיס, אויף א קליינינקען ביינקעלע זיצט ליזא און איז אויך פארטאָן אין עפּעס אן ארבייט אדער, ערנסט אויפהויבענדיג די ליכטיגע אויגעלאך, הערט, וואס אגאפיא דערצעהלט איהר, און אגאפיא דערצעהלט איהר ניט קיין מעשיות: מיט א ריטמישער גלייכער שטימע דערצעהלט זי די ביאגראפיע פון דער אל־ריינסטער בתולה, די ביאָגראפיעס פון די נזירים, פון די קדושים, פון די הייליגע מארטירערינס; זי דערצעהלט ליזא'ן, ווי אָט די קדושים האָבען געלעבט אין די מדבריות, ווי זיי האָבען זיך געראטעוועט פון זינד, הונגער געליטען און נויט, — און זיך פאר קיין קסרים ניט גע־שראָקען און געפּרעדיגט קריסטוס'עס לעהרע; ווי די פויגלען פונ'ם הימעל האָבען פאר זיי שפּייז געטראָגען, און די חיות רעות האָ־בען זיי געפאָלגט; ווי אויף יענע פלעצער, וואו זייער בלוט האָט גערונען זיינען בלומען אויסגעוואקסען. — „די וואנד־בלומען?“ האָט איינמאָל א פרעגט געטאָן ליזא, וועלכע האָט זעהר ליעב גע־האט בלומען... אגאפיא פלעגט רעדען מיט ליזא'ן ערנסט און הכנעה'דיג, אקוראט ווי זי אליין וואלט געפיהלט, אז זי איז ניט ווערט ארויסצורעדען אזעלכע הויכע און הייליגע ווערטער. ליזא האָט איהר געהערט — און דאָס בילד פון דעם איבעראל־עקזיס־טירענדען, אלוויסענדען גאָט האָט זיך עפּעס מיט א מין זיסער קראפט ארייגגעדריקט אין איהר נשמה, זי אָנגעפילט מיט א ריינעם יראת הכבוד, און קריסטוס איז איהר געוואָרען אזוי נאָהענט, באַ־קאַנט, כמעט א קרוב: אגאפיא האָט איהר אויך אויסגעלערנט די תפילות. אמאָל פלעגט זי וועקען ליזא'ן פריה פארטאָג, איילענ־דיג זי אָנטאָן און זי אוועקפיהרען שטילינקערהייד צו דער מאָרגען־תפילה: ליזא איז איהר נאָכגעגאנגען אויף די שפּיץ־פינגער, קוים אָטמענדיג; די קעלט און די האלב־ליכטיגקייט פונ'ם מאָרגען, די פרישקייט און די פוסטקייט פון קלויסטער, די מיסטעריעזיטעט אליין פון אָט די אומערווארטעטע הליכות, דאָס פאָרזיכטיגע צו־

ריקגעהן א היים, אין בעטעלע, — אַט דער גאַנצער געמיש פון פאַרבאַטענעם, מאָדנעם, הייליגען, האָט אויפגעטרייסעלט דאָס מיידעלע, אריינגעדרינגען אין דער סאַמע טיעפעניש פון איהר וועזען. אגאַפּיא האָט קיינמאָל קיינעם ניט קריטיקירט און ליזא'ן קיינמאָל ניט געטאַדעלט פאַר שקאַצערייען. ווען זי איז מיט עטוואס געווען אומצופריעדען, האָט זי נאָר געשוויגען; און ליזא האָט אָט דאָס שווייגען פארשטאַנען; מיט דער פלינקער שאַרפ־זיכטיגקייט פון א קינד האָט זי אויך גוט פארשטאַנען, ווען אגאַ־פיא איז געווען אומצופריעדען מיט אַנדערע — מיט מאַריא דמיט־ריעוונא'ן, אדער אפילו מיט קאַליטינען אליין. אריבער דריי יאָהר איז אגאַפּיא ארומגעגאַנגען ארום ליזא'ן; פריילין מאָראָ האָט פארנומען איהר פּלאַץ; נאָר די לייכטזיניגע פראַנ־צויזקע, מיט איהרע טרוקענע מאַנירען און אויסגעשרייען: tout ca c'est des betises— האָט ניט געקענט ארויסשפּאַ־רען פון ליזא'ס הארצען איהר באַליעבטע ערציהערין: די פאַר־זייהטע זאָמען האָבען געלאָזט צו טיעפע וואָרצלען. דערצו נאָך איז אגאַפּיא, הגם זי האָט אויפגעהערט ארומגעהן ארום ליזא'ן, געבליבען אין הויז און האָט זיך אָפט געזעהן מיט איהר וויכאַ־וואַנקע, וועלכע האָט איהר געליעבט ווי פריהער.

אגאַפּיא האָט, פונדעסטוועגען, זיך ניט איינגעלעבט מיט מאַרפאַ טימאָפעיעוונא, בעת יענע האָט אריבערגעצויגען צו די קאַליטינס אין הויז. די שטרענגע ערנסטקייט פון דער געוועזענער „פריצה" איז דער אומגעדולדיגער און עקשנות'דיגער אַלטינקער ניט געפעלען געוואָרען. אגאַפּיא האָט זיך אפּגעבעטען אויף געבעט אין א קלויסטער און זיך שוין ניט צוריקגעקערט. טונקעלע קלאַנגען האָבען זיך אומגעטראָגען, אז זי איז אוועק אין א נזירים־פּלאַץ פון ראַסקאָלניקעס. נאָר דער שפּור, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט אין ליזא'ס נשמה איז ניט פאַרווישט געוואָרען. זי איז ווי פריהער געגאַנגען צו די אבענד־תפילות ווי צו א יום־טוב, געזאָגט די תפילות מיט פארגעניגען, מיט עפּעס א מין איינגעהאַלטענעם און שעמעוו־דיגען דראַנג, אויף וואָס מאַריא דמיטריעוונא האָט זיך ניט ווינ־ציג גע'חדוש'ט, און מאַרפאַ טימאָפעיעוונא אליין, הגם זי האָט אין קיין זאַך ניט געשטערט ליזא'ן האָט פונדעסטוועגען זיך געפלייסט

צו מעסיגען איהר ברען און איהר ניט ערלויבט צו־פיעל זיך צו קניען: דאָס איז ניט קיין פּריצישער גאַנג. געלערענט האָט זיך ליזא גוט, דאָס הייסט מיט התמדה; מיט קיין באַזונדער־גלענ־צענדע פעהיגקייטען, מיט א גרויסען פארשטאַנד האָט גאָט איהר ניט געבענשט; אָהן פּראַציע האָט זיך איהר גאָר ניט איינגעגע־בען. זי האָט גוט געשפּיעלט פּיאַנאָ; נאָר איין לעמם האָט גע־וואוסט, וואָס דאָס האָט איהר געקאָסט. געלייענט האָט זי וויי־ציג; זי האָט ניט געהאַט קיין „אייגענע ווערטער”, נאָר זי האָט זיך געהאַט איהרע געדאַנקען, און איז געגאַנגען מיט איהר וועג. ניט אומזיסט איז זי געווען עהנליך צום פאָטער: ער פלעגט אויך ניט פרעגען ביי קיינעם, וואס צו טאָן. אזוי איז זי געוואקסען — רוהיג, ניט געאיילט, אזוי האָט זי דערגרייכט איהר נייַנצעהנ־יאָהריגען אלטער. זי איז געווען זעהר שעהן, אליין ניט וויסענדיג דערפון. אין יעדער באַוועגונג איהרער האָט זיך אויסגעדריקט א ניט־ווילענדיגער, עטוואס אומגעלומפּערטער חן; איהר שטימע האָט געקלונגען מיט'ן זילבער פון ניט באַריהרטער יוגענד, דער קלענסטער שפּור פון פארגעניגען האָט ארויסגערופען אן אנציהענ־דען שמייכעל אויף איהרע ליפּען, האָט צוגעגעבען א טיעפען גלאַנץ און עפּעס א געהיימע ליעבליכקייט צו איהרע אויפגעלויכטענע אויגען. איננאַנצען דורכגעדרונגען מיט א געפיהל פון חוב, פון שרעק צו באַליידיגען ווען ס'ניט איז, מיט א גוט און איידעל האַרץ, האָט זי ליעב געהאַט אלעמען און קיינעם ניט ספּעציעל; איין גאָט נאָר האָט זי ליעב געהאַט באַגייסטערט, שרעקעדיג, צערטליך. לאַווערעצקי האָט דער ערשטער אויפגעריהרט איהר שטיל אינערליך לעבען.

אזוי איז געווען ליזא.

36.

אויפ'ן צווייטען טאָג, ארום צוועלף א זייגער, איז לאַווערעצקי אוועק צו די קאַליטינס. אויפ'ן וועג האָט ער באגעגענט פּאַנ־שינען, וועלכער האָט פארביינגעטאַנצט רייטענדיג, מיט אן אראָפּ־געררוקטען הוט ביז די ברעמען. ביי די קאַליטינס האָט מען לאַוו־רעצקין ניט אויפגענומען — צום ערשטען מאָל זינט ער האָט זיך

מיט זיי באקענט. מאריא דמיטריעווונא האָט „גערוהט״, — אזוי האָט דער לאַקיי דערלייגט; ביי „זיי״ האָט דער קאָפּ וועה געטאָן. מארפא טימאָפעיעוונא און ליזאוועטא מיכאילאוונא זיינען ניט געוועזן אין דער היים. לאַווּרעצקי איז אביסעל ארומגעגאנגען נעבען סאַד, מיט א טונקעלער האָפענונג זיך צו באגעגענען מיט ליזא׳ן, נאָר ער האָט קיינעם ניט געזעהן. ער איז צוריקגעקומען אין צוויי שעה ארום און האָט באקומען דעם זעלבינגען ענטפער, דער לאַקיי האָט דערביי אויף איהם קרום א קוק געטאָן. לאַווּרעצקי האָט געקלערט, אז ס׳איז ניט פאסענד ער זאל דעם זעלבינגען טאָג קומען געוואהר ווערען א דריטען מאָל — און ער האָט באַשטימט אראפּפאָהרען קיין וואסיליעווסקאיע, וואו ער האָט א חוץ דעם באדארפט עטוואס באזאָרגען. אויפ׳ן וועג האָט ער געמאכט פארשיעדענע פלענער, איינער פרעכטיגער פונ׳ם צווייטען; נאָר אינ׳ם דערפעלע פון זיין מוהמע איז איהם באפאלען א טרויער; ער איז אריין אין א געשפרעך מיט אנטאָנען; ביים אלטען, עפּעס אזוי ווי אויף צו להבעים, זיינען געווען ניט קיין פרעהליכע געדאנקען אין קאָפּ. ער האָט דערצעהלט לאַווּרעצקי׳ן, ווי גלאפירא פּעטראָוונא האָט פאר׳ן טוידט זיך א ביס געטאָן אין האנט — און אפּשווייגענדיג אביסעל, האָט ער מיט א זיפץ א זאג געטאָן: „יעדער מענש, פּריצ׳ל־טאטע, ווערט איבערגעגעבען זיך אליין צום אויפעסען״. עס איז שוין געווען שפּעט, בעת לאַווּרעצקי האָט זיך א לאָז געטאָן צוריק אין שטאָדט. די נעכטיגע קלאַנגען האָבען איהם ארומגעכאפּט, ליזא׳ס געשטאַלט האָט אויפגעלעבט אין זיין נשמה אין איהר גאנצער איידעלער קלאָרקייט; ס׳איז איהר װאַרעמער געוואָרען אויף דער נשמה ביים געדאנק, אז זי האָט איהם ליעב, — און ער איז צוגעפאָהרען צו זיין שטאָדטינגען שטיבעלע א בארוהיגטער און א גליקליכער.

דאָס ערשטע, וואס האָט איהם א קלאַפּ געטאָן ביים אריינגאנג אין פארצימער, איז געווען דער גערוך פון פּאטשולי־פּארפיום, וואס ער האָט זעהר פיינט געהאט; דאָ טאקע זיינען געשטאנען עפּעס הויכע קאסטענס און קופערטען. דער פּנים פון דעם קאַמערדינער, וואס איז איהם ארויסגעשפּרונגען אנטקעגען איז איהם עפּעס אויסגעקומען מאָדנע. ניט אפּגעבענדיג זיך קיין חשבון אין

זיינע איינדריקע, האָט ער אריבערגעשפּאנט די שוועל... פון דער סאפא האָט זיך איהם אנטקעגנען אויפגעהויבען א דאמע אין א שווארץ זיידען קלייד מיט פעדער־באָלען און, צוטראגענדיג א באַ־טיסטען טיכעלע צום בלאסען פּנים, האָט זי געמאכט עטליכע שריט, פארנייגט דעם זאָרגפעלטיג פארקאמטען און פארפיומירטען קאָפּ — און געפאלען צו זיינע פיס... ערשט דאָ האָט ער זי דערקענט: די דאמע איז געווען — זיין ווייב.

דער אָטעם האָט איהם פארכאפּט.... ער האָט זיך צוגע־טוליעט צו דער וואנט.

— טעאדאר, טרייבט מיך ניט אוועק; — האָט זי א זאָג געטאָן אויף פראנצויזיש, און איהר קול האָט ווי מיט א מעסער איהם א שניט געטאָן ביים הארצען.

ער האָט אויף איהר געקוקט געדאנקענלאָז, און דאָך גלייך ניט־ווילענדיג באמערקט, אז זי איז אי ווייסער געווארען, אי גע־קנייטשט געווארען.

— טעאדאר! — האָט זי פארגעזעצט, זעלטען געוואָרפען מיט די אויגען און פארזיכטיג געבראכען איהר וואונדער־שעהנע פינגער מיט די ראז־קאָלירטע, גלאנציגע נעגעל: — טעאדאר, איך בין אומגערעכט געגען אייך, שטארק אומגערעכט, — כ'וועל זאָגען מעהר, איך בין א פארברעכערין; נאָר הערט מיך אויס; מיך מאַטערט דער חרטה־געפיהל, איך בין זיך אליין נמאס געווא־רען, איך האָב מעהר ניט געקענט איבערטראגען מיין לאגע; שוין וויפיעל מאָל האָב איך געקלערט זיך ווענדען צו אייך, נאָר איך האָב מורא געהאט פאר אייער צאָרן; איך האָב באשלאָסען אי־בערצורייסען אלע פעדים מיט דער פארגאנגענהייט...

puis, jai ete si malade, — איך בין געווען אזוי קראנק, — האָט זי צוגעלעגט און א פיהר געטאָן מיט דער האנט איבער'ן שטערן און איבער דער באק, — איך האָב זיך באנוצט מיט דעם קלאנג וועגען מיין טוידט, וואס האָט זיך פארשפּרייט, איך האָב אלעס אוועקגעוואָרפען, ניט אפּשטעלענדיג זיך, האָב איך טאָג און נאכט זיך אהער געאיילט; איך האָב זיך לאנג געקווינקעלט צו שטעלען זיך פאר אייך, מיין ריכטער —

paraitre devant vous, mon juge; נאָר איך האָב ענד־

ליך באשלאָסען, דערמאָנענדיג זיך אָן אייער שטענדיגער גוטס־קייט, צו פאָהרען צו אייך; איך האָב זיך דערוואוסט אייער אד־רעס אין מאָסקווא. גלויבט מיר, — האָט זי פארגעזעצט, בעת זי האָט שטילינקערהייט זיך אויפגעהויבען פון דער פאָדלאָגע און זיך געזעצט אויפ׳ן סאמע ברעג פון א שטוהל: — איך האָב אָפט געטראכט וועגען טוידט און איך וואָלט נאָך געהאַט גענוג מוט צו נעהמען זיך דאָס לעבען — אך, דאָס לעבען איז ביי מיר איצט אַן אומערטרעגליכע משא! — נאָר דער געדאַנק וועגען מיין טאָכטער, וועגען מיין אדאטשקען האָט מיך אפגעשטעלט; זי איז דאָ, זי שלאָפט אין דעם צווייטען צימער, דאָס אומגליקליך קינד! זי איז מיעד — איהר וועט זי זעהן: זי, אלענפאלס, האָט געגען אייך ניט געזינדיגט, נאָר איך בין אזוי אומגליקליך, אזוי אומגליקליך! — האָט מאדאָם לאווערעצקאיא אויסגעשריען און זיך באוואשען מיט טרערען.

לאווערעצקי איז ענדליך צו זיך געקומען; ער האָט זיך אָפגע־טיילט פון דער וואנט און זיך אויסגעדרעהט צו דער טיר.

— איהר געהט אוועק? — האָט זיין ווייב מיט פארצוויי־פלונג א זאָג געטאָן: — אָ, דאָס איז גרויזאם! ניט אויסרעדען צו מיר קיין איין וואָרט, אפילו קיין איין פאָרוואורף... אָט די פאר־אכטונג הרג׳עט מיך, דאָס איז שרעקליך!

לאווערעצקי האָט זיך אָפגעשטעלט.

— וואָס ווילט איהר פון מיר הערען? — האָט ער ארויס־גערעדט מיט א קלאנגלאָזער שטימע.

— גאָרניט, גאָרניט, — האָט זי לעבעדיג אונטערגעכאפט. — איך ווייס, איך האָב קיין רעכט ניט עטוואָס צו פאָדערן; גלויבט מיר, איך בין נאָך ביים זינען; איך האָף ניט, איך וואג אפילו ניט צו האָפען אויף אייער פארצייהונג; איך וואג אייך נאָר צו בע־טען, אז איהר זאָלט מיר באפעהלען, וואָס איך זאָל טאָן, וואו איך זאָל וואוינען? איך וועל, ווי א שקלאפין, ערפילען אייער באפעהל, וואָס ער זאָל ניט זיין.

— איך האָב אייך ניט וואָס צו באפעהלען, — האָט לאוו־רעצקי געענטפערט מיט דער זעלביגער שטימע. — איהר ווייסט — צווישען אונז איז אלעס געענדיגט... און איצט מעהר, ווי ווען

ס'ניט איז. איהר קענט וואוינען, וואו אייך געפעלט; און אויב אייך איז ווינציג אייער פּענסיע...

אַך, רעדט ניט אַזעלכע ווערטער, — האָט איהם ווארוואַרא פּאוולאָוונא איבערגעשלאָגען: — האָט אויף מיר רחמנות כאָטש... כאָטש צוליעב אָט דעם מלאכ'על... — און, געזאָגט אָט די ווערטער, איז ווארוואַרא פּאוולאָוונא אויף גיך ארויסגעלאָפען אין צווייטען צימער און גלייך צוריקגעקומען מיט אַ קליינינקער, זעהר עלעגאַנט־געקליידעטער מיידעלע אויף די הענט. היבשע, פלאַקסענע לאָקען זיינען איהר געפאַלען אויפ'ן שעהנינקען רויטען פּנים'ל, אויף די גרויסע שווארצע, פארשלאָפענע אויגען, זי האָט אַ געשמייכעלט, אַ האַלב־צוגעמאַכט די אויגלעך פון דער שיין, און זיך אָנגעשפּארט מיט אַן אויפגעבלאָזען הענטעל אָן דעם האַלז פון דער מוטער.

— Ada, vois, c'est ton pere, — האָט ווארוואַרא פּאוולאָוונא אַ זאָג געטאָן, אָפּשארענדיג די לאָקען פון איהרע אויגען און שטארק זי קושענדיג: — prie le avec moi.

— C'est ca, papa — האָט דאָס מיידעלע אַ רעד געטאָן שטיפעליאָווע.

— Oui, mon enfant, n'est-ce pas, que tu L'aimes?

נאָר דאָ האָט שוין לאווערעצקי ניט געקענט אויסהאַלטען.

— אין וואָס פאר אַ מעלאָדראַמאַ איז דאָס דאָ פּונקט אַזאַ סצענע? — האָט ער אַ מורמעל געטאָן און איז ארוים פון הויז.

ווארוואַרא פּאוולאָוונא איז אַ ווײַלע שטעהן געבליבען אויפ'ן אָרט, קוים אַ פּיהר געטאָן מיט די פּלייצעס, אָפּגעטראָגען דאָס מיידעלע אין צווייטען צימער, זי אויסגעטאָן און אוועקגעלעגט שלאָפען. נאָכדעם האָט זי גענומען אַ ביכעל, זיך געזעצט נעבען לאָמפּ, צוגעווארט געגען אַ שטונדע און, ענדליך, אליין זיך געלעגט אין בעט.

— Eh bien madame? — האָט איהר אַ פרעג געטאָן איהר דיענסט, אַ פראַנצויזקע, וועמען זי האָט מיטגענומען פון פּאריז, אראָפּנעהמענדיג פון איהר דעם קאָרסעט.

— Eh bien Justine, — האָט זי געענטפערט: — ער איז זעהר אַלט געוואָרען, נאָר, מיר דוכט ער איז אַלץ אַזאַ גוטער.

דערלאַנגט מיר די הענטשקעס אויף ביי־נאַכט, גרייט מיר צו אויף מאָרגען אַ גרוי קלייד ביז אַרויף; און פאַרגעסט ניט קיין שאַפּענע קאָטלעטען פאַר אַדאָ'ן... אמת, ס'איז זיי דאָ שווער צו קריגען; נאָר מען דאַרף זיך צופּלייסען.

— A la guerre, comme a la guerre, — האָט זשוס־טינאַ געענטפערט און פאַרלאָשען דאָס ליכט.

.37

אַריבער צוויי שעה האָט זיך לאַווערעצקי אומגעשלייעט איבער די גאַסען פון שטאָדט. עס איז איהם אַרויף אויפ'ן זכרון די נאַכט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אינ'ם אומגעגענד פון פּאַריז. אין האַרצען האָט זיך ביי איהם אָפּגעריסען, און אין קאָפּ, אַ פּוס־טער און אַקוראַט ווי אַ פאַרטויבטער, האָבען זיך געדרעהט אַלץ איינע און די זעלביגע געדאַנקען, פינסטערע, נאַרישע, בייזע. „זי לעבט, זי איז דאָ", האָט ער געמורמעלט מיט איבערראַשונג, וואָס האָט געהאַלטען אין איין וואַקסען. ער האָט געפיהלט, אַז ער האָט פאַרלוירען ליזאַ'ן. דער כעס האָט איהם געשטיקט; צו פּלוצלונג האָט איהם אָט דער אומגליק אַ קלאַפּ געטאָן. ווי האָט ער געקענט אַזוי לייכט גלויבען אין דער נאַרישער פּלוידעריי פון אַ פעליטאָן, אַ שטיקעל פּאַפּיער? „נו, וואָלט איך ניט געגלויבט, — האָט ער אַ קלער געטאָן: — וואָס פאַר אַ חלוק וואָלט דען געווען? איך וואָלט ניט געוואוסט, אַז ליזאַ האָט מיך ליעב; זי אַליין וואָלט דאָס ניט געוואוסט". ער האָט ניט געקענט אַוועקטרייבען פון זיך דאָס גע־שטאַלט, דאָס קול, די בליקען פון זיין ווייב... און ער האָט זיך גע־שאָלטען, געשאָלטען אַלעס אין דער וועלט.

אָן אויסגעמאַטערטער, איז ער געגען טאָג געקומען צו לעמם'ען. אַ לאַנגע צייט האָט ער ניט געקענט זיך דערקלאַפּען; ענדליך, האָט זיך אין פענסטער באַוויזען דער קאָפּ פונ'ם אַלטען אין אַ קאַלפּאַק, אַ זויערער, צוקנייטשטער, לחלוטין ניט ענליך צו יענעם באַגייס־טערט־גרויזאַמען קאָפּ, וועלכער האָט, מיט פיער־און־צוואַנציג שעה צוריק, פון דער גאַנצער הויך פון זיין קינסטלערשער מאַיעסטעט קע־ניגליך אַ קוק געטאָן אויף לאַווערעצקי'ן.

— וואָס דאַרפט איהר? — האָט לעמם געפרעגט: — איך קען

ניט אַלע נאַכט שפּיעלען, איך האָב איינגענומען עטוואָס צום פאַר־דרייען. — נאָר, ווייזט אויס, דער פּנים ביי לאַוורעצקי׳ן איז געוועזן זעהר מאָרנע: דער אַלטער האָט זיך געמאַכט פון דער האַנט אַ דראַ־שעק אויף די אויגען, האָט זיך איינגעקוקט אין זיין נאַכט־באַזו־כער און איהם אַריינגעלאָזט.

לאַוורעצקי איז אַריין אין צימער און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטוהל; דער אַלטער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר איהם, אונ־טערגעבויגען די פּאָלעס פון זיין פּיעל־קאָלירטען אַלטען כאַלאַט, זיך איינגעהויקערט און געקייעט מיט די ליפּען.

— מיין ווייב איז געקומען צופאָהרען, — האָט לאַוורעצקי אַ זאָג געטאָן, אויפגעהויבען דעם קאָפּ און פּלוצלונג אַליין ניט ווילענדיג זיך צולאַכט.

לעמ׳ס פּנים האָט אויסגעדריקט איבערראַשונג, נאָר ער האָט אפילו קיין שמייכעל ניט געטאָן, ער האָט זיך נאָר שטאַר־קער איינגעוויקעלט אין כאַלאַט.

— איהר ווייסט דאָך ניט, — האָט לאַוורעצקי פאַרגעזעצט: — איך האָב זיך פאַרגעשטעלט... איך האָב איבערגעלייענט אין אַ ציימונג, אַז זי איז שוין אויף דער וועלט ניטאָ.

— אָ־אָ, דאָס האָט איהר ניט לאַנג געלייענט? — האָט לעמם געפרעגט.

— ניט לאַנג.

— אָ־אָ, — האָט דער אַלטער ווידערהאָלט און הויך אויפ־געהויבען די ברעמען. — און זי איז געקומען צופאָהרען.

— געקומען. זי איז איצטער ביי מיר; און איך... איך בין אַן אומגליקליכער מענש.

און ער האָט ווידער אַ שמייכעל געטאָן.

— איהר זענט אַן אומגליקליכער מענש, — האָט לעמם פּאַ־מעלאַך ווידערהאָלט.

— כריסטאָפער פעדאָריטש, — האָט לאַוורעצקי אָנגעפאַנ־גען: — וועט איהר זיך אונטערנעמען צושטעלען אַ בריוועלע?

— הם. מעג מען וויסען וועמען?

— ליזאַ׳ן...

— א, יאָ, יאָ, כ׳פאַרשטעה. גוט. און ווען וועט מען דאַרפען צושטעלען דאָס בריוועלע?

— מאָרגען, אם פריהסטען.

— הם. מען קען שיקען קאַטרין׳ען, מיין קוכערין. ניין, איך וועל אליין געהן.

— און איהר וועט מיר ברייננגען אַן ענטפער?

— און איך וועל ברייננגען אַן ענטפער.

לעמם האָט א זיפץ געטאָן.

— יאָ, מיין אָרעמער יונגער פריינד; איהר זענט באמת אַן אומגליקליכער מענש.

לאַוורעצקי האָט אָנגעשריבען צוויי ווערטער צו ליזא׳ן: ער האָט איהר מודיע געווען וועגען דעם קומען פונ׳ם ווייב, איהר גע־בעטען איהם באַשטימען א צייט מיט איהר זיך צו זעהן, — און זיך א וואַרף געטאָן אויף א שמאָלינקער סאפקא מיט׳ן פּנים צו דער וואַנט; און דער אַלטער האָט זיך געלעגט אין בעט און לאַנג זיך געדרעהט, הוסטענדיג און טרינקענדיג אלע מאָל זיין נעקאָכ־טע רפואה.

עס איז געקומען דער פריהמאָרגען; ביידע האָבען זיי זיך אויפגעהויבען. מיט מאָדנע אויגען האָבען זיי איינער אויפ׳ן צווייטען א קוק געטאָן. לאַוורעצקי׳ן האָט זיך געוואָלט אין דער רגע נעמען דאָס לעבען. די קוכערין קאַטרין האָט זיי געבראַכט עפּעס עקעלהאַפטע קאַפע. ס׳האָט אויסגעקלונגען אכט אזייגער. לעמם האָט אָנגעטאָן דעם הוט און, זאָגענדיג, אז די לעקציע ביי די קאַליטינס גיט ער אום צעהן אוהר, נאָר, אז ער וועט שוין גע־פינען א פּאַסענדען תירוץ, איז אוועק. לאַוורעצקי האָט זיך ווידער א וואַרף געטאָן אויפ׳ן סאָפקעלע און ווידער האָט זיך פון סאַמע דעק פון זיין נשמה א ריהר געטאָן עפּעס א ביטערער געלעכטער. ער האָט געקלערט, ווי אַזוי דאָס ווייב האָט איהם פאַרטריבען פון הויז; ער האָט זיך פאָרגעשטעלט ליזא׳ס לאַגע, פאַרמאַכענדיג די אויגען און פאַרוואַרפענדיג די הענט הינטער׳ן קאָפּ. ענדליך איז לעמם צוריקגעקומען און איהם געבראַכט א שטיקעל פּאַפּיער אויף וועלכען ליזא האָט מיט א בליישטיפט אָנגעצייכענט די פאָלגענדע ווערטער: „היינט קענען מיר זיך ניט זעהן; ס׳קען זיין —

מאָרגען אין אָוועגט. זייט געזונט." לאַוורעצקי האָט טרוקען און צושטרויט באַראַנקט לעמס'ען און איז אוועק צו זיך אַהיים.

ער האָט געטראָפען די פרוי ביים איבערבייסען; אַדאַ, אײַנ־געגצען אַ נעקרויזטע, אין אַ ווייסינקער קליידעלע מיט בלויאינקע בלענדעלאַך, האָט געגעסען אַ קאָטלעט'ל פון שאָפען־פלייש. וואַר־וואַראַ פּאַוולאָוונאַ איז גלייך אויפגעשטאַנען, ווי נאָר לאַוורעצקי איז אַריינגעקומען אין צימער, און מיט געהאָרכזאַמקייט אויפ'ן פּנים, איז זי צו איהם צוגעגאַנגען. ער האָט זי געבעטען איהם נאָכגעהן אין קאַבינעט, פאַרשלאָסען הינטער זיך די טיר און אָנגעפאַנגען צו געהן אַהער און אַהין; זי האָט זיך געזעצט, צניעות'דיג אוועק־געלעגט איין האַנט אויף דער צווייטער און זיך גענומען איהם נאָכפאָלגען מיט איהרע, נאָך אַלץ שעהנע, הגם עטוואָס אונטער־געפאַרבטע, אויגען.

לאַוורעצקי האָט אַ לאַנגע צייט ניט געקענט אָנפאַנגען צו ריידען: ער האָט געפיהלט, אַז ער באַהערשט זיך ניט; ער האָט קלאָר געזעהן, אַז וואַרוואַראַ פּאַוולאָוונאַ האָט פאַר איהם לחלוטין ניט קיין מורא, נאָר מאַכט דעם אָנשטעל, אַז אָט־אָט פאַלט זי אין חלשות.

— הערט אויס, מאַדאַם, — האָט ער ענדליך אָנגעפאַנגען, שווער אָטעמענדיג און צייטענווייז צונויפדריקענדיג די צייהן: — מיר האָבען גיט וואָס צו פאַרשטעלען זיך איינער פאַר'ן צווייטען; איך גלויב ניט אין אייער חרטה; און אפילו זי זאָל זיין אויפ־ריכטיג, זיך נאָכאַמאָל צונויפגעהן מיט אייך, לעבען מיט אייך — איז פאַר מיר אוממעגליך.

וואַרוואַראַ פּאַוולאָוונאַ האָט צוזאַמענגעדריקט די ליפּען און פאַרזשמורעט די אויגען. „דאָס איז עקעל, — האָט זי אַ טראַכט געטאָן: — זיכער! איך בין פאַר איהם אפילו ניט קיין פרויען־צימער".

— אוממעגליך, — האָט לאַוורעצקי ווידערהאָלט און זיך פאַרשפּילעט ביז אַרויף. איך ווייס ניט צוליעב וואָס אייך איז גראַד געפעלען אַהער צו קומען: וואַרשיינליך, עס איז ביי אייך קיין געלט מעהר ניט געבליבען.

— וועה! איהר באליידיגט מיר, — האָט וואַרוואַרא פּאַוו־לאָוונא אַרויסגעמורמעלט. .

— ווי מ'זאָל דאָרטען ניט זיין — זענט איהר פונדעסט־וועגען, צום באַדויערען, מיין ווייב. איך קען דאָך אייך ניט אַוועקטרייבען... און אָט וואָס איך לעג אייך פאָר. איהר קענט שוין היינט, אויב אייך געפעלט, אַוועקפאָהרען קיין לאַווריקי, וואוינט דאָרטען; דאָרט, ווייסט איהר, איז דאָ א וואויל הויז; איהר וועט קריגען אלעס, וואָס איהר דאַרפט, א חוץ דער פּענסיע... שטימט איהר איין?

וואַרוואַרא פּאַוולאָוונא האָט אונטערגעטראָגען אַן אויסגע־נעהט טיכעלע צום פּנים.

— איך האָב אייך שוין געזאָגט, — האָט זי א זאָג געטאָן, נערוועז א ציה טוענדיג מיט די ליפּען: — אַז איך וועל אויף אלץ זיין איינשטימיג, וואָס אייך זאָל זיך ניט פאַרגלוסטען מיט מיר צו טאָן; איצטיגס מאָל בלייבט מיר אייך צו פרעגען: וועט איהר מיר ערלויבען, אַם־ווינציגסטען, אייך אָפּצודאַנקען פאַר אייער גרויסמוטיגקייט?

— אָהן דאַנקבאַרקייט, איך בעט אייך, — אַזוי איז בע־סער, — האָט איילענדיג לאַווערצקי אַרויסגערעדט. — הייסט דאָס, — האָט ער פאָרגעזעצט און זיך גענומען שאַרען צו דער טיר: — איך מעג זיך פאַרלאָזען...

— שוין מאָרגען וועל איך זיין אין לאַווריקי, — האָט וואַר־וואַרא פּאַוולאָוונא א זאָג געטאָן און זיך אויפגעהויבען מיט דרך ארץ פונ'ם אָרט. — נאָר, פעאָדאָר איוואַניטש... (קיין טעאָדאָר האָט זי איהם שוין מעהר ניט גערופען).

— וואָס ווילט איהר?

— איך ווייס, איך האָב זיך נאָך מיין מחילה ניט פאַר־דיענט מיט גאָרניט; קען איך כאָטש האָפען, אַם־ווינציגסטען, אַז מיט דער צייט...

— אָך, וואַרוואַרא פּאַוולאָוונא, — האָט איהר לאַווערצקי איבערגעשלאָגען: — איהר זענט א קלוגע פרויענצימער, אָבער

איך בין דאָך אויך ניט קיין נאַר, איך ווייס, אַז דאָס דאַרפט איהר אינגאַנצען ניט האָבען. און מוחל געווען האָב איך אייך שוין פון לאַנג; נאָר צווישען אונז איז שטענדיג געלעגען אַ תהום.

— איך וועל זיך קענען אונטערוואַרפען, — האָט וואַר־וואַרא פּאַוולאָוונאַ געענטפערט און אַנגעבויגען דעם קאָפּ — איך האָב מיין שולד ניט פאַרגעסען; איך וואָלט זיך אפילו ניט גע־חדוש'ט ווען איך וועל געוואָהר, אַז איהר האָט זיך דערפרעהט מיט דער ידיעה וועגען מיין טויט — האָט זי הכנעה'דיג צוגעלעגט, לייכט אָנצייגענדיג מיט דער האַנט אויפ'ן נומער פונ'ם זשורנאַל, וואָס לאַוורעצקי האָט פאַרגעסען אויפ'ן טיש.

פעדאָר איוואַניטש האָט אַ ציטער געטאָן: דער פעליטאָן איז געווען באַצייכענט מיט אַ בליי־שטיפט. וואַרוואַרא פּאַוו־לאָוונאַ האָט מיט נאָך אַ גרעסערער ערנידעריגונג אויף איהם אַ קוק געטאָן. זי איז געווען זעהר שעהן אין אָט דער רגע. דאָס גרויע פּאַריזער קלייד האָט האַרמאָניש ארומגעכאַפּט איהר בוי־גיגען כמעט זיבעצעהן־יאָהריגען קערפּער. איהר דינער, דעליקאַ־טער האַלדז, וואָס איז געווען ארומגערינגעלט מיט אַ ווייסען קראַ־גענדעל, די רעגעלמעסיג־אָטמענדע ברוסט, די הענט אָהן בראַס־לעטען און פינגערלאַך — איהר גאַנצע פיגור, פון די גלאַנציגע האָר ביז דעם ברעג פון דעם עטוואָס ארויסגעשטעלטען קאַמאַש, איז געווען אַזוי גראַציעז...

לאַווערצקי האָט זי אָפּגעמאָסטען מיט אַ בייזען בליק, שיער ניט אויסגעשריהען: "bravo" שיער ניט אַ קלאַפּ געטאָן מיט'ן פויסט איבער'ן מח — און איז אוועק. אין אַ שטונדע ארום האָט ער זיך אוועקגעלאָזט קיין וואַסיליעווסקאָיע, און אין צוויי שעה ארום, האָט וואַרוואַרא פּאַוולאָוונאַ געהייסען דינגען די בעס־טע קאַרעטע אין שטאָדט, האָט אָנגעטאָן אַן איינפאַכען שטרויע־נעם הוט מיט אַ שוואַרצען טול און אַ באַשיידענעם מאַנטעל, האָט איבערגעגעבען אַדאַ'ן צו זשוסטינע'ן און איז אוועק צו די קאַלי־טינס: פון די פראַגען, וואָס זי האָט געשטעלט דער דיענערשאַפט, האָט זי זיך דערוואוסט, אַז איהר מאַן פלעגט צו זיי פאָהרען יעדען טאָג.

38.

דער טאָג, ווען לאַוורעצקי'ס פרוי איז אָנגעקומען אין דער שטאָדט א..., פאר איהם ניט קיין פרעהליכער טאָג, איז אויך גע־ווען א שווערער טאָג פאר ליזא'ן. נאָך איידער עס האָט איהר געלונגען אראָפּגעהן אונטען און באַגריסען די מוטער, האָט זיך שוין הינטערן פענסטער דערהערט א קלאַפּעריי פון פערדישע קאָפּיטעס, און זי האָט מיט א געהיימען שרעק דערזעהן פאַנשינען, וועלכער איז אריינגעפאָהרען אין הויף. „ער איז געקומען אזוי פריה צוליעב אַן ענטגילטיגער פארשטענדניש", — האָט זי א טראַכט געטאָן — און האָט זיך ניט אָפּגענאַרט; ארומדרעהענ־דיג זיך א ביסעל אין גאסט־צימער, האָט ער איהר פאָרגעלעגט צו געהן מיט איהם אין סאָד און געפאָדערט די לעזונג פון זיין גורל. ליזא האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און איהם ערקלערט, אז זי קען ניט ווערען זיין פרוי. ער האָט זי אויסגעהערט ביז'ן סוף, שטע־הענדיג צו איהר מיט דער זייט און אָנרוקענדיג דעם הוט אויפ'ן שטערען; העפליך, נאָר מיט א פארענדערטער שטימע האָט ער איהר געפרעגט: צי איז דאָס איהר לעצט וואָרט, און צי האָט ער איהר מיט וואָס ס'ניט איז געגעבען א געלעגענהייט צו אַן עהנלי־כער ענדערונג אין איהרע געדאנקען? נאָכדעם האָט ער צוגע־דריקט די האנט צו די אויגען, קורץ און אָפּגעריסען א זיפץ גע־טאָן און א ריס געטאָן די האנט פונ'ם פּנים.

— איך האָב ניט געוואָלט געהן איבער אַן אויסגעטראָטענעם וועג, — האָט ער טעמפּ א זאָג געטאָן: איך האָב זיך געוואָלט געפינען א וועג נאָך דער נייגונג פון מיין הארצען; נאָר, ווייזט אויס, אז דאָס איז ניט באַשערט. זיי געזונט פאַנטאַזיע! — ער האָט זיך טיעף פארנייגט פאר ליזא'ן און זיך אומגעקעהרט אין הויז.

זי האָט געהאָפט, אז ער וועט גלייך אָבפאָהרען; נאָר ער איז אַוועק צו מאַריאַ דמיטריעוונא'ן אין קאַבינעט און ביי איהר אפּגעזעסען ארום א שעה. בעת ער איז אַוועקגעגאנגען האָט ער געזאגט צו ליזא'ן: Votre mere vous appelle adieu a jamais... זיך ארויפגעזעצט אויפ'ן פערד און פון דעם גאַנעקעל

אָן האָט ער זיך א לאָז געטאָן מיט'ן שנעלסטען גאַלאָפּ. ליזא איז אריינגעקומען צו מאריא דמיטריעווּנא'ן און זי געטראָפען וויי־נען: פּאַנשין האָט איהר מודיע געווען זיין אומגליק.

— פארוואָס האָסטו מיך דער'הרג'עט? פארוואָס האָסטו מיך דער'הרג'עט? — אזוי האָט די צואוועהטאָגטע אלמנה אָנגע־פאנגען איהרע יללות. — וועמען נאָך דארפסטו דאָס דען האָ־בען? וואָס שטעהט ער דיר ניט אָן פאר קיין מאן? א קאמער־יונקער! ניט אינטערעסאנט! ער קען אין פּעטערבורג חתונה האָבען מיט אירגענד וועלכער פריילין. און איך, איך האָב גע־האָפט! און לאנג שוין האָסטו זיך צו איהם געענדערט? אָט דער וואָלקען איז פון ערגעץ אָן אָנגעטראָגענער, — אליין איז ער ניט געקומען. איז דאָס ניט יענער שוטה? אָט האָט זי זיך געפונען א בעל־עצה!

— און ער, דאָס טייבעלע — האָט מאריא דמיטריעווּנא פאָרגעזעצט: — ווי ווירדיג ער איז, ווי אויפמערקזאם ער איז אינ'ם טרויער גופא! ער האָט צוגעזאָגט מיך ניט פארלאָזען. אך, איך וועל דאָס ניט איבערטראָגען! אך, דער קאָפּ האָט מיר שטארק אָנגעהויבען וועה צו טאָן. שיק צו מיר פאלאשקא'ן. דו וועסט מיך דערהרג'ענען, אויב דו וועסט ניט ענדערען דיין באשלוס,— הערסט? און נאָכדעם ווי זי האָט ליזא'ן א פּאָר מאָל אָנגערופען „אומדאנקבארע", האָט מאריא דמיטריעווּנא זי ארויסגעשיקט.

זי איז אוועק צו זיך אין צימער. נאָר זי האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט זיך אָפּצורוהען פון דער ערקלערונג מיט פאַנשינען און מיט דער מוטער, און ווידער אמאָל האָט זיך דער שטורם אָנ־גערוקט אויף איהר, און פון אזא זייט, פון וועלכער זי האָט איהם אם־ווייניגסטען ערווארטעט. מארפא טימאָפעיעוונא איז אריינ־געקומען צו איהר אין צימער און גלייך פארקלאפּט הינטער זיך די טיר. דער פּנים ביי דער אלטינקער איז געווען בלאַס, דער טשי־פּיק אויף א זייט, די אויגען איהרע האָבען געבליסטשעט, די הענט, די ליפּען האָבען געציטערט. ליזא איז איבערראשט געוואָרען: זי האָט נאָך קיינמאָל ניט געזעהן איהר קלוגע און באטראכטע מוהמע אין אזא צושטאנד.

— זעהר שעהן, פריילין, — האָט מארפא טימאָפיעוונא אָנ־

געפאנגען מיט א ציטערדיגען און אפּגעהאקטען מורמעל: — זעהר שעהן! — ווער האָט דאָס דיך אָבער אויסגעלערענט, מאַמע מיינע? ... גיב מיר אַ ביסעל וואסער; איך קען ניט ריידען.

— באַרוהיגט אייך, מוהמעניו; וואָס איז מיט אייך? — האָט ליזא געזאָגט און איהר דערלאנגט א גלאָז וואסער. — איהר אליין, דוכט זיך, האָט דאָך ניט ליעב געהאט דעם הער פּאנשינען.

מארפא טימאָפעניעוונא האָט אָפּגערוקט די גלאָז.

— טרינקען קען איך ניט: די לעצטע צייהן וועל איך זיך אויסשלאָגען. וואָס פאר א פּאנשין? וואָס קעהר זיך דאָ אָן פּאנשין? דו זאָג מיר בעסער, ווער האָט דיך אויסגעלערענט צו מאכען ראנדעוואוס ביי נאכט — א? מאַמע מיינע?

ליזא איז בלאָס געוואָרען.

— זאָל דיר גאָר אויף דער דעה ניט קומען פארריידען די צייהן, — האָט מארפא טימאָפעיעוונא פאָרגעזעצט. — שוראטשקא אליין האָט אלעס געזעהן און מיר דערצעהלט. איך האָב איהר פארבאָטען צו פּלוידערען, נאָר זי וועט קיין ליגען ניט זאָגען.

— איך פאררייד גאָר ניט די צייהן מוהמעניו, — האָט קוים הערבאר א זאָג געטאָן ליזא.

— א־א! האָט אזוי אַ הייסט דאָס, מאַמע מיינע; דו האָסט איהם באשטימט א רענדעוואו, אָט דעם אלטען מה־יעשה־ניק, אָט דעם בעל־תשובה?

— ניין.

— ווי דען־זשע?

— איך בין אראָפּגעגאנגען אונטען, אין גאסט־צימער, נאָך א ביכעל; ער איז געוועזען אין סאָד און האָט מיך א רוף געטאָן.

— און דו ביסט געגאנגען? זעהר שעהן. האָסט איהם דען ליעב, צי וואָס?

— איך האָב איהם ליעב, — האָט מיט א שטיל קול גע־ענטפערט ליזא.

— מאַמע מיינע! זי האָט איהם ליעב! — מארפא טימאָ־פעיעוונא האָט פון זיך ארונטערגעריסען דעם טשיפּיק. — א פארהייראטען מאן האָט זי ליעב! הא? ליעבט איהם!

— ער האָט מיר דערצעהלט, — האָט ליזא אנגעפאנגען...

— וואָס האָט ער דיר דערצעהלט, דער ליעבינקער, וואָ־אָס?

— ער האָט מיר דערצעהלט, אז זיין ווייב איז געשטארבען.

מארפא טימאָפיעוונא האָט זיך איבערגע׳צלם׳ט.

— ברוך דין אמת, — האָט זי ארויסגעמורמעלט: — גע־ווען א פּוסטע פרויקע — ס׳זאָל איהר צו קיין שאנד ניט זיין. אָט ווי אזוי עס איז: אַן אלמן הייסט דאָס איז ער. ער איז דאָך נאָר טאקע, ווי איך זעה אַ צאַצקע. איין ווייב האָט ער אוועק־געה׳רג׳עט, און נעמט זיך שוין צו א צווייטער. ס׳ארא פרומינ־קער? נאָר אָט וואָס איך וועל דיר זאָגען, פּלימעניצע: אין אונ־זערע צייטען, ווען איך בין געווען יונג, פלעגען די מיידען טייער באצאָהלען פאר אזעלכע שטיק. דו זיי אויף מיר ניט ברוגז, מאַ־מע מיינע; פאר׳ן אמת זיינען נאָר נאראָנים ברוגז. איך האָב איהם היינט ניט געהייסען אריינלאָזען. איך האָב איהם ליעב, נאָר דאָס וועל איך איהם קיינמאָל ניט מוחל זיין. זעהסט, אַן אלמן! גיב מיר א ביסעל וואסער... נאָר דערפאר וואָס דו האָסט אוועקגעשיקט פאנשינען מיט א נאָז, ביסטו ביי מיר א בריה; נאָר דו זיץ ניט דורך די נעכט מיט אָט דעם ציגענעם מין, מיט די מענער; פאראוויסט מיר ניט מיין עלטער! ווייל איך קען ניט נאָר צערטלען — נאָר אויך בייסען... אַן אלמן!

מארפא טימאָפעיעוונא איז אוועקגעגאנגען, און ליזא האָט זיך געזעצט אין א ווינקעלע און אָנגעהויבען וויינען. עס איז איהר געוואָרען ביטער אויף דער נשמה; אזא ערניעדערונג האָט זי זיך ניט פארדיענט. ניט אין פרייד האָט זיך איהר ליעבע ארויסגע־צייגט: דאָס צווייטע מאָל האָט זי שוין געוויינט זינט דעם נעכ־טיגען אווענט. אין איהר הארצען איז קוים געבאָרען געוואָרען יענער נייער, אומערוואַרטעטער געפיהל, און ווי טהייער זי האָט שוין באצאָהלט פאר איהם, ווי גראָב ער האָבען זיך אריינגערוקט פרעמדע הענט אין איהר הייליגען סוד! ס׳איז איהר געווען אי א בזיון, אי א פארדרוס, אי א וועהטאָג: נאָר ניט קיין שרעק, ניט קיין ספקות זיינען אין איהר געווען, — און לאווערצקי איז איהר געוואָרען נאָך טהייערער. זי האָט געצווייפעלט, כל זמן זי האָט זיך אליין ניט פארשטאנען; נאָר נאָך יענעם ראנדעוואו, נאָך יענעם קוש — האָט זי שוין ניט געקענט צווייפלען; זי האָט

געוואוסט, אז זי ליעבט, — און ליעב געקראָגען ערענטליך, ניט אויף קאַטאָוועס, זיך צוגעבונדען שטארק, אויף'ן גאַנצען לעבען — און ניט מורא געהאט פאר קיין סטראַשונקעס; זי האָט געפיהלט, אז צוואַנג קען אָט דעם בונד ניט צורייסען.

.34

מאריא טימאָפעיעוונא האָט זיך זעהר דערשראָקען, ווען מען האָט איהר דערלעגט אז ווארווארא פּאַוולאָוונא לאַווערעצקאַיא איז געקומען; זי האָט אפילו ניט געוואוסט — צי זאָל זי הייסען זי אויפנעהמען; זי האָט מורא געהאט צו באַליידיגען פעדאָר איוואַניטש'ן. ענדליך, האָט די נייגעריגקייט מנצח געווען. „וואָס איז? — האָט זי אַ טראַכט געטאָן: — זי איז דאָך אויך אַ קרובה", — און זיך אַוועקזעצענדיג אויף אַ שטוהל, האָט זי גע־זאָגט צום לאַקיי: „בעט אריין! עס זיינען אַוועק עטליכע סע־קונדען; די טיר האָט זיך געעפענט: ווארווארא פּאַוולאָוונא האָט שנעל, מיט קוים הערבארע טריט, זיך אַ לאָז געטאָן צו מאריא דמיטריעוונא, ניט געלאָזט איהר אויפשטעהן פון שטוהל און כמעט איינגעבויגען פאר איהר די קניע.

— אַ דאנק אייך, מוהמעניו, — האָט זי אָנגעפאנגען מיט אַ געריהרטער און שטילער שטימע אויף רוסיש: — אַ דאנק אייך; איך האָב גאָר ניט געהאָפט אויף אזאַ געפעליגקייט פון אייער זייט; איהר זענט גוט ווי אַ מלאך.

זאָגענדיג אָט די ווערטער, האָט ווארווארא פּאַוולאָוונא אומ־ערוואַרטעט באַהערשט איין האנט פון מאריא דמיטריעוונא, לייכט זי אַ דריק געטאָן אין איהרע לילאַ־קאָליערטע שטאָפענע הענטש־קעס, שקלאַפיש זי צוגעטראָגען צו די ראָז־קאָלירטע און פולע ליפען. מאריא דמיטריעוונא האָט זיך אינגאַנצען פארלוירען, ווע־זי האָט דערזעהן אזאַ שעהנע, באַצויבערענד־ געקליידטע דאמע כמעט ביי איהרע פיס; זי האָט ניט געוואוסט, ווי זיך נוהג זיין: אי זי האָט ביי איהר געוואָלט צונעהמען די האנט, אי זי האָט זי גע־וואָלט אַוועקזעצען, אי זאָגען איהר עפּעס אַ צערטליך וואָרט; געענדיגט האָט זי דערמיט, וואָס זי האָט זיך אַביסעל אונטערגע־

הויבען און א קוש געטאָן ווארוואַרא פּאוולאָוונא'ן אינ'ם גלאַטען און שמעקעדיגען שטערן. ווארוואַרא פּאוולאָוונא איז איינגאַנצען באַטויבט געוואָרען פון אַט דעם קוש.

— א גוט מאָרגען, bonjour,— האָט מאַריא דמיטריעוונא געזאָגט: — זיכער, איך האָב זיך ניט פאָרגעשטעלט... אלענפאַלס, איך בין, פאַרשטעהט זיך, צופריעדען אייך צו זעהן. איהר פאַר־שטעהט, טהייערע מיינע, — איך דאַרף ניט זיין קיין ריכטער צווי־שען מאַן און ווייב...

— מיין מאַן איז אין אַלעס גערעכט, — האָט ווארוואַרא פּאוולאָוונא איהר איבערגעשלאָגען: — איך אליין בין שולדיג.

— דאָס זיינען זעהר לויבענסווירדיגע געפיהלען, — האָט מאַ־ריא דמיטריעוונא געענטפערט: — זעהר. שוין לאַנג זענט איהר געקומען? האָט איהר איהם געזעהן? אָבער זיצט, איך בעט אייך.

— איך בין נעכטען געקומען, — האָט ווארוואַרא פּאוולאָוונא געענטפערט און זיך מיט הכנעה געזעצט אויף א שטוהל: — איך האָב געזעהן פעדאָר איוואַניטש'ן, איך האָב מיט איהם גערעדט.

— א! נו, און ער וואָס?

— איך האָב זיך געשראָקען, אַז מיין פּלוצליך קומען וועט דערוועקען זיין צאָרן, — האָט ווארוואַרא פּאוולאָוונא פאָרטגע־זעצט: — נאָר ער האָט זיך פון מיר ניט אָפּגעווענדט.

— דאָס הייסט, ער האָט ניט... יא, יא, איך פאַרשטעה, — האָט מאַריא דמיטריעוונא א זאָג געטאָן. — ער איז נאָר לפנים אביסעל גראָב, אָבער דאָס האַרץ איז ביי איהם א ווייכס.

— פעדאָר איוואַניטש האָט מיר ניט מוחל געווען; ער האָט מיך ניט געוואָלט אויסהערען... נאָר ער איז געווען אַזוי גוט, אַז ער האָט מיר באַשטימט לאַווריקי אלס וואָזין־פּלאַץ.

— א! א שעהנער מאַיאָנטעק!

— מאָרגען פאָהר איך טאַקען אהין אוועק, כדי צו טאָן זיין ווילען; נאָר איך האָב עס גערעכענט אלס חוב צו זיין ביי אייך פריהער.

— איך בין אייך זעהר, זעהר דאַנקבאַר, מיין טהייערע. קיין קרובים דאַרף מען קיינמאָל ניט פאַרגעסען. ווייסט איהר, איך וואונדער זיך, ווי גוט איהר רעדט רוסיש. C'est etonnant.

— איך בין צו לאנג געוועזן אין אויסלאנד, מאריא דמיטרי־עוונא, איך ווייס דאָס; נאָר דאָס הארץ ביי מיר איז שטענדיג געווען א רוסיש, און איך האָב ניט פארגעסען מיין פאָטערלאנד.

— אזוי, אזוי; דאָס איז בעסער פון אלץ. פעדאָר איוואַ־גיטש האָט דאָך אייך גאָר ניט ערוואַרטעט... יאָ, פארלאָזט אייך אויף מיין ערפאהרונג: la patrie evant tout. אך, ציינט, איך בעט אייך, וואס איז דאס ביי אייך פאר א שעהנער מאנטעל?

— ער געפעלט אייך? — ווארוואַרא פּאוולאָוונא האָט איהם פלינק אראָפּגעלאָזט פון די פּלייצעס. — ער איז זעהר אַן איינ־פאכער, פון Madame Baudran

— דאָס זעהט מען גלייך פון Madame Baudran. . . ווי ליעבליך און מיט וואָס פאר א געשמאַק! איך גלויב, איהר האָט מיט זיך געבראכט א מעננע ענטציקענדע זאכען.

— מיין גאנצער טואלעט איז פאר אייך פריי, טהייערסטע מוהמעניו. אויב איהר וועט ערלויבען קען איך וואָס ס'ניט איז ציינען אייער קאמער־מיידעל. איך האָב א דיענסט־מיידעל פון פּאַ־ריז — א וואונדערבארע נייטאָרין.

— איהר זענט זעהר גוט, מיין טהייערע. נאָר, ווירקליך, ס'איז מיר א בזיון.

— א בזיון... — האָט ווארוואַרא פּאוולאָוונא ווידערהאָלט מיט א פאָרוואורף. — ווילט איהר מיך באגליקען — טוט מיט מיר, ווי איהר וואָלט געטאָן מיט אייער אייגענטום!

מאריא דמיטריעוונא האָט זיך געשמאָלצען פון נחת.

— Vous etes charmante, — האָט זי א זאָג געטאָן.

— ווארום-זשע נעהמט איהר ניט אראָפּ אייער הוט, הענטשקעס?

— ווי? איהר ערלויבט? — האָט ווארוואַרא פּאוולאָוונא א פרעג געטאָן און לייכט, ווי מיט איבערעגונג, צונויפגעלעגט די הענט.

— זעלבסטפארשטענדליך; איך האָף, איהר וועט מיט אונז עסען מיטאָג. איך... איך וועל אייך באקאנען מיט מיין טאָכטער. — מאריא דמיטריעוונא איז אביסעל צוטומעלט געוואָרען. „נו! נאָר דאָס געהט אָפּ!“ האָט זי א קלעהר געטאָן. זי איז מיר היינט עפּעס ניט געזונט.

— O, ma tante, ווי גוט איהר זענט! — האָט ווארוואַרא פּאוולאָוונא אויסגעשריהען — און צוגעטראָגען א טיכעלע צו די אויגען.

א קאָזאַקעל האָט דערלעגט, אז גערדעאַנאָווסקי איז געקומען. דער אלטער פלאפלער איז אריינגעקומען, טיעף־פארנייגענדיג זיך און שמייכלענדיג. מאַריא דמיטריעוונא האָט איהם פאָרגעשטעלט איהר גאסט. לכתחילה איז ער אביסעל צוטומעלט געוואָרען; נאָר ווארוואַרא פּאוולאָוונא איז זיך מיט איהם באגאנגען אזוי קאָקעטיש־העפליך, אז די אויערלאך האָבען זיך ביי איהם צעברענט, און ליגען, רכילות, קאָמפּלימענטען האָבען זיך געהאלטען אין איין שיטען פון זיין מויל. ווארוואַרא פּאוולאָוונא האָט איהם אויסגעהערט, שמייכלענדיג פאָרזיכטיג און אליין צוביסלאך זיך צוגערעדט. זי האָט באשיידען דערצעהלט וועגען פּאריז, וועגען איהרע רייזעס, וועגען באדען; א פּאָר מאָל האָט זי צולאכט מאַריא דמיטריעוונא׳ן, און יעדער מאָל נאָכדעם עטוואָס א זיפץ געטאָן, ווי זי וואָלט אין געדאנק זיך פאָרגעוואָרפען פאר אומפּאסיגע פרעהליכקייט: אויסגעבעטען אן ערלויבניס מיטברייננגען אדא׳ן; זי האָט אראָפּגענומען די הענטשקעס און געצייגט מיט איהרע גלאטע הענט, ארומגעוואשענע מיט זייף al a guimauve, — ווי און וואו מען טראָגט פעדערען־באלען, בלאנדעלאך און ציערונג; האָט צוגעזאָגט ברייננגען א סלאָיעקעל מיט ענגלישע פארפיום Vitoria's Essene און האָט זיך דערפרעהט, ווי א קינד, ווען מאַריא דמיטריעוונא האָט איינגעשטימט צונעהמען איהר מתנה; האָט א וויין געטאָן, בעת זי האָט זיך דערמאָנט, וואָס פאר א געפיהל זי האָט דורכגעלעבט, ווען זי האָט צום ערשטען מאָל דערהערט די רוסישע גלעקער: „אזוי טיעף האָבען זיי אויפגעטרייסעלט מיין סאמע הארץ", האָט זי א זאָג געטאָן.

אין דער רגע איז אריין ליזא.

פון אין־דער־פריה, פון דער מינוט, וואָס זי, איינגאנצען קאלט ווערענדיג פון שרעק, האָט איבערגעלייענט לאווועצקי׳ס בריוועלע, האָט זיך ליזא געגרייט צו דער באגעגעניש מיט זיין ווייב; זי האָט געהאט א פאָרגעפיהל, אז זי וועט זי זעהן. זי האָט באַשטימט זי ניט אויסמיידען אלס שטראָף פאר איהרע, ווי זי האָט

זיי אַנגערופען, פארברעכערישע האָפנונגען. דער פּלוצליכער בראך
אין איהר שיקזאל האט זי אויפגעטרייסעלט ביז דעם סאמע פונ־
דאמענט; אין „א וואסערע צוויי שעה איז איהר פּנים שוין מאגער
געוואָרען; נאָר זי האָט אפילו קיין איין טרער ניט פארגאָסען.
„א מצוה אויף מיר", האט זי זיך אליין געזאָגט און מיט מיה
און אויפרעגונג דערשטיקט אין איהר נשמה עפּעס אזעלכע בי־
טערע, בייזע, איהר אליין שרעקענדע אימפּולסען. — „נו, מען דארף
געהן!" האָט זי א טראכט געטאָן, ווי נאָר זי האט זיך דערוואוסט,
אז מאדאם לאוורעצקאיא איז געקומען, און זי איז אריינגעגאנגען...
לאנג איז זי געשטאנען פאר דער טהיר פון גאסט־צימער, איידער
זי האָט זיך באשלאָסען זי אויפצועפענען; מיט'ן געדאנק „איך
בין געגען איהר שולדיג", — האָט זי איבערגעטראָטען די שוועל
און ז'ך געצוואונגען א קוק טאָן אויף איהר, זיך געצוואונגען א
שמייכעל טאָן. ווארווארא פּאוולאָוונא איז איהר געגאנגען אנט־
קעגען, ווי נאָר זי האט זי דערזעהן, און זיך קוים־קוים, אָבער
ווירדיג פאר איהר איינגעבויגען. „ערלויבט מיר זיך פאָרשטע־
לען" האָט זי אָנגעפאנגען צו ריידען מיט א שטימע, וואָס זוכט זיך
אריינצוג'נב'ענען: Maman אייער איז אזוי געפעליג צו מיר,
אז איך האָף, דאָס איהר וועט אויך... זיין גוט". דער אויסדרוק
פון ווארווארא פּאוולאָוונא'ס פּנים, בעת זי האט געזאָגט אָט דאָס
לעצטע וואָרט, איהר כיטרע שמייכעלע, דער קאַלטער און אין דער
זעלביגער צייט ווייכער בליק, די באוועגונג פון איהרע הענט און
פּלייצעס, איהר גאנצער וועזען — האָבען ערוועקט אזא געפיהל פון
עקעל אין ליזא'ן, אז זי האָט איהר גאָר ניט געקענט ענטפערען
און איבער די קרעפטען אויסגעצויגען צו איהר די האנט. „אָט
דער פריילין איבעלט פון מיר", האָט ווארווארא פּאוולאָוונא גע־
טראכט, קרעפטיג צודריקענדיג ליזא'ס קאלטע פינגער און אויס־
קערעווענדיג זיך צו מאריא דמיטריעוונא'ן, האָט זי שטיל א
זאָג געטאָן: mais elle est delicieuse ליזא האָט שוואך אויס־
געפלאמט: שפּאָט, באליידיגונג האָט זי דערהערט אין אָט דעם
אויסגעשריי; נאר זי האָט באשלאָסען ניט צו גלויבען איהרע
איינדריקען. און האָט זיך אוועקגעזעצט נעבען פענסטער ביים
גייהראם. ווארווארא פּאוולאָוונא האָט זי דאָרט אויך ניט געלאָזט

צו רוה: איז צוגעגאנגען צו איהר, אָנגעפאנגען צו לויבען איהר געשמאַק, איהר קונסט... דאָס הארץ ביי ליזא'ן האָט אָנגעהויבען קלאַפּען שטארק און קרענקליך: זי האָט זיך קוים באהערשט, זי איז קוים איינגעזעסען אויפ'ן פּלאַץ. איהר האָט זיך אויסגע־וויזען, אַז ווארוואַרא פּאוולאָוונא ווייסט אַלעס און, טריאומפּי־רענדיג געהיים, לאכט זי פון איהר אונטער. צו איהר גליק, האָט נעדאָנאָווסקי אָנגעפאנגען צו רעדען מיט ווארוואַרא פּאוולאָוונא און אָפּגעצויגען איהר אויפמערקזאַמקייט. ליזא האָט זיך אָנגעבוי־גען איבער דעם נייהראַם און בגנבה זי באַאָבאַכטעט. „אָט די פרוי, — האָט זי געטראַכט: — האָט ע ר געליעבט". נאָר זי האָט גלייך פארטריבען דעם עצם געדאנק פון לאַווערעצקי'ן: זי האָט מורא געהאט אָנווערען די מאכט איבער זיך, זי האָט געפיהלט, אַז דער קאָפּ דרעהט זיך איהר שטיל. מאַריא דמיטריעוונא האָט אָנגעפאנגען צו רעדען וועגען מוזיק.

— איך האָב געהערט, טהייערע מיינע, — האָט זי אָנגע־פאנגען: — איהר זייט אַ וואונדערבארע ווירטואזין.

— איך האָב שוין לאנג ניט געשפּיעלט, — האָט ווארוואַרא פּאוולאָוונא געענטפערט, זיך באַלד געזעצט נעבען דער פּיאַנאָ, און פלינק אַ לויף געטאָן מיט די פינגער איבער די פּיאַנאָ־ביינדלאַך.

— באַפעהלט איהר?

— טוט אַ געפעליגקייט.

ווארוואַרא פּאוולאָוונא האָט קינסטליך אויסגעשפּיעלט אַ גלענ־צענדען און שווערען עטיוד פון גערץ'ן. עס איז אין איהר געווען זעהר אַ סך קראַפט און פלינקייט.

— אַ סילפּיד! — האָט געדאָנאָווסקי אויסגעשריען.

— אויסערגעוועהנליך! האָט מאַריא דמיטריעוונא באַשטע־טיגט. — נו, ווארוואַרא פּאוולאָוונא, איך בין זיך מודה, — האָט זי אַ זאָג געטאָן, צום ערשטען מאָל אָנרופענדיג זי ביים נאָמען: איהר האָט מיך איבערראַשט; איהר וואָלט געדאַרפט נאָר קאָנ־צערטען געבען. דאָ האָבען מיר אַ מוזיקער, אַן אַלטער, שטאַמט פון דייטשען, אַ מאָדנער אַזאַ, זעהר אַ געלערענטער; ער גיט ליזא'ן לעקציעס; יענער וועט פון אייך פּשוט פון זינען אַראָפּ.

— ליזאַוועטאַ מיכאַילאָוונאַ איז אויך אַ מוזיקערין? —

האָט ווארווארא פּאוולאָוונא געפרעגט, לייכט אויסקערעווענדיג צו איהר דעם קאָפּ.

— יאָ, זי שפּיעלט ניט־שלעכט און האָט ליעב מוזיק; נאָר וואס פאר א באדייטונג האָט דאָס געגען אייך? נאָר דא איז דאָ נאָך איין יונגער מאן; אָט מיט ווער איהר דארפט זיך באקענען. דאָס איז א קינסטלער אין דער נשמה און פּארפּאסט אליין זעהר גוט. ער אליין קען אייך פּאָלקאָמען אָפּשאצען.

— א יונגער מאן? — האָט ווארווארא פּאוולאָוונא א זאָג געטאָן. — ווער איז ער עס? אן אָרעמאַן עפּעס?

— אום גאָטעס ווילען, דער ערשטער קאוואלער ביי אונז — et a Petersburg. א קאמער־יונקער, ווערט אויפגענומען אין דער בעסטער געזעלשאפט. איהר האָט וועגען איהם געוויס גע־הערט: פּאנשין, וולאדימיר ניקאָלאאיטש. ער איז דאָ צוליעב א רעגירונגס־אויפטראג... א צוקונפטיגער מיניסטער, אום גאָ־טעס ווילען!

— און א קינסטלער?

— א קינסטלער אין דער נשמה און אזא ליעבענסווירדיגער. איהר וועט איהם זעהן. ער איז אָט די גאנצע צייט זעהר אָפט ביי מיר געוועזען; איך האָב איהם איינגעלאדען אויף היינטיגען אָווענט; א י ך ה אָ ף, אז ער וועט קומען, — האָט מאריא דמיטריעוונא צוגעלעגט מיט א קורצען זיפץ און אומדירעקטען ביטערען שמייכעל.

ליזא האָט פארשטאנען דעם מיינונג פון אָט דעם שמייכעל; נאָר זי איז געוועזען צו ווייט דערפון.

— און א יונגער? — האָט ווארווארא פּאוולאָוונא ווידער־האָלט, לייכט אריבערגעהענדיג פון איין טאָן אין א צווייטען.

— א יאָהר אכט און צוואנציג — און זעהר א שעהנער. Une jeune homme accompli, בנאמנות.

— א מאדעל א בחור, קען מען זאָגען, — האָט געדאנאָווסקי באמערקט.

ווארווארא פּאוולאָוונא האָט פּלוצלונג א שפּיעל געטאָן א גע־רוישיגען שטראוס־וואלס, וואָס האָט זיך אָנגעפאנגען מיט אזא שטארקען און שנעלען טרעל, אז געדאנאָווסקי האָט אזש א ציטער

געטאָן ; אין סאמע מיט פונ׳ם וואלס איז זי פלוצלונג אריבער אין א טרויעריגען מאָטיוו און פארענדיגט מיט דער אריע פון „לוטשיא״ : Fra poco... זי האָט זיך באטראכט, אז פרעהליכע מוזיק פאסט ניט צו איהר לאגע. די אריע פון „לוטשיא״ מיט׳ן טראפ אויף די סענטימענטאלע נאָטען האָט זעהר געריהרט מאריא דמיטריעוונא׳ן.

— ס׳ארא נשמה ! — האָט זי שטיל א זאג געטאָן גערעאָנאָווסקי׳ן.

— א סילפיד ! — האָט גערעאנאָווסקי ווידערהאָלט און אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל.

עס איז געקומען די מיטאָג־שעה. מארפא טימאָפעיעוונא איז אראָפּגעקומען אונטען. ווען די זופּ איז שוין געשטאנען אויפ׳ן טיש. זי האָט זיך זעהר טרוקען באגאנגען מיט ווארווארא פאוולאָוונא׳ן, האָט מיט האלבע ווערטער געענטפערט אויף איהרע קאָמפּלימענטען, אויף איהר ניט געקוקט. ווארווארא פאוולאָוונא האָט אליין גיך פארשטאנען אז מיט אָט דער אלטער וועט זי צו קיין טאָלק ניט קומען, און האָט אויפגעהערט צו איהר צו רעדען ; דערפאר איז מאריא דמיטריעוונא געוואָרען נאָך ליעבליכער צו איהר גאסט : די אומהעפליכקייט פון דער מוהמע האָט איהר געערגערט. יעדענפאלס, מארפא טימאָפעיעוונא האָט ניט נאָר אויף איין ווארווארא פאוולאָוונא ניט געקוקט : זי האָט אויף ליזא׳ן אויך ניט געקוקט, הגם די אויגען האָבען געהאלטען אין איין גלאנצען. זי איז געזעסען, ווי א שטיינערנע, אינגאנצען געל, בלאָס, מיט צוזאמענגעפרעסטע ליפּען — און האָט גאָר ניט גע־געסען. ליזא האָט געשיינט צו זיין רוהיג ; און באמת : עס איז עפּעס שטילער געוואָרען ביי איהר אויף דער נשמה ; א מאָד־נע געפּיהללאָזיגקייט, א געפּיהללאָזיגקייט פון א פאר׳משפט׳ען איז אויף איהר ארויף. ביים מיטאָג האָט ווארווארא פאוולאָוונא גע־רעדט ווינציג : זי האָט עפּעס ווי אָנגעוואוירען איהר מוט און פארשפּרייט איבער איהר פּנים אן אויסדרוק פון עניוות׳דיגער מע־לאנכאָליע. נאָר איין געדאנאָווסקי האָט געהאלטען אין איין אויפלעבען דעם שמועס מיט זיינע ערצעהלונגען, הגם ער האָט גע־האלטען אין איין קוקען שרעקעדיג אויף מארפא טימאָפעיעוונא׳ן

און קאַכיקעט — אַ קאַכיקען איז אויף איהם אָנגעפאַלען יעדען מאָל, ווען ער פלעגט זיך קלייבען אין איהר אנוועזענהייט צו ליי־גען, — נאָר זי האָט איהם ניט געשטערט, ניט איבערגעשלאָגען. נאָכ'ן מיטאג־מאָהלצייט האָט זיך ארויסגעצייגט, אַז ווארוואַרא פּאוולאָוונא איז אַ גרויסע ליעבהאָבערין פון פרעפעראַנס; מאַריא דמיטריעוונא'ן איז דאָס אזוי געפעלען, אַז זי איז אַזש גערירט געוואָרען און אַ קלער געטאָן פאַר זיך: „אך, ס'אַרא שוטה פעדאָר איוואַניטש מוז זיין: ער האָט אַזא פרוי ניט געקענט פאַרשטעהן!"

זי האָט זיך געזעצט שפּיעלען אין קאָרטען מיט איהר און מיט געדעאָנאָווסקי'ן, און מאַרפאַ טימאָפעיעוונא האָט אַוועקגעפיהרט ליזא'ן צו זיך אויבען, זאָגענדיג, אַז זי האָט שוין קיין פּנים ניט אויף זיך, אַז ס'טוט איהר, ווייזט אויס, וועה דער קאָפּ.

— יא, ס'טוט איהר שרעקליך וועה דער קאָפּ, — האָט מאַריא דמיטריעוונא אַ זאָג געטאָן, ווענדענדיג זיך צו ווארוואַרא פּאוו־לאָוונא, און פאַרגלאָצט מיט די אויגען. — ביי מיר אַליין טרעפען זיך אַזעלכע קאָפּ־שמערצען...

— וואָס רעדט איהר! — האָט ווארוואַרא פּאוולאָוונא גע־ענטפערט.

ליזא איז אריין אין דער מוהמעס צימער און אָהן כח זיך אראָפּ־געלאָזט אויף אַ שטוהל. מאַרפאַ טימאָפעיעוונא האָט לאַנג, שוויי־גענדיג, געקוקט אויף איהר, שטילינקערהייט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר איהר אויף די קניע — און אָנגעפאַנגען, אַלץ טאַקע שוויי־גענדיג, צו קושען איהר אָט איין האַנט אָט אַ צווייטע. ליזא האָט זיך אַביסעל נאָכגעגעבען פאָראויס, זיך פאַררויטעלט — און אָנ־געפאַנגען צו וויינען, נאָר מאַרפאַ טימאָפעיעוונא'ן ניט אויפגע־הויבען, די הענט ביי איהר ניט צוגענומען: זי האָט געפיהלט, אַז זי האָט קיין רעכט ניט זיי צונעמען ביי איהר, האָט קיין רעכט ניט צו שטערען דער אַלטער אויסצודריקען איהר חרטה, איינטייל, אויסצובעטען ביי איהר אַ מחילה פאַר'ן נעכטיגען; און מאַרפאַ טימאָפעיעוונא האָט זיך גאָר ניט געקענט זאַט אָנקוקען מיט אָט די אומגליקליכע, בלאַסע, קראַפטלאָזע הענט — און שטילע טרע־רען האָבען זיך געגאָסען פון איהרע און פון ליזא'ס אויגען; און אויף דער ברייטער שטוהל נעבען דער זאָק מיט'ן קניילכעל האָט

די קאַץ מאַטראָס געמיאַוקעט, דער לענגליכער פלאַם פּונ׳ם לעמ־
פּעל האָט זיך קוים־קוים געריהרט און באַוועגט פאַר דער איקאָנאַ,
— אין דעם צווייטען צימער, הינטער דער טיר, איז געשטאַנען
נאַסטאַסיאַ קאַרפּאָווגאַ און אויך בגנבה זיך אויסגעווישט די אויגען
מיט אַ נאָז טיכעלע איינגעדרעהט אין אַ קנײַלעכעל.

.40

און דערווייל, אונטען, אין גאַסט-צימער איז אָנגעגאַנגען דאָס
שפּיעל אין פּרעפערענס; מאַריאַ דמיטריעוונאַ האָט געהאַלטען
אין געווינען און איז געוועזן אויפגעלעגט. א דיענער איז אַריין
און דערלעגט, אַז פּאַנשין איז געקומען.

מאַריאַ דמיטריעוונאַ האָט אַרויסגעלאָזט די קאָרטען און אָנ־
געפאַנגען צו באַוועגען זיך טומעלדיג אויפ׳ן שטול; וואַרוואַרא
פּאַוולאָוונאַ האָט אויף איהר אַ קוק געטאָן מיט אַ האַלבען שמיי־
כעל, נאָכדעם האָט זי געווענדט איהרע בליקען צו דער טיר. עס
האָט זיך באַוויזען פּאַנשין, אין אַ פראַק מיט הויכע ענגלישע קראַ־
גענדלאַך פאַרקנעפּעלט ביז אויבען. „מיר איז שווער געווען אויס־
צופאַלגען; נאָר איהר זעהט, איך בין געקומען”: אַט וואָס עס
האָט אויסגעדריקט זיין שמייכלענדער, נאָר־וואָס אויסגעגאָלטער
פּנים.

— אום גאָטעס ווילען, וואָלדעמאַר, — האָט מאַריאַ דמיט־
ריעוונאַ אויסגעשריען: — פריהער פלעגט איהר אַריינגעהן אָהן
אַן אָנמעלדונג!

פּאַנשין האָט מאַריאַ דמיטריעוונאַ׳ן געענטפערט נאָר מיט אַ
בליק, העפליך זיך פאַרנייגט פאַר איהר, נאָר צום הענטעל איז ער
ניט צוגעגאַנגען. זי האָט איהם פאָרגעשטעלט פאַר וואַרוואַרא
פּאַוולאָוונאַ׳ן; ער האָט אַ שריט אָפּגעטראָטען, זיך פאַרנייגט
פאַר איהר אויך אַזוי העפליך, נאָר מיט אַ שאַטירונג פון גראַציע
און אכטונג, און זיך צוגעזעצט צום קאָרטען־טיש. דאָס פּרעפערענס־
שפּיעל האָט זיך גיך פאַרענדיגט. פּאַנשין האָט זיך נאָכגעפרעגט
אויף ליזאַוועטאַ מיכאַילאָוונאַ׳ן, זיך דערוואוסט, אַז זי איז ניט
איינגאַנצען געזונט, האָט ער אויסגעדריקט מיטלייד; נאָכדעם

האָט ער זיך צורעדט מיט ווארווארא פּאוולאָווגא׳ן, דיפּלאָמאַטיש אָפּגעוואויגען און איינגעפּאַסט יעדעס וואָרט, ווירדיג אויסגעהערט איהרע ענטפּערס ביז׳ן סוף. נאָר די וויכטיגקייט פון זיין דיפּלאָמאַטישען טאָן האָט אויף ווארווארא פּאוולאָווגא׳ן ניט געווירקט, זיך צו איהר ניט אריבערגעטראָגען. פאַרקערט: זי האָט מיט א פרעהליכער אויפמערקזאמקייט געקוקט איהם אין פּנים אריין, גערעדט גאנץ פריי, און איהרע קליינע נאָז־לעכער האָבען לייכט געציטערט, ווי פון איינגעהאַלטענעם געלעכטער. מאריא דמיטריעוונא האָט אָנגעפאנגען אויפצוהויבען ביז׳ן הימעל איהר טאַלאנט; פאנשין האָט מיט דרך־ארץ, ווי ווייט זיינע קראַגענדלאך האָבען איהם ערלויבט, פאַרנייגט דעם קאָפּ, ערקלערט, אז „ער איז געווען אין דעם נאָך פריהער איבערצייגט" — און פאַרפיהרט א געשפּרעך אויב ניט אזש פון מעטערניק׳ן אליין. ווארווארא פּאוולאָווגא האָט האלב־צוגעמאַכט איהרע סאַמעטענע אויגען און א זאָג געטאָן מיט א האלבען קול: „איהר זענט דאָך אויך אַן ארטיסט, Un confrere :צוגעלעגט נאָך שטילער—— "Venez!" ,"און א שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ צו דער זייט פון דער פּיאַנאָ. אָט דאָס איין אריינגעוואָרפען וואָרט: "Venez!" — האָט אין א רגע, ווי דורך א כשוף, געענדערט דעם גאנצען אויסזעהן פון פאנישינען. דער פאַרזיכטיגער שטאָלץ זיינער איז פארשוואונדען; ער האָט א שמייכעל געטאָן, לעבעדיג געוואָרען, צושפּילעט דעם פראַק און, ווידערהאָלענדיג: „וואָס פאַר אַן ארטיסט בין איך, אומשטיינס געזאָגט! אָט איהר, האָב איך געהערט, זענט אַן אמת׳ע ארטיסטין" — האָט ער זיך א לאָז געטאָן נאָך איהר צו דער פּיאַנאָ.

— צווינגט איהם אויסצוזינגען דעם ראָמאַנס — ווי עס שווימט די לבנה, — האָט מאריא דמיטריעוונא אויסגעשריען.

— איהר זינגט? — האָט ווארווארא פּאוולאָווגא א זאָג געטאָן באַלייכטענדיג איהם מיט א ליכטיגען און שנעלען בליק. — זעצט אייך.

פאנשין האָט אָנגעפאנגען זיך ארויסצודרעהען מיט תירוצים.

— זעצט אייך, — האָט זי ווידערהאָלט, מיט עקשנות א קלאַפּ טוענדיג איבער דעם פאַרענטש פון שטוהל.

ער האָט זיך געזעצט, א הוסט געטאָן, אָפּגעצויגען די קראַ־
ווענדלאך און אויסגעזונגען זיין ראָמאנס.

— Charmant האָט ווארוואראַ פּאוולאָוונא ארויסגע־
רעדט :—איהר זינגט אויסגעצייכענט, Vous avez du style. —
זינגט דאָס איבער.

זי איז ארומגעגאנגען ארום דער פּיאנאָ און האָט זיך גע־
שטעלט פּונקט אנטקעגען פּאנשינען. ער האָט איבערגעזונגען דעם
ראָמאנס, און צוגעגעבען א מעלאָדראמאטישען ציטער צו זיין שטי־
מע. ווארווארא פּאוולאָוונא האָט אויף איהם אויפמערקזאם גע־
קוקט, אָנגעשפּארט די עלענבויגענס אויף דער פּיאנאָ און געהאל־
טען איהרע ווייסע הענט אין א גראדער ליניע מיט איהרע ליפּען.
פּאנשין האָט געענדיגט. — Charmaut, Charmaute idee,—
האָט זי געזאָגט מיט דער רוהיגער איבערצייגונג פון א קענער. —
זאגט, איהר האָט עטוואס אויפגעשריבען פאר א פרויען שטימע, פאר
א מעצאָ־סאָפּראנאָ ?

— איך שרייב כמעט גאָר ניט, — האָט פּאנשין געענטפערט :
— איך האָב דאָס דאָך נאָר אזוי זיך, אין מיטען דער ארבייט...
און איהר זינגט דען ?

— איך זינג.

— אָ ! זינגט אונז עפּעס, — האָט מאריא דמיטריעוונא
א זאָג געטאָן.

ווארווארא פּאוולאָוונא האָט אָפּגעשארט מיט דער האנט די
האָר פון די פאררויטעלטע באקען און א טרייסעל געטאָן מיט'ן
קאָפּ.

— אונזערע שטימען דארפען זיך צופּאסען איינע צו דער
צווייטער, — האָט זי א זאָג געטאָן, ווענדענדיג זיך צו פּאנשינען :
לאָמיר אויסזינגען א דועט. איהר קענט אפשר : Son geloso
אָדער La ci darem אָדער Mira la bianca luna

— איך האָב אמאָל געזונגען Mira la bianca luna?

— האָט פּאנשין געענטפערט : — אָבער שוין לאנג, שוין פאר־
געסען.

— ניש־קשה, מיר וועלען פריהער מאכען א רעפּעטיציע שטי־
לערהייט. לאָזט מיך.

ווארווארא פאווליאוונא האט זיך געזעצט נעבען דער פיאנא.
נעבען איהר האט זיך אוועקגעשטעלט פאנשין. זיי האבען אויפ־
געזונגען האלב אין דער שטיל דעם דועט, דערביי האט ווארווארא
פאווליאוונא איהם עטליכע מאל פארריכט, נאכדעם האבען זיי
געזונגען אין דער הויך, נאכדעם האבען זיי צוויי מאל ווידער־
האלט: Mira la blanca lu...u...na! די שטימע ביי
ווארווארא פאווליאוונא האט אנגעווארען די פרישקייט, נאר זי
האט די שטימע זעהר קינסטליך באהערשט. פאנשין האט צוערשט
זיך געשראקען און עטוואס אראפ פון׳ם טאן, נאכדעם האט ער זיך
א נעם געטאן מיט ברען, און אויב ער האט געזונגען ניט
נאר גוט, האט ער אבער באוועגט מיט די פלייצעס, געטרייסעלט
דעם גאנצען קערפער און צייטענווייז אויפגעהויבען די האנט, ווי
א עכטער זינגער. ווארווארא פאווליאוונא האט אויסגעשפיעלט
צוויי־דריי טאלבערגאווערהאווער זאכען און קאקעטיש „געזאגט"
א פראנצויזישע אריעטקעלע. מאריא דמיטריעווא האט שוין ניט
געוואוסט ווי אזוי אויסצודריקען איהר פארגעניגען; זי האט
עטליכע מאל געוואלט שיקען נאך ליזא׳ן; גערעאנאווסקי האט
אויך קיין ווערטער ניט געקענט געפינען און נאר געשאקעלט מיט׳ן
קאפ, — אבער פלוצלונג האט ער אומערווארטעט א געניץ געטאן
און האט קוים צייט געהאט צודעקען דאס מויל מיט דער האנט.
אט דעם געניץ האט ווארווארא פאווליאוונא באמערקט; זי האט
זיך פלוצלונג אויסגעדרעהט מיט׳ן רוקען צו דער פיאנא, א זאג
געטאן: assez de musique comme ca; לאמיר פלוידערן —
און פארלעגט די הענט ווי א צלם. "Oui, assez de musique;",
האט פאנשין פרעהליך ווידערהאלט און פארבונדען מיט איהר א
געשפרעך — א מונטערן, לייכטען, אויף דער פראנצויזישער
שפראך. „פונקט ווי אין בעסטען פאריזער סאלאן", האט מאריא
דמיטריעוונא געטראכט, הערענדיג זייערע וויציגע און לעבעדיגע
רייד. פאנשין האט באמת הנאה געהאט; זיינע אויגען האבען
געגלאנצט, ער האט געשמייכעלט; צוערשט האט ער א פיהר גע־
טאן מיט דער האנט איבער׳ן פנים, געקנייטשט מיט די ברעמען
און אפגעריסען געזיפצט, בעת ער פלעגט זיך באגעגענען מיט די
בליקען פון מאריא דמיטריעוונא; נאר שפעטער האט ער איִנ־

גאנצען וועגען איהר פארגעסען און האט זיך גאר איבערגעגעבען צום תענוג פון האלב־וועלטליכער און האלב־קינסטלערישער פלוי־דעריי. ווארווארא פאוולאָוונא האט זיך ארויסגעציינט אלס גרויסע פילאָזאָפקע: אויף אלעס האט זי געהאט א גרייטען ענטפער, וועגען קיין זאך האט זי זיך ניט געוואקעלט, וועגען קיין זאך ניט געצווייפעלט; עס איז געווען קענטיג, אז זי האט אפט געשמועסט מיט קלוגע מענשען פון אלערליי שאטירונגען. אלע איהרע גע־דאנקען, געפיהלען האבען זיך געדרעהט ארום פאריז. פאנשין האט ארויפגעפיהרט דעם געשפרעך אויף ליטעראטור: לאָזט זיך אויס, אז זי, פונקט ווי ער, האבען געלייענט אלץ איינע פראנ־צויזישע ביכלאך: זשאָרזש סאנד פלעגט איהר אריינברענגען אין כעס, פאר באלזאק'ען האט זי געהאט דרך־ארץ, הגם ער פלעגט זי מיעד מאכען, אין סיו'ען און אין סקריב'ען האט זי געזעהן די גרויסע קענער פון'ם מענשליכען הארץ, דיומא'ן און פעוואל'ן האט זי פארגעטערט; אין הארצען האט זי העכער געהאלטען פאר אלע־מען פאל דע־קאָק'ן, נאר, פארשטעהט זיך, זי האט אפילו ניט דערמאָנט זיין נאָמען, אייגענטליך האט די ליטעראטור זי ניט זעהר אינטערעסירט. ווארווארא פאוולאָוונא האט זעהר קונציג אויסגעמיטען אלעס, וואָס האט געקענט אפילו אומדירעקט דער־מאָנען איהר לאגע; וועגען ליעבע איז אפילו קיין זכר ניט געוועזן אין איהרע רייד: אדרבא גיכער האט אין זיי געקלונגען די שטרענגקייט צו אלערליי תאוות, ענטוישונג און הכנעה. פאנשין פלעגט איהר אָפּענטפערן; זי פלעגט מיט איהם ניט איינשטימען... נאר, א מאָדנע זאך! — אין דער זעלביגער צייט, בעת פון איהר מויל פלעגען ארויסגעהן שטרענגע ווערטער, אָפט גאר הארבע, האט דער קלאנג פון אָט די ווערטער געצערטעלט, און די אויגען האבען גערעדט.... וואָס אייגענטליך אָט די שעהנע אויגען האבען גערעדט, — איז שווער געווען צו זאָגען; נאר דאָס זיינען געווען ניט קיין שטרענגע, אומקלאָרע און זיסע רייד. פאנשין האט זיך געפלייסט צו פארשטעהן זייער געהיימען זינן, האט זיך געפלייסט אליין רעדען מיט די אויגען, נאר ער האט געפיהלט, אז ביי איהם קומט גאָרניט ארויס; ער האט אנערקענט, אז ווארווארא פאוולאָוונא, אלס עכטע אויסלענדישע באריהמטהייט, שטעהט העכער פון איהם,

און דערפאר האָט ער זיך ניט אינגאנצען געקענט באהערשען. ווארוואראַ פּאוולאָוונא האָט געהאַט אַ געוועהנהייט בעת אַ געשפּרעך עטוואָס צו באריהרען דעם ארבעל פון איהר קאָמפּאַניאָן; אָט די לייכטע באריהרונגען האָבען זעהר צוטומעלט וולאדימיר ניקאָלאַיעוויטשען. ווארוואראַ פּאוולאָוונא האָט באַזעסען די פּעהיגקייט זיך לייכט צוזאמענגעהן מיט אַלעמען; קיין צוויי שעה זיינען נאָך ניט אוועקגעגאנגען און פאנשינען האָט זיך געדוכט, אַז ער קען זי שוין אַ יובל, און ליזאַ, די זעלביגע ליזאַ, וואָס ער האָט פונדעסטוועגען ליעב געהאַט, און ביי וועמען ער האָט ערשט נעכטען אין אווענט געבעטען די האנט, — איז פארשוואונדען ווי אין נעבעל. מען האָט דערלאַנגט טעה; דער געשפּרעך איז געוואָרען נאָך פרייער. מאריאַ דמיטריעוונא האָט אַ קלונג געטאָן נאָכ׳ן קאָזאַקעל און איהם באפעהלען זאגען ליזאַ׳ן, אַז זי זאָל אראָפּגעהן אונטען, אויב דער קאָפּ־וועהטאָג איז איהר גרינגער געוואָרען. בעת פאנשין האָט דערהערט ליזאַ׳ס נאָמען, האָט ער זיך אוועקגעלאָזט אין אַ שמועס מכח זעלבסט־אויפאָפּפערונג, מכח דעם, ווער עס איז מעהר פעהיג אויף קרבנות — אַ מאַן אָדער אַ פרוי. מאריאַ דמיטריעוונא איז באַלד געוואָרען אויפגערעגט, אָנגעפאנגען צו באהויפּטען, אַז אַ פרוי איז מעהר פעהיג, ערקלערט, אַז זי וועט דאָס באווייזען מיט צוויי ווערטער, זיך פארפּלאָנטערט און געענדיגט מיט אַ גאַנץ אומגעלונגענעם פארגלייך. ווארוואראַ פּאוולאָ האָט גענומען אַ העפט פון נאָטען ביז האַלב זיך פארדעקט דערמיט, זיך אָנגעבויגען צו דער זייט פון פאנשינען, געקייט אַ ביסקוויט, מיט אַ רוהיג. שמייכעלע אויף די ליפען און אינ׳ם בליק, האָט שטיל אַ זאָג געטאָן: “elle n'a pas invente la poudre, la bonne damme”. פאנשין האָט זיך אַ ביסעל דערשראָקען און פאר׳חדוש׳ט אויף דער געוואגטקייט פון ווארוואראַ פּאוולאָוונאַ׳ן; נאָר ער האָט ניט פארשטאנען, ווי פיעל פאראַכטונג צו איהם גופא עס איז געווען באהאלטען אין אָט דער אומערווארטעטער הארץ־אויסגעסעניש, און פארגעטען האָט ער אַלע ליעבליכקייטען און די איבערגעבענהייט פון מאריאַ דמיטריעוונאַ, פארגעסען די מיטאָג־מאָלצייטען, מיט וועלכע זי פּלעגט איהם האָדעווען, דאָס געלד, וואָס זי פּלעגט איהם לייהען, — ער האָט טאקע

מיט יענעם שמייכעלע און מיט יענער שטימע געענטפערט (אומ־גליקליכער!): "Je crois bien" און אפילו ניט: Je crois bien נאר "J'crois ben".

ווארווארא פאוולאָוונא האָט אויף איהם געוואָרפען א פריינד־ליכען בליק און איז אויפגעשטאנען. ליזא איז אריינגעקומען; אומ־זיסט האָט זי מארפא טימאָפעיעוונא אָפגעהאלטען: זי האָט באַ־שלאָסען אויסצוהאלטען דעם נסיון ביז'ן סוף. ווארווארא פאוו־לאָוונא איז איהר אנטקעגען געגאנגען צוזאמען מיט פאנשינען, אויף וועמעס פנים עס האָט זיך באוויזען דער פריהערדינער דיפּ־לאָמאַטישער אויסדרוק.

— וואָס מאכט איהר אין געזונד? — האָט ער א פרעג גע־טאָן ליזא'ן.

— מיר איז איצט בעסער, א דאנק, — האָט זי געענטפערט.

— און מיר האָבען זיך דאָ א ביסעל פארנומען מיט מוזיק; א שאָד, וואָס איהר האָט ניט געהערט ווארווארא פאוולאָוונא'ן. זי זינגט אויסגעצייכענט, en artiste consommee.

— קומט נאָר אהער, ma chere, — האָט זיך דערהערט מאריא דמיטריעוונא'ס שטימע.

ווארווארא פאוולאָוונא איז גלייך, מיט דער געהאָרכזאמקייט פון א קינד, פון איהר צוגעגאנגען און זיך אוועקגעזעצט אויף א קליין טאבורעטקעלע נעבען איהרע פיס. מאריא דמיטריעוונא האָט זי א רוף געטאָן צוליעב דעם, כדי צו לאָזען די טאָכטער, כאָטש אויף א רגע, אליין מיט פאנשינען: זי האָט נאָך אלץ אין האר־צען געהאָפט, אז זי וועט זיך נאָך באדענקען. אחוץ דעם, איז איהר אריין אין קאָפּ א געדאנק, וואָס זי האָט אומבאדינגט גלייך געוואָלט ארויסזאָגען.

— ווייסט איהר, — האָט זי א שושקע געטאָן ווארווארא פאוולאָוונא'ן: — איך וועל אייך פּרובירען איבערבעטען מיט אייער מאן; איך קען ניט קאָווירען פאר ערפאָלג, אָבער איך וועל פּרובירען. פאר מיר, ווייסט איהר, האָט ער גרויס דרך ארץ.

ווארווארא פאוולאָוונא האָט פּאַמעלאך אויפגעהויבען די אוי־גען אויף מאריא דמיטריעוונא און שעהן צוזאמענגעלעגט די הענט.

— איהר וואָלט געווען מיין רעטערין, ma tante, — האָט

זי א זאָג געטאָן מיט א טרויעריגער שטימע: — איך ווייס ניט ווי אזוי אייך אָפּצודאנקען פאר אַלע אייערע צערטליכקייטען; נאָר איך בין צו פיעל שולדיג געגען פעדאָר איוואניטשען; ער קען מיר ניט מוחל זיין.

— האָט איהר דען... באמת... — האָט מאריא דמיטריעוונא אָנגעפאנגען מיט נייגיעריגקייט...

— פרעגט מיך ניט, — האָט ווארווארא פּאוולאָוונא איהר איבערגעשלאָגען און אראָפּגעלאָזט די אויגען. איך בין געווען יונג, לייכטזיניג... איבריגענס, איך וויל זיך ניט פארענטפערן.

— נו, פונדעסטוועגען, ווארום ניט פּרובירען? זייט נאָר ניט פארצווייפעלט, — האָט מאריא דמיטריעוונא געענטפערט און גע־וואָלט זי א גלעט טאָן איבער דער באַק, נאָר זי האָט איהר א קוק געטאָן אין פּנים — און געבליבען אָפּהענגדיג. „צניעות'דיג, צניעות'דיג, — האָט זי א טראכט געטאָן, — נאָר א רעכטער פויגעל".

— איהר זיינט קראנק? — האָט בעת מעשה פּאנשין גע־זאָגט ליזא'ן.

— יא, איך בין ניט געזונט.

— איך פארשטעה אייך, — האָט ער א זאָג געטאָן נאָך א גאנץ לאנגען שווייגען. — יאָ, איך פארשטעה אייך.

— ווי?

— איך פארשטעה אייך, — האָט באדייטענד ווידערהאָלט פּאנשין, וועלכער האָט פּשוט ניט געוואוסט, וואָס צו זאָגען.

ליזא איז צוטומעלט געוואָרען, און נאָכדעם א קלעהר געטאָן: „זאָל ער!" פּאנשין האָט אָנגענומען א געהיימניספולען אויסזעהן און אנטשוויגען געוואָרען, מיט שטרענגקייט כאפּענדיג א קוק אַלע מאָל אין א זייט.

— פונדעסטוועגען, דאכט זיך, האָט שוין געקלונגען עלף א זייגער, — האָט מאריא דמיטריעוונא באמערקט.

די געסט האָבען פארשטאנען דעם רמז און אָנגעפאנגען זיך צו געזעגענען. ווארווארא פּאוולאָוונא האָט געמוזט צוזאָגען, אז זי וועט קומען מיטאָג עסען אויפ'ן צווייטען טאָג און מיטברענגען אדא'ן; געדעאָנאָווסקי, וואס איז שיער ניט איינגעשלאָפען, זיצענ־

דיג אין ווינקעלע, האָט זיך ארויסגערופען צו באַגלייטען זי אהיים. פאַנשין האָט פייערליך זיך אָפּגעזעגענט מיט אַלעמען, און אויפ׳ן גאַניקעל, אריינזעצענדיג ווארוואַרא פּאוולאָווּנא׳ן אין קארעטע, האָט ער איהר אַ דריק געטאָן די האנט און איהר נאָכגעשריען: au revoir! גערעאָנאָווסקי האָט זיך געזעצט מיט איהר זייט ביי זייט; דעם גאַנצען וועג האָט זי זיך אונטערהאַלטען דערמיט, וואָס זי האָט אלע מאָל אַ שטעל געטאָן, כלומרשט אומגערן, דעם שפּיץ פון איהר פיסעל אויף זיין פוס; ער פלעגט עפּעס ווערען אָפּהענדיג, מאכען איהר קאָמפּלימענטען; זי האָט געקוואַלען, געמאכט אויגע־לאַך צו איהם, ווען דאָס ליכט פון די גאַסען־לאָמפּען איז געפאַלען אין קארעטע. דער וואַלץ, וועלכען זי אליין האָט אויסגעשפּיעלט, האָט איהר געקלונגען אין קאָפּ, זי אויפגערעגט; וואו זי זאָל ניט געווען זיין, האָט זי נאָר געדאַרפט זיך פאָרשטעלען פייערן, אַ באַל־זאַל, דאָס שנעלע דרעהען אונטער די קלאַנגען פון מוזיק — און די נשמה האָט זיך אין איהר אָנגעצונדען, די אויגען האָבען עפּעס מאָדנע זיך פארטונקעלט, אַ שמייכעל האָט געבלאָנדזשעט אויף די ליפּען, עפּעס גראַציעז־וואַקכישעס האָט זיך צוגאָסען איבער׳ן גאַנצען קערפּער. צופאָהרענדיג אהיים איז ווארוואַרא פּאוולאָוונאַ לייכט ארויסגעשפּרונגען פון דער קארעטע — נאָר באַריהמטהיי־טען קענען אזוי ארויסשפּרינגען — האָט זיך אויסגעקערעוועט צו גערעאָנאָווסקי׳ן און פּלוצלונג זיך צולאַכט מיט אַ קלינגענדיגען גע־לעכטער גלייך איהם אין נאָז.

„אַ ליעבענסווירדיגע פּערזאָן, — האָט דער שטאַאַטס־ראַט מיטגליעד געטראַכט, קלייבענדיג זיך צו זיך אויף דער קוואַרטיר, וואו זיין דינער האָט אויף איהם געוואַרט מיט אַ גלאָז אָפּאָדעלדאָק: גוט, וואָס איך בין אַ געזעצטער מענש... נאָר — פון וואָס האָט זי געלאַכט?“

מארפא טימאָפעיעוונא איז די גאַנצע נאַכט איבערגעזעסען ביי ליזא׳ם צוקאָפּענס.

.41

לאַוורעצקי האָט פארבראַכט אַנדערטהאַלבען טעג אין וואַ־סיליעווסקאָיע און כמעט די גאַנצע צייט זיך ארומגעשלייערט אין

דער אומגעגענד. ער האָט לאַנג ניט געקענט בלייבען אויף איין פּלאַץ: די בײנקעניש האָט איהם גענאָגט; ער האָט דורכגעליטען אלע יסורים פון אומאויפהערבארע האסטיגע און קראַפּטלאָזע אימפּולסען. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם געפיהל, וואָס האָט ארומגעכאַפּט זיין נשמה אויפ'ן צווייטען טאָג נאָך זיין קומען אין דאָרף: ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיינע דאַמאָלסדיגע פּראָיעקטען און שטארק געװען אויף זיך ברוגז. וואָס האָט איהם געקענט אָפּרייסען דערפון, וואָס ער האָט אנערקענט אלס זיין חוב, אלס די איינציגע אויפגאַבע פון זיין צוקונפט? די דורשט נאָך גליק — ווידער טאקע די דורשט נאָך גליק! „ווייזט אויס, מיכאלעוויטש איז געוועכט", האָט ער געטראכט. „עס האָט זיך דיר פארגלוסט א צווייטען מאָל פארזוכען דאָס גליק פון לעבען, — האָט ער צו זיך אליין געזאָגט: — דו האָסט פארגעסען, אז דאָס איז גאָר א לוקסוס, אָן אומפארדיענטע טובה, ווען עס באזוכט דעם מענשען כאָטש נאָר איינמאָל. עס איז ניט געווען קיין פול גליק, עס איז געווען פאלש, וועסטו זאָגען; צייג־זשע אָן דיין רעכט אויף פולען, אמת'ן גליק! קוק זיך ארום, ווער לעבט ארום דיר אין תענוג, ווער האָט הנאה? אָט פאָהרט א פויער צום שניט; עס קען זיין, ער איז צופריעדען מיט זיין גורל... נו, וואָס? וואָלסטו מרוצה געווען זיך מיט איהם בייטען? דערמאָן זיך אָן דער מאַמען דיינער: ווי נישטיג־קליין עס זיינען געווען איהרע פאָדערונגען, און וואָס פאר א גורל עס איז איהר באשערט געווען? דו, ווייזט אויס, האָסט זיך נאָר באריהמט פאר פאנשינען, בעת דו האָסט איהם געזאָגט, אז דו ביסט געקומען אין רוסלאַנד צוליעב דעם, כדי צו אקערן ערד; דו ביסט געקומען זיך ארומצושלעפּען אויף דער על־טער מיט מיידלאך. עס איז אָנגעקומען די ידיעה וועגען דיין פרייהייט, און דו האָסט אלעס אוועקגעוואָרפען, אלעס פארגעסען, דו האָסט זיך צוויאָגט, ווי א אינגעל נאָך א שמעטערלינג"... ליזא'ס געשטאַלט האָט זיך איהם נאָכאַנאַנד פאָרגעשטעלט בעת דעם נאָכדענקען; ער האָט מיט מיה איהם ארויסגעטריבען, אקוראט ווי אָן אנדער צודרינגליכען געשטאַלט, אנדערע געלאַסען־כיטרע, שעהנע און פארהאסטע שטריכען. דער אלטער אנטאָן האָט באמערקט, אז דער פּריץ איז עפּעס ניט מיט אלעמען; אָפּ־

זיפצענדיג עטליכע מאָל הינטער דער טיר, און עטליכע מאָל אויפ׳ן שוועל, האָט ער באשלאָסען צו איהם צוגעהן, איהם גע׳עצה׳ט אויס־טרינקען עטוואָס ווארעמינקעס. לאַוורעצקי האָט אויף איהם אָנ־געשריען, איהם געהייסען ארויסגעהן, נאָר דערנאָך האָט ער זיך פאר איהם ענטשולדיגט; אָבער אַנטאָנען האָט דאָס נאָך ערגער געאַרט. לאַוורעצקי האָט ניט געקענט איינזיצען אין גאסט־צימער; איהם האָט זיך אַלץ אויסגעוויזען, אַז דער עלטער־זיידע אַנדריי קוקט פון דער לייוועגט אויף זיין שוואַכען אייניקעל. — „אך דו! קריכער!" האָט געדוכט, זאָגען זיינע אויף א זייט אויסגעדרעהטע ליפען. „ניט שוין־זשע, — האָט ער געטראכט, — וועל איך מיט זיך ניט מושוה ווערען, — זיך אונטערגעבען אַט דער... נאַריש־קייט?" (שווער־פארוואונדעטע אויף דער מלחמה רופען שטענדיג אָן זייערע וואונדען „נאַרישקייטען". ווען א מענש זאָל זיך ניט אָבנאַרען — וואָלט ער ניט געקענט לעבען אויף דער וועלט). „וואָס בין איך דאָס באמת, א איננגעלע, צי וואס? יא, נו: איך האָב געזעהן נאָהענט, כמעט אין די הענט געהאַלטען די מעגליכקייט פון גליק אויפ׳ן גאַנצען לעבען — איז דאָס פּלוצלונג פארשוואונדען; איז דאָך אין א לאָטעריע אויך דאָס זעלבע — ווען דאָס רעדעל זאָל זיך עטוואָס מעהר א דרעה טאָן, וואָלט דאָך א קבצן, אפילו, געוואָ־רען אַן עושר. אזוי איז עס ניט, עס איז דאָך אזוי ניט — און א סוף. איך וועל זיך א נעהם טאָן צו דער זאַך, פארדריקען מיט די צייהן און זיך באַפעהלען צו שווייגען; עס איז מיר ניט דאָס ער־שטע מאָל זיך צו נעהמען אין די הענט. און צוליעב וואס בין איך געלאָפען, פארוואָס זיץ איך דאָ און פארשטעק, ווי א שטראוס, דעם קאָפּ אין א קוסט? שרעקליך צו קוקען דעם אומגליק אין די אויגען — נאַרישקייטען!" — אַנטאָן! — האָט ער הויך א געשריי גע־טאָן: הייס גלייך אויסריכטען אַן עקיפּאַזש. — „יא, — האָט ער ווידער א קלער געטאָן, — מען דארף זיך באַפעהלען צו שווייגען, מען דארף זיך אריינגעהמען אין די הענט, ווי עס דארף צו זיין".

אָט מיט אזעלכע חקירות האָט לאַוורעצקי זיך געפּלייסט גרינגער מאכען זיין צרה; נאָר געוועזען איז זי גרויס און שטאַרק; אפילו אַפּראַקסעיא, וואָס איז געווען ניט אזוי עובר בטל, ווי אָהן יעדער געפיהל, האָט א שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ און טרויעריג

איהם באגלייט מיט די אויגען, בעת ער האָט זיך אריינגעזעצט אין עקיפּאַזש, צו פאַרען אין שטאָדט. די פערד זיינען געפלויגען; ער איז געזעסען אומבאווענליך און גלייך, און אומבאוועגליך געקוקט פאַראויס, אויפ׳ן וועג.

42.

ליזא האָט מיט א נאכט פריהער אנגעשריבען לאַווּרעצקי׳ן, אז ער זאל קומען צו זיי אין אָוונט; נאָר צוערשט איז ער אוועק צו זיך אויף דער קוואַרטיר. אין דער היים האָט ער געטראָפען ניט דאָס ווייב, ניט די טאָכטער; פון דער דיענערשאַפט האָט ער זיך דערוואוסט, אז זי איז אוועק צו די קאַלאטינס. אָט די ידיעה האָט איהם אי איבערראַשט, אי אריינגעבראַכט אין כעס. „ווייזט אויס, וואַרוואַרא פּאַוולאָווגא האָט באַשלאָסען מיך ניט לאָזען לעבען", האָט ער געטראַכט מיט א בייזקייט אויפ׳ן האַרצען. ער האָט אָנגעפאַנגען צו געהן הין און צוריק, נאָכאַנאַנד אבשטויסענדיג מיט די הענט און מיט די פיס די קינדערשע שפּיעלכעלאַך, וואָס האָבען זיך איהם געטראָפען, ביכלאַך און פאַרשיעדענעם פרויען־רעמאַנענט; ער האָט א רוף געטאָן זשוסטינגען און איהר באַפעהלען אויפצוראַמען דאָס גאַנצע „מיסט". Oui, monsieur, האָט זי א זאָג געטאָן מיט א גרימאַסע און אָנגעפאַנגען צוראַמען דאָס צימער, גראַציעז זיך אנגעבויגען און מיט יעדער באַוועגונג איהרער מודיע געווען לאַווּרעצקי׳ן, אז זי רעכענט איהם פאַר אן אומגעהובעלטען בער. מיט האַס האָט ער געקוקט אויף איהר אבגעניצטען, נאָר אַלץ נאָך „פּי־קאַנטען", לעבערליכען, פּאַריזער פּנים, אויף איהרע ווייסע האַלב־אַרבעלאַך, זיידענעם פאַרטוך און לייכטען טשיפּיק. ענדליך, האָט ער זי אוועקגעשיקט און, נאָך א לאַנגען ישוב־הדעת (וואַרוואַרא פּאַוולאָווגא האָט זיך נאָך אַלץ ניט אומגעקעהרט), האָט ער באַ־שלאָסען אוועקצוגעהן צו די קאַליטינס, — ניט צו מאַריא דמיטרי־עווגא׳ן (ער וואָלט פאַר קיין זאַך אין דער וועלט ניט אריינגעגאַנ־גען אין איהר גאַסט־צימער, אין יענעם גאַסט־צימער, וואו זיין ווייב איז געווען), נאָר צו מאַרפאַ טימאָפעיעווגא׳ן; ער האָט זיך דער־מאָנט, אז די הינטערשטע טרעפּ פון דעם דינערשאַפט־גאַניקעל

פיהרען גלייך צו איהר. לאוורעצקי האט טאקע אזוי געטאן. א צופאל האט איהם ארויסגעהאלפען: אויפ'ן הויף האט ער באגעגענט שוראטשקא'ן; זי האט איהם דורכגעפיהרט צו מארפא טימאפעיעווגא'ן. ער האט זי געטראפען, געגען איהר געוועהנהייט, אליין; זי איז געזעסען אין א ווינקעלע, מיט א נאקעטען קאפּ, איינגעהארבעט, מיט די הענט איבערגעקרייצט אויף דער ברוסט. די אלטע האט זיך זעהר איבערגעשראקען, ווען זי האט דערזעהן לאוורעצקי'ן; זי האט זיך אויפגעשטעלט פלינק און אנגעפאנגען צו געהן הין און צוריק איבער'ן צימער, כלומר'שט זוכענדיג איהר טשיפּיק.

— א, אט ביזטו, אט, — האט זי אנגעפאנגען ריידען, אויסמיידענדיג זיין בליק און דרעהענדיג זיך אומזיסט און אומנישט: — נו, א גאט העלף. נו, וואס־זשע? וואס מאכט מען! וואו ביזטו געווען נעכטען? נו, זי איז געקומען, יא, נו. מען מוז שוין עפעס אזוי... ווי ס'ניט איז.

לאוורעצקי האט זיך אראבגעלאזט אויף א שטול.

— נו, זעץ זיך, זעץ זיך, — האט די אלטע פארגעזעצט. דו ביסט גלייך ארויפגעגאנגען אויבען? יא, נו, פארשטעהט זיך, וואס־זשע? ביסט אויף מיר געקומען א קוק טאן? א דאנק.

די אלטע האט אביסעל געשוויגען; לאוורעצקי האט ניט געוואוסט, וואס איהר צו זאגען; נאר זי האט איהם פארשטאנען.

— ליזא... יא, ליזא איז נאר־וואס דא געווען, — האט מארפא טימאפעיעווגא פארגעזעצט, אפבינדענדיג און צובינדענדיג די בענדלאך פון איהר רידיקיול. — זי איז ניט אינגאנצען געזונט. שוראטשקא, וואו ביזטו? קום אהער, מאמע מיינע, וואס קענסטו עפעס ניט איינזיצען? מיר טוט אויך וועה דער קאפּ. ווייזט אויס פון אט דעם א, פונ'ם זינגען און פון דער מוזיק.

— פון וואס פאר א זינגען, מוהמעניו?

— נו, אודאי; דא זיינען שוין אט די א, ווי רופט מען זיי אויף אייער לשון, דועטען אוועק. און אלץ אויף איטאליעניש; טשי־טשי און טשא־טשא, אמת'ע סאראקעס. פאנגען זיי אן ארויסברענגען די נאטען, ציהען זיי פשוט ארויס די נשמה. אט דער פאנשין און דיינע. און ווי גיך דאס אלעס האט זיך איינגעאר־

רענט; שוין טאַקע אויף א קרוב׳ישען אופן, אָהן צערעמאָניעס. נאָר צוריק די אייגענע מעשה: א הונט אפילו זוכט זיך אויף אן אָבדאַך. מען וועט שוין ניט געהן צו גרונד, אז מענשען וועלען ניט טרייבען.

— פונדעסטוועגען, בין איך זיך מודה, דאָס האָב איך ניט ער־ווארטעט, — האָט לאַוורעצקי געענטפערט: — דערצו דארף מען א סך עזות.

— ניין, נשמה מיינע, דאס איז ניט קיין עזות, דאס איז אויסרעכענונג. נאָר כאַפּט זי דער גוטער יאהר! דו שיקסט זי, זאגט מען, קיין לאַוריקי, אמת?

— יא, איך גיב איבער אָט דעם גוט צו ווארווארא פּאַוו־לאָווגא׳ן.

— זי האָט געבעטען געלט?

— דערווייל נאָך ניט.

— נו, דאָס וועט זיך ניט פארציהען. און דיך האָב איך ערשט איצטער רעכט באַקוקט. ביזט געזונט?

— געזונט.

— שוראַטשקא! — האָט מארפא טימאָפעיעוונא פּלוצלונג אויסגעשריען: — געה נאָר, זאָג ליזאַוועטא מיכאַילאָווגא׳ן — ס׳הייסט, ניין, פרעג ביי איהר... זי איז דאָך אונטען?

— אונטען.

— יא, נו; טאָ פרעג איהר: וואו, הייסט דאָס, האָט זי אהינגעטאָן מיין ביכעל? זי ווייס שוין.

— גוט.

די אַלטינקע האָט זיך ווידער אנגעפאנגען ארומצודרעהען, צועפענט די שופלאָדען פון דער שאפע. לאַווערצקי איז געזעסען אומבאַוועגליך אויף זיין שטול.

פּלוצלונג האָבען זיך דערהערט לייכטע טריט אויף די טרעפּ — און ליזא איז אריינגעקומען.

לאַווערצקי איז אויפגעשטאַנען און זיך פארנייגט; ליזא האָט זיך אבגעשטעלט נעבען דער טיר.

— ליזאַ, ליזאַטשקאַ, — האָט מארפא טימאָפעיעווּנאַ באַ־שעפטיגט אנגעפאנגען צו ריידען: — וואו האָסטו אוועקגעלעגט מיין ביכעל, וואו האָסטו?

— וואָס פאר א ביכעל, מוהמעניו?

— אָ, דאָס ביכ'על, גאָט מיינער! איך האָב דיך, סיי ווי ניט גערופען... נו, אלץ איינס. וואָס טוט איהר דארטען אונטען? אָט איז פעדאָר איוואַניטש אויך געקומען. — וואס מאכט עפּעס דיין קאָפּ?

— גארניט.

— דו זאגסט אלץ: גארניט. וואס איז ביי אייך אונטען

— ווידער מוזיק?

— ניין, — מען שפּיעלט אין קאָרטען.

— זי קען דאָך יעדער זאַך. שוראָטשקע, איך זעה, עס גלוסט זיך דיר ארומלויפען איבער'ן סאָד. געה.

— ניין, מארפא טימאָפעיעוונא...

— חקירה ניט, איך בעט דיך, געה. נאסטאסיא קארפאָוונא איז אוועק אין סאָד אליין: זיי דאָרטען מיט איהר. בארעכען די אלטע. — שוראָטשקאַ איז ארויסגעגאנגען. — וואו־זשע איז מיין טשיפיק? וואוהין איז ער טאַקע אהינגעקומען?

— לאָזט מיך, וועל איך א זוך טאָן, — האָט ליזא א זאָג געטאָן.

— זיץ, זיץ; ביי מיר זיינען נאָך די פיס ניט אבגעפאלען. ווייזט אוים, ער איז דארטען ביי מיר אין שלאָף־צימער.

און ווארפענדיג א קאָסען קוק אויף לאַווּרעצקי'ן, איז מארפא טימאָפעיעוונא אבגעגאנגען. די טיר האָט זי געהאט איבערגעלאָזט אָפען; נאָר פּלוצלונג האָט זי זיך אומגעקערט צו איהר און זי פארשפארט.

ליזא האָט זיך אָנגעלעהנט אויף דעם פאָרענטש פונ'ם שטול און שטיל פארלעגט די הענט צו זיך אויפ'ן פנים; לאַווּרעצקי איז געבליעבען, וואו ער איז געוועזען.

— אָט ווי אזוי מיר מוזען זיך זעהן, — האָט ער ענדליך א זאָג געטאָן.

ליזא האָט צוגענומען די הענט פון׳ם פּנים.

— יא, — האָט זי טעמפּ געענטפערט: — מיר זיינען שנעל באשטראפט געווארען.

— באשטראפט, — האָט לאווּרעצקי א זאג געטאָן. — פאר־וואָס־זשע זיינט איהר דאס באשטראפט?

ליזא האָט אויף איהם אויפגעהויבען איהרע אויגען. ניט קיין וועהטאג, ניט קיין שרעק האָבען זיי אויסגעדריקט: זיי האָבען געשיינט צו זיין קלענער און טונקעלער. איהר פּנים איז געווען בלאס; די עטוואס צועפענטע ליפּען זיינען אויך בלאס געווארען.

דאָס הארץ ביי לאווּרעצקי׳ן האָט א ציטער געטאָן אויס רחמנות און ליעבע.

— איהר האָט מיר אנגעשריבען: אלעס איז געענדיגט, — האָט ער ארויסגעשושקעט: — יא, אלעס איז געענדיגט — איידער ס׳האָט זיך נאָך אנגעפאנגען.

— דאָס דארף מען אלץ פארגעסען, — האָט ליזא א זאָג גע־טאָן: — איך בין צופריעדען, וואס איהר זייט געקומען; איך האָב אייך געוואלט שרייבען, נאָר אזוי איז בעסער. מען דארף אבער גיכער אויסנוצען אָט די מינוטען. אונז ביידען בלייבט צו ערפילען אונזער חוב. איהר, פעדאָר איוואניטש, מוזט שלום־מאכען מיט אייער ווייב.

— ליזא!

— איך בעט דאָס ביי אייך: מיט דעם אליין קען מען פאר־גלעטען... אלעס, וואס עס איז געווען. איהר וועט זיך באטראכטען — און וועט מיר ניט אבזאגען.

— ליזא, אום גאָטעס ווילען, — איהר פאדערט דאס אוממעג־ליכע. איך בין גרייט אלעס צו טאָן וואָס איהר וועט הייסען; נאָר א י צ ט ע ר שלום־ווערען מיט איהר!.. איך בין מרוצה אויף אלעס, איך האָב אלעס פארגעסען; נאָר איך קען דאך ניט צווינ־גען מיין הארץ... איך בעט אייך, דאָס איז גרויזאם!

— איך פאדער טאקע ניט פון אייך... דאס, וואס איהר זאגט; לעבט ניט מיט איהר, אויב איהר קענט ניט; נאָר ווערט שלום, — האָט ליזא געענטפערט און ווידער א הויב געטאָן די־

הענט צו די אויגען. געדענקט אָן אייער טאַטער; טהוט דאס צוליעב מיר.

— גוט, — האָט לאווערעצקי צווישען די צייהן ארויסגע־רעדט; דאס, לאמיר רעכענען, וועל איך טאָן; דערמיט וועל איך ערפילען מיין חוב. נו, און איהר — אין וואָס באשטעהט אייער חוב?

— דאָס ווייס איך.

לאווערעצקי האָט פלוצלונג א ציטער געטאָן.

—איהר קלייבט זיך אפשר חתונה האָבען מיט פאנשינען?

— האָט ער א פרעג געטאָן.

ליזא האָט קוים מערקבאר א שמייכעל געטאָן.

— אָ, ניין! — האָט זי געזאגט.

— אַך, ליזא, ליזא! — האָט לאווערעצקי אויסגעשריען: — ווי גליקליך מיר וואלטען געקאנט געווען זיין!

ליזא האָט ווידער אויף איהם א קוק געטאָן.

— אַט איצטער זעהט איהר אליין, פעדאָר איוואנאָוויטש, אז דאס גליק הענגט ניט אָפּ פון אונז, נאָר פון גאָט.

— יא, דערפאר וואָס איהר...

די טיר פונ׳ם צווייטען צימער האָט זיך שנעל אויפגעעפענט, און מארפא טימאָפעיעווונא איז אריינגעגאנגען מיט א טשיפיק אין דער האנט.

— קוים, מיט צרות, געפונען, — האָט זי געזאגט און זיך געשטעלט צווישען לאווערעצקי׳ן און ליזא׳ן. אליין איהם פארלעגט אָט וואָס ס׳הייסט די עלטער, א צרה! נאָר ווידער. די יוגענט איז אויך ניט בעסער. וואס, דו ועסט אליין פאָרען מיט׳ן ווייב קיין לאווריקי? — האָט זי צוגעלעגט און זיך אויסגעקערעוועט צו פעדאָר איוואנאָוויטש׳ן.

— מיט איהר קיין לאווריקי? איך? איך ווייס ניט, — האָט ער א זאָג געטאָן, צוואווארטענדיג אביסעל.

— דו וועסט ניט אראָבנעהן אונטען?

— היינט — ניט.

— נו, גוט, ווי דו פארשטעהסט; נאָר דו, ליזא, דענק איך, וואָלסט געדארפט אראָבנעהן אונטען. אַך, טאַטע זיסער, איך האָב

גאר פארגעסען דעם פוינעלע פארשיטען שפייז. אַט־אַ שוין, ווארט צו, איך'ל גלייך...

און מארפא טימאָפיעוונא איז אַרויסגעלאָפען ניט אַנטוהענ־דיג דעם טשיפיק.

לאַווּרעצקי איז שנעל צוגעגאַנגען צו ליזא'ן.

— ליזא, — האָט ער אָנגעפאַנגען מיט א בעטענדער שטימע: — מיר צושיידען זיך אויף שטענדיג, מיין האַרץ ווערט מיר צוריי־סען, — גיט מיר אייער האַנט צום זעגענען.

ליזא האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ. איהר מיעדער, כמעט אויסגעלאָשענער בליק האָט זיך אויף איהם אבגעשטעלט...

— ניין, — האָט ליזא א זאָג געטאָן און צוגענומען צוריק די אויסגעצויגענע האַנט: — ניין, לאַווּרעצקי (דעם ערשטען מאָל האָט זי איהם אַזוי גערופען), איך וועל אייך מיין האַנט ניט געבען. צו וואָס? געהט אַוועק, איך בעט אייך. איהר ווייסט, איך האָב אייך ליעב... יא, איך האָב אייך ליעב, — האָט זי צוגעלעגט מיט מיה.

— נאָר ניין... ניין.

און זי האָט צוגעטראָגען א טיכעלע צו איהרע ליפּען.

— גיט מיר לכל הפחות אָט דאָס טיכעלע.

די טיר האָט א סקריפּע געטאָן... דאָס טיכעלע האָט זיך א גליטש געטאָן איבער ליזא'ס קניע. לאַווּרעצקי האָט דאָס אונטער־געכאַפּט, איידער ס'האָט צייט געהאַט אַרונטערפאַלען אויף דער פּאָדלאָגע, שנעל דאָס א שפּאַר געטאָן אין א זייט־קעשענע, זיך אויסגעקערעוועט און זיך באַגעגענט מיט די אויגען מיט מארפא טימאָפעיעוונא.

— ליזאָטשקא, מיר דוכט, די מאַמע רופט דיך, — האָט די אַלטע א זאָג געטאָן.

ליזא איז גלייך אויפגעשטאַנען און אַוועקגעגאַנגען.

מארפא טימאָפעיעוונא האָט זיך ווידער אַנידערגעזעצט אין איהר ווינקעלע. לאַווּרעצקי האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט איהר צו געזעגענען.

— פעדיא, — האָט זי פּלוצלונג אַזאָג געטאָן.

— וואָס, מוהמעניו?

— דו ביזט אן ארענטליכער מאן?

— ווי?

— איך פרעג דיך: ביזטו אן ארענטליכער מאן?

— איך האָף, אז יאָ.

— הם. גיט מיר דיין עהרען־וואָרט, אז דו ביזט אן ארענט־ליכער מאן.

— אָך. — נאָר צו וואס טויג דאָס אייך?

— איך וויים שוין, צו וואס. און דו, זונעניו מיינער, אז דו וועסט גוט א קלער טאָן, — דו ביזט דאָך ניט קיין נאָר, — וועסטו אליין פארשטעהן צוליעב וואָס איך פרעג דאס ביי דיר. און איצט, א גוטען טאָג, טאטעלע. א דאנק, וואס דו האָסט זיך אראָבגע־כאפט, און דאס געזאגטע וואָרט געדיינק, פעדיא, און גיב מיר א קוש. אָך, נשמה מיינע, איך וויים, ס'איז דיר שווער; נאָר אלע־מען איז דאָך ניט גרינג. אָט נעהם מיך, פלעג איך דאָך אפילו פלי־גען מקנא זיין: אָט, פלעג איך טראכטען, ווען ס'איז גוט צו לעבען אויף דער וועלט; נאָר איין מאָל, ביי־נאכט האָב איך דער־הערט ווי א פליג מאטערט זיך אין די לאָפּקעס פון א שפּ׳ן, — ניין, טראכט איך, אויף זיי איז אויך דאָ א רוט. וואס זאָל מען טאָן, פעדיא; און דאָס ווארט דיינס זאָלסטו, פיגדעכטוועגען גע־דיינקען.

— נעה, נעה.

לאווורעצקי איז ארויסגעגאנגען פונ׳ם אונטערשטען גאניקעל און איז שוין צוגעקומען ביז צום טויער... א לאָקיי האָט איהם אנ־געיאָגט.

— מאריא דמיטריעווונא האָט באפעהלען צו בעטען איך אריינגעהן צו איהר, — האָט ער דערלעגט לאווורעצקי׳ן.

— זאג, ברודערקע, אז איך קען ניט איצטער... — האָט פע־דאָר איוואניטש אנגעפאנגען.

— זיי האָבען באפעהלען זעהר בעטען, — האָט דער לאָ־קיי פארגעזעצט: — זיי האָבען באפוילען זאגען, אז זיי זיינען אליין.

— זיינען דען די געסט אוועקגעפארען? — האָט לאווורעצקי געפרעגט.

— יא, — האָט דער לאַקיי געענטפערט און נאַריש א שמייכעל געטאָן.

לאַווערעצקי האָט א קנייטש געטאָן מיט די פּלייצעס און איז צוועק נאָך איהם.

.43

מאַריא דמיטריעווונא איז געזעסען אליין ביי זיך אין קאַבינעט, אויף א וואָלטער־שטול, און געשמעקט אָדעקאָלאָן; א גלאָז וואסער מיט פלער־דע׳אָראַנזש איז געשטאַנען נעבען איהר אויף א טישעלע. זי איז געווען אומרוהיג און האָט זיך עפּעס ווי געשראָקען.

לאַווערעצקי איז אריינגעקומען.

— איהר האָט מיך געוואָלט זעהן, — האָט ער קאַלט א זאָג געטאָן, און זיך פארניינט.

— יא, — האָט מאַריא דמיטריעווונא געענטפערט און אבגעטרונקען אביסעל וואסער. — איך האָב זיך דערוואוסט, אז איהר זייט פארבייגעגאנגען גלייך צו דער מוהמע; איך האָב אייך געהייסען בעטען צו זיך: איך דארף מיט אייך עפּעס איבעררעדען. זיצט, איך בעט אייך.

מאַריא דמיטריעווונא האָט אבגעכאַפּט דעם אָטעם.

— איהר ווייסט, — האָט זי פארטגעזעצט: — אייער פרוי איז געקומען צופאהרען.

— דאס איז מיר באקאנט, — האָט לאַווערעצקי א זאג געטאָן.

— יא, נו, דאס הייסט, איך האָב געוואָלט זאגען: זי איז צו מיר געקומען, און איך האָב זי אויפגענומען; אָט וועגען וואס איך וויל זיך מיט אייך פארשטענדיגען, פעדאָר איוואַניטש. איך האָב, דאנקען גאָט, זיך פארדיענט אלגעמיינע אכטונג, און קיין אומאנשטענדיגעס וועל איך ניט טאָן פאר קיין זאך אין דער וועלט. הגם איך האָב פאראויסגעזעהן, אז דאס וועט זיין פאר אייך אומאנגענעהם, דאך האָב איך זיך ניט באשלאסען איהר ניט אויפצונעהמען, פעדאָר איוואַניטש; זי איז מיר א קרובה — צוליעב אייך: נעהט אריין אין מיין לאגע, וואס פאר א רעכט האָב איך געהאַט זי ניט אויפנעהמען אין מיין הויז — זאגט אליין?

— איהר באאומרוהיגט זיך אומזיסט, מאריא דמיטריעוונא,
— האָט לאוורעצקי געענטפערט: — איהר האָט זעהר גוט געטאָן;
איך בין לחלוטין ניט אין כעס. איך בין גאר ניט געגייגט צונעהמען
ביי ווארווארע פאוולאָוונא'ן די מעגליכקייט זיך צו זעהן מיט איה־
רע באקאנטע; היינט בין איך צו איך נִיט אריינגעקומען נאָר
רערפאר, וואס איך האָב זיך ניט געוואָלט באַגעגנען מיט איהר —
אַט דאָס איז אלעס.

— אך, ווי אנגענעהם מיר איז דאָס צו הערען פון אייך, פּעַ־
דאָר איוואַניטש, — האָט מאריא דמיטריעוונא אויסגעשריען: —
אלענפאלס איך האָב שטענדיג דאס ערוואַרטעט פון אייערע איי־
דעלע געפיהלען. און וואס איך בין אויפגערעגט, איז גאר קיין
חדוש ניט: איך בין א פרוי און א מוטער. און אייער פרוי...
זיכער, איך קען צווישען אייך און איהר ניט משפּט'ן — דאס האָב
איך געזאגט איהר אליין; נאָר זי איז אזא ליעבליכע דאמע, אז
אויסער פארגעניגען קען זי גאָר ניט פארשאפען.

לאוורעצקי האָט א שמייכעל געטאָן און זיך א שפּיעל געטאָן
מיט'ן הוט.

— און אָט וואס נאָך איך האָב אייך געוואלט זאגען, פעדאר
איוואַניטש, — האָט מאריא דמיטריעוונא פארגעזעצט, לייכט באַ־
וועגענדיג זיך צו איהם: — ווען איהר וואלט געזעהן, ווי זי האלט
זיך צניעות'דיג, ווי ווירדיג! — ווירקליך, דאס איז שוין אפילו
ריהרענד. און ווען איהר וואלט נעהערט ווי זי רופט זיך אָפּ פון
אייך! איך, זאגט זי, בין געגען איהם איינגאַנצען שולדיג; איך,
זאגט זי, האָב איהם ניט געקענט אבשאצען, זאגט זי; דאָס, זאגט
זי, איז א מלאך, ניט קיין מענש; ווירקליך, אזוי טאַקע זאגט זי:
א מלאך. און ווי זי האָט חרטה... איך האָב נאָך, גאָט זאל מיר
טאַקע אזוי העלפען, אזא חרטה ניט געזעהען!

— און וואס, מאריא דמיטריעוונא, — האָט לאוורעצקי גע־
ענטפערט: — ערלויבט מיר זיין נייגעריג: מען זאגט, ווארווארא
פאוולאָוונא האָט ביי אייך געזונגען; בעת איהר חרטה האָט זי
געזונגען, — אדער ווי?..

— אך, ווי איז אייך קיין שאנד ניט אזוי צו ריידען! זי האָט
געזונגען און געשפּיעלט נאָר צוליעב דעם, כדי זי זאל מיר טאָן א

געפעליגקייט, ווייל איך האָב איהר געהאַלטען אין איין בעטען, כמעט איהר באַפעהלען. איך זעה, אז עס איהר שווער, אזוי שווער; טראַכט איך, מיט וואָס זאָל איך זי אביסעל צושטרויען — און איך האָב געהערט, אז זי האָט א טאַלאַנט אזא אויסגעצייכענטען! — איך בעט אייך, פעאָדאָר איוואַניטש, זי איז אינגאַנצען ביי זיך גע־פאַלען, פרעגט אפילו סערגעי פעטראָוויטש'ן, א צוהרג'עטע פרוי, tout a fait, וואָס רעדט איהר?

לאַווערעצקי האָט נאר א קנייטש געטאָן מיט די פּלייצעס.

— און א חוץ דעם, וואָס איז דאס ביי אייך פאר א מלאך'ל אָט די אדאַטשקא, ס'אַראַ שעהנהייט! — ווי ליעבליך זי איז, ס'אַראַ קלוגינקע; ווי זי רעדט פראַנצויזיש; און רוסיש פאַר־שטעהט זי אויך — האָט מיך גערופען מוהמעניו. און ווייסט איהר, זי זאָל אויסמיידען מענשען, ווי עס מיידען אוים כמעט אלע קינ־דער אין איהר עלטער — קיין סמן דערפון ניטא. זי איז אזוי עהנ־ליך צו אייך, פעדאָר איוואַניטש, אז ס'איז פשוט א שרעק. די אויגען, די ברעמען... אַקוראַט — איהר, אָט ווי איהר זייט. אזעל־כע קליינינקע קינדער האָב איך ניט ליעב, נאר אין אייער טעכטעריל האָב איך זיך פשוט פארליעבט.

— מאַריא דרימטריעוונא, — האָט לאַווערעצקי פּלוצלונג ארויסגערעדט: — ערלויבט מיר אייך פרעגען, צוליעב וואָס זאָגט איהר מיר דאָס אלעס?

— צוליעב וואס? — מאַריאַ דמיטריעוונא האָט ווידער א שמעק געטאָן דעם אָדעקאָלאָן און אבגעטרונקען אביסעל וואַסער. — צוליעב דעם, פעדאָר איוואַניטש, זאג איך דאס אייך, ווייל... איך בין דאָך אייער א קרובה, איך נעהם דאָך אין אייך דעם נאָ־הענטסטען אנטייל... איך ווייס, איהר האָט א טייער הארץ. הערט אוים mon cousin — איך בין דאָך עפּעס אַן ערפאַהרענע פרוי, און איך וועל גלאַט אזוי ניט ריידען: זייט מוחל, זייט מוחל אייער פרוי. מאַריאַ דמיטריעוונא'ס אויגען האָבען זיך פּלוצלונג אנגע־פילט מיט טרערען. — באַטראַכט אליין: יוגענד, אומערפאַהרענ־הייט... אפשר אויך, א שלעכטער ביישפּיעל: ס'איז ניט געווען אזא מוטער, וואָס זאָל זי ארויספיהרען אויף א וועג. זייט איהר מוחל, פעדאָר איוואַניטש, זי איז שוין גענוג געווען געשטראָפט.

די טרערען האָבען זיך א קייקעל געטאָן איבער מאַריאַ דמיט־ריעוונאַ'ס באַקען; זי האָט זיי ניט אבגעווישט: זי האָט ליעב געהאַט צו וויינען. לאַוורעצקי איז געזעסען, ווי אויף קוילען. „גאָט מיינער, — האָט ער געטראַכט: — וואָס איז דאָס פאַר א נסיון, וואָס פאַר א טאָג איז אויף מיר היינט געקומען!"

— איהר ענטפערט ניט, — האָט מאַריאַ דמיטריעוונאַ ווידער אנגעפאַנגען צו ריידען: — ווי־זשע דאַרף איך אייך פאַרשטעהן? — קענט איהר דען זיין אַזוי גרויזאַם? ניין, איך וויל דאָס ניט גלויבען. איך פיהל, אז מיינע ווערטער האָבען אייך איבערצייגט. פעדאָר איוואַניטש, גאָט וועט אייך באַצאָהלען פאַר אייער גוטס־קייט, און איהר נעהמט איצטער צו פון מיינע הענט אייער פרוי...

לאַוורעצקי האָט ניט ווילענדיג זיך אויפגעהויבען פון'ם שטוהל; מאַריאַ דמיטריעוונאַ איז אויך אויפגעשטאַנען, און פלינק א געה טוענדיג אונטער די פאַרהאַנגען, האָט זי פון דאָרטען ארויסגעפיהרט וואַרוואַראַ פּאַוולאָוונאַ'ן. א בלאַסע, א האַלב־לעבעדיגע, מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען, האָט זי, אַזוי האָט זיך גע־דוכט, זיך אבגעזאָגט פון יעדען אייגענעם געדאַנק, פון יעדען ווילען — זיך איבערגעגעבען אין די הענט פון מאַריאַ דמיטריעוונאַ.

לאַוורעצקי האָט אָבגעטראָטען א טריט צוריק.

איהר זייט געוועזען דאָ! — האָט ער אויסגעשריען.

— באַשולדיגט איהר ניט, — האָט מאַריאַ דמיטריעוונאַ שנעל א זאָג געטאָן: — זי האָט בשום אופן ניט געוואָלט בלייבען, נאָר איך האָב איהר באַפעהלען צו בלייבען, איך האָב זי אוועקגעזעצט הינטער די פאַרהאַנגען. זי האָט מיך פאַרזיכערט, אז דאָס וועט אייך נאָך מעהר צובייזערען; איך האָב זי אפילו ניט געוואָלט אויסהערען; איך קען אייך בעסער ווי זי. נעהמט־זשע פון מיינע הענט אייער פרוי; געהט, וואַריאַ, שרעקט אייך ניט, פאַלט צו צו אייער מאַן (זי האָט איהר א טאַרקע געטאָן פאַר דער האַנט) — און מיין ברכה...

— וואַרט אויס, מאַריאַ דמיטריעוונאַ,—האָט לאַוורעצקי איהר איבערגעשלאָגען מיט א טעמפּען, נאָר צוטרודערטען קול. — איהר, וואַהרשיינליך, האָט ליעב געפיהלפולע סצענעס (לאַוורעצקי האָט קיין טעות ניט געהאַט: מאַריאַ דמיטריעוונאַ האָט נאָך פון'ם

אינסטיטוט אפגעשפּאַרט א ליידענשאפט צו טעאַטראַלע סצענעס) ; איהר אונטערהאלט זיך מיט זיי ; אנדערע אבער ליידען פון זיי. אלענפאלס, איך וועל מיט אייך ניט ריידען : אין ד ע ר סצענע זייט איהר ניט די הויפט פערזאָן. וואס ווילט א י ה ר פון מיר, מאדאם ? — האט ער צוגעלעגט, וועגדענדיג זיך צום ווייב. — האָב איך דען פאר אייך ניט געטאָן, וואס איך האָב געקענט ? זאגט מיר ניט, אז איהר האָט ניט געפּלאנט אָט דעם רענדאוואו ; איך וועל אייך ניט גלויבען, — און איהר ווייסט, אז איך קען אייך ניט גלויבען. וואס־זשע ווילט איהר ? איהר זייט קלוג — איהר טוט גאָר ניט אָהן קיין צוועק . איהר מוזט פארשטעהן, אז מיט אייך לעבען, ווי איך האָב געלעבט פריהער, קען איך ניט. ניט דערפאר, ווייל איך בין אויף אייך אין כעס, נאָר דערפאר, וואס איך בין גע־וואָרען אן אנדער מענש. איך האָב דאס אייך געזאגט אויפ'ן צוויי־טען טאָג פון אייער קומען, און איהר אליין זייט, אין דער רגע, אין הארצען געוועזן מיט מיר איינשטימיג ; אייך איז קאַ־ג צו וואוינען ביי מיר אין הויז, איהר ווילט וואוינען מיט מיר אונטער איין דאך — ניט אמת !

— איך וויל איהר זאָלט מיר מוחל זיין, — האט ווארוואַרא פּאוולאָוונא א זאָג געטאָן, ניט אויפהויבענדיג די אויגען.

— זי וויל איהר זאָלט איהר מוחל זיין, — האָט מאריא דמיטריעוונא ווידערהאָלט.

— און ניט צוליעב זיך, צוליעב אדא'ן, — האָט ווארוואַרא פּאוולאָוונא א שושקע געטאָן.

— ניט צוליעב איהר, צוליעב אייער אדא'ן, — האָט מאריא דמיטריעוונא ווידערהאָלט.

— אויסגעצייכענט. איהר ווילט דאָס ? — האָט לאוורעצקי מיט מיה ארויסגערעדט. — גוט, איך בין דארויף אויך מרוצה. מרוצה.

ווארוואַרא פּאוולאָוונא האָט אויף איהם געוואָרפען א שנע־לען בליק, און מאריא דמיטריעוונא האָט אוסיגעשריען : „נו, א דאנקען גאָט" און נאָכאמאָל א ציה געטאָן ווארוואַרא פּאוולאָוונא'ן פאַר דער האנט.

— נעהמט־זשע איצטער פון מיר..

— ווארט, זאָג איך אייך, — האָט לאַווּרעצקי זי איבערגעשלאָ־גען. — איך בין מרוצה וואוינען מיט אייך, ווארוואַרא פּאַוולאָוונא, — האָט ער פאָרטגעזעצט: — דאָס הייסט, איך וועל אייך צו־פיהרען אין לאַווּריקי און אפּוואוינען מיט אייך, אויף וויפיעל די כחות וועלען מיר טראָגען, און דערנאָך וועל איך אַוועקפאָהרען — און זיך אָפּט אראָפּכאַפּען. איהר זעהט, איך וויל אייך ניט אָפּנאַ־רען; נאָר פּאָדערט מעהר נאָרניט. איהר אליין וואָלט זיך צו־לאַכט, ווען איך זאָל ערפילען דעם פארלאַנג פון דער ווירדינער קרובה אייערער און אייך צוגעדריקט צו מיין הארצען, אָנגעפאנגען צו פארזיכערען אייך, אז... אז קיין פארגאַנגענהייט איז ניט געווען, אז דער אָפּגעהאַקטער בוים וועט ווידער אויפבליהען. נאָר איך זעה: מען מוז זיך אונטערגעבען. איהר וועט אָט דאָס ניט אזוי פארשטעהן... דאָס איז אַלץ איינס. איך ווידערהאָל, איך וועל וואוינען מיט אייך... אָדער, ניין, איך קען דאָס ניט צוזאָגען... איך וועל זיך צונויפגעהן מיט אייך, וועל אייך ווידער רעכענען אלס מיין פרוי...

— גיט־זשע איהר, לכל הפחות, דארויף אייער האַנט, — האָט אַ זאָג געטאָן מאריא דמיטריעוונא, ביי וועלכער די טרערען זיינען שוין לאנג אויסגעטריקענט געוואָרען. —

— איך האָב ביז איצטער ווארוואַרא פּאַוולאָוונא׳ן ניט אָפּ־גענאַרט, — האָט לאַווּרעצקי געענטפערט: — זי וועט מיר אזוי אויך גלויבען. איך וועל זי אָפּפיהרען אין לאַווּריקי; — און גע־דיינקט, ווארוואַרא פּאַוולאָוונא: אונזער אָפּמאַך וועט זיך רעכע־נען אלס געבראָכען, ווי נאָר איהר וועט פון דאָרטען ארויספאָהרען. און איצטער ערלויבט מיר אַוועקגעהן.

ער האָט זיך פארנייגט פארביידע דאַמעס און איילענדיג ארויסגעגאַנגען.

— איהר נעהמט זי ניט מיט זיך, — האָט מאריא דמיט־ריעוונא איהם נאָכגעשריען...

— לאָזט איהם צורוה, — האָט ווארוואַרא פּאַוולאָוונא איהר אַ שושקע געטאָן און זי גלייך ארומגענומען, אָנגעפאנגען איהר דאַנקען, קושען ביי איהר די הענט און רופען זי איהר רעטערין.

מאריא דמיטריעוונא האָט נאָכגעביג צוגענומען איהרע ליעב־

ליבקייטען, נאָר אין הארצען איז זי ניט געווען צופרידען ניט מיט לאַווערעצקי׳ן, ניט מיט ווארווארא פּאַווליאָווגאַ׳ן, ניט מיט דער גאַנ־צער צוגעגרייטער סצענע. צו ווינציג סענטימענטאַליטעט איז דאָ געווען; לויט איהר מיינונג, האָט ווארווארא פּאַווליאָווגאַ זיך גע־דאַרפט געווען ווארפען צו די פיס פון׳ם מאַן.

— ווי האָט איהר דאָס מיך ניט פאַרשטאַנען? — האָט זי דערקלערט: — איך האָב דאָך אייך געזאָגט: פאַלט צו.

— אַזוי איז בעסער, טייערע מוהמעניו; באַאומרוהיגט זיך ניט — אַלעס איז אויסגעצייכענט, — האָט ווארווארא פּאַווליאָווגאַ גע׳טענה׳ט.

— און ער איז אויך — קאַלט, ווי אייז, — האָט מאַריאַ דמיט־ריעווגאַ באַמערקט — איהר, לאָמיר זאָגען, האָט ניט געוויינט. אָבער איך האָב דאָך פּשוט זיך באַוואַשען פאַר איהם מיט טרערען. ער וויל אייך פאַרשליסען אין לאַווריקי. וואָס־זשע, צו מיר וועט איהר אויך ניט טאָרען פאָהרען? אַלע מענער זיינען געפיהללאָז, — האָט זי אַ זאָג געטאָן צום שלוס און באַדייטענד אַ שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ.

— דערפאַר קענען פרויען אָפּשאַצען גוטסקייט און גרויסמוטיגקייט, — האָט ווארווארא פּאַווליאָווגאַ אַ זאָג געטאָן און, שטי־לינקערהייד אַראָפּלאָזענדיג זיך אויף די קניע פאַר מאַריאַ דמיט־ריעווגאַ׳ן, האָט זי ארומגענומען איהר פולע טאַליע מיט די הענט און זיך צוגעטוליעט צו איהר מיט׳ן פּנים. אָט דער פּנים האָט שטיל געשמייכעלט. אָבער ביי מאַריאַ דמיטריעווגאַ׳ן האָבען זיך אַ לאָז געטאָן די טרערען.

און לאַווערעצקי איז אוועק צו זיך, פאַרשפּאַרט זיך אין צימער פון זיין קאַמערדינער, זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער סאָפּקע און איז אַזוי איבערגעלעגען ביז אין־דער־פריה.

44.

אויפ׳ן צווייטען טאָג איז געווען זונטאָג. דער גלאָקען־קלאַנג צו די מאָרגען־תפלות האָט לאַווערעצקי׳ן ניט אויפגעוועקט — ער האָט ניט צוגעמאַכט קיין אויג די גאַנצע נאַכט — נאָר האָט איהם

דערמאָנט אָן אן אנדער זונטאָג, ווען ער איז, לויט ליזא׳ס וואונש געגאנגען אין קלויסטער. ער איז איילענדיג אוועקגעשטאנען; עפּעס אַ געהיימע שטימע האָט איהם געזאָגט, אז ער וועט זי היינט זעהן טאקע דאָרטען. ער איז אָהן גערויש ארויסגעגאנגען פונ׳ם הויז, באַפּעהלען זאָגען ווארווארא פּאוולאָוונאַ׳ן, וועלכע איז נאָך געשלאָפען, אז ער וועט צוריק־קומען צום מיטאָג, און מיט גרויסע טריט האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן אהין, וואוהין עס האָט איהם גערופען דער אייגענארטיג־טרויעריגער קלאנג. ער איז געקומען פריה. עס איז נאָך כמעט קיינער ניט געווען אין קלויסטער; אַ דיאק׳ל האָט אויף דער בימה געלייענט מאָרגען־תפלות; פון צייט צו צייט איבערגעריסען פון הוסט, האָט זיין שטימען געהודעט, אָט פאלענדיג, אָט זיך אָנבלאָזענדיג. לאוורעצקי האָט זיך אוועקגע־שטעלט ניט ווייט פונ׳ם ארייננגאנג. די מתפללים זיינען אָנגעקו־מען איינציגווייז, האָבען זיך אָפּגעשטעלט, גע׳צלמ׳ט, געבוקט צו אלע זייטען; זייערע טריט האָבען געקלונגען אין דער פוסטקייט און שטילקייט, קלאָר זיך אפּגערופען אונטער די סקלעפּען. אַ שוואכע אלטיטשקע אין אַ זעהר אָפּגעטראָגענעם מאַנטעל מיט אַ קאפּושאן איז געשטאנען אויף די קניע נעבען לאוורעצקי׳ן און געשמאַק געזאָגט די תפלות: איהר ציינלאָזער, געלער, געקנייטשטער פּנים האָט אויסגעדריקט אָנגעשטרענגטע הכנעה; די רויטע אויגען האָבען אומאָפּווענדבאר געקוקט ארויף אויף די היילינגע ביל־דער; די ביינערדיגע האנט איז נאָכאנאנד ארויסגעגאנגען פונ׳ם מאַנטעל און לאַנגזאם און קרעפטיג געמאכט אַ גרויסען, ברייטען צלם. אַ פּויער מיט אַ געדיכטער באָרד און אַ שטרענגען פּנים, אַ צוקאַטשמעטער און צוקנייטשטער, איז ארייננגעגאנגען אין קלויס־טער מיט אמאָל זיך אַ שטעל געטאָן אויף ביידע קניע און גלייך זיך אַ נעם געטאָן איילענדיג צו צלמ׳ען זיך, און נאָך יעדען בוק צוריק פּאַרווארפען און אַ טרייסעל געטאָן דעם קאָפּ. אזא ביטערע צרה האָט זיך באַמערקט אויף זיין פּנים, אין אלע זיינע באווע־גונגען, אז לאוורעצקי האָט באַשלאָסען צו איהם צוגעהן און איהם פרעגען, וואָס מיט איהם איז געשעהן. דער פּויער האָט זיך שרעק־קעדיג און ווילד אַ טרייסעל געטאָן, אויף איהם אַ קוק געטאָן....

„אַ זוהן איז געשטאָרבען״, האָט ער ארויסגעזאָגט בנשימה אחת,—

און אויפ'ם גיי זיך א נעם געטאָן בוקען... „וואָס קאָן פאר זיי פארביימען די טרייסט פונ'ם קלויסטער", האָט לאַווערעצקי א קלער געטאָן,—און אליין א פרואוו געטאָן זאָגען די תפלות; נאָר דאָס הארץ איז איהם שווער געוואָרען, פארהארטעוועט געווארען, און די געדאנקען זיינען געוועזן ווייט. ער האָט אלץ געווארט אויף ליזא'ן, — נאָר ליזא איז ניט געקומען. דער קלויסטער האָט זיך אָנגעפאנגען אָנצופילען מיט אן עולם; זי איז אלץ ניט געווען. די מאָרגען־תפלות האָבען זיך אָנגעפאנגען, דער דיאק האָט שוין גע־האט איבערגעלייענט די פרשה פון דעם עוואנגעליום, מען האָט א קלונג געטאָן צו ווייטערע תפלות; לאַווערעצקי האָט זיך עטוואס א רוק געטאָן פאָראויס — און פלוצלונג דערזעהן ליזא'ן. זי איז געקומען פריהער פון איהם, נאָר ער האָט זי ניט באמערקט; צו־זאמענגעדריקט אינ'ם ליידיגען שטיקעל פלאץ צווישען דער בימה און דער וואנט, האָט זי זיך ניט אומגעקוקט, ניט גערירט. לאַוו־רעצקי האָט פון איהר קיין אויג ניט אראָפּגענומען ביז'ן סוף פון די מאָרגען־תפלות: דאָס האָט ער זיך מיט איהר געזעגענט. דער עולם האָט זיך אָנגעפאנגען צוגעהן, נאָר זי איז אלץ געשטאנען; עס האָט זיך געדוכט, אז זי האָט געווארט ביז לאַווערעצקי וועט אוועקגעהן. ענדליך האָט זי זיך איבערגעצלמ'ט צום לעצטען מאָל און איז אוועקגעגאנגען, זיך ניט אומקוקענדיג; מיט איהר איז געווען נאָר א דיענסט. לאַווערעצקי איז ארויסגעגאנגען נאָך איהר פונ'ם קלויסטער און זי אָנגעיאָגט אין גאס; זי איז געגאנגען זעהר שנעל, מיט אן אָנגעבויגענעם קאָפּ און אן אראָפּגעלאָזטען טיול אויפ'ן פנים.

— א גוט מאָרגען, ליזאוועטא מיכאילאָוונא, — האָט ער א זאָג געטאָן הויך, מיט א געצוואונגענער פרייקייט: — קען מען אייך באגלייטען?

זי האָט גארניט געזאָגט. ער האָט זיך געלאָזט געהן מיט איהר זייט ביי זייט.

— זענט איהר צופרידען מיט מיר? — האָט ער זי א פרעג געטאָן, ארונטערלאָזענדיג די שטימע. — איהר האָט געהערט, וואָס עס איז נעכטען פארגעקומען?

— יאָ, יאָ, — האָט זי שטיל ארויסגערעדט: — דאָס איז גוט.

און זי איז אוועק נאָך שנעלער.

— איהר זענט צופרידען?

ליזא האָט נאָר א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ.

— פעדאָר איוואניטש, — האָט זי אָנגעפאנגען מיט א ה׳ הינער, נאָר שוואכער שטימע: — איך האָב אייך געוואָלט בע־טען: קומט ניט מעהר צו אונז, פאָהרט וואָס שנעלער אָפּ; מיר וועלען זיך קענען שפּעטער זעהן, — ווען ס'ניט איז, אין א יאָהר ארום. נאָר איצטער; טוט עס צוליעב מיר; ערפילט מיין בקשה, אום גאָטעס ווילען.

— איך בין גרייט צו פאָלגען אלעס, ליזאוועטא מיכאַי־לאָוונא: — נאָר מוזען מיר דען אזוי זיך צושיידען? וועט איהר מיר טאקע ניט זאָגען אפילו קיין איין וואָרט?...

— פעדאָר איוואניטש, אָט געהט איהר איצטער נעבען מיר... און איהר זענט שוין אזוי ווייט פון מיר. און ניט איהר אליין, נאָר...

— דערעדט, איך בעט אייך! — האָט לאווערצקי אויסגע־שריהען: — וואָס ווילט איהר זאָגען?

— איהר וועט דערהערען, ס'קען זיין... נאָר וואָס ס'זאָל ניט זיין, פארגעסט... ניין, פארגעסט מיך ניט, געדענקט מיך.

— איך זאָל אייך פארגעסען...

— גענוג, זייט געזונט. געהט מיר נים נאָך.

— ליזא, האָט לאווערצקי אָנגעפאנגען...

— זייט געזונט, זייט געזונט! — האָט זי ווידערהאָלט, ני־דעריגער אראָפּגעלאָזט דעם טול און זיך כמעט א לאָז געטאָן לוי־פען פאָראויס.

לאווערצקי האָט איהר נאָכגעקוקט און מיט א געזונקענעם קאָפּ זיך געלאָזט געהן צוריק איבער דער גאס. ער האָט זיך אָנ־געשטויסען אויף לעממ'ען, וועלכער איז אויך געגאנגען, אָנגערוקט דעם הוט אויף דער נאָז און געקוקט זיך אונטער די פיס.

זיי האָבען שווייגענד א קוק געטאָן איינער אויפ'ן צווייטען.

— נו, וואָס וועט איהר זאָגען? — האָט לאווערצקי ענדליך א זאָג געטאָן.

— וואָס איך וועל זאָגען? — האָט לעממ בייז געענטפערט:

— גאָרניט וועל איך זאָגען. אַלעס איז טויט, און מיר זיינען טויט (Alles ist tot und wir sind tot). איהר דארפט דאָך געהן רעכטס?

— רעכטס.

— און איך דארף לינקס. זייט געזונט.

אויפ'ן צווייטען אין־דער־פריה איז פעדאָר איוואניטש מיט דער פרוי אוועקגעפאָהרען קיין לאווריקי. זי איז געפאָהרען פאָר־אויס, אין א קארעטע, מיט אדא'ן און מיט זשוסטינע'ן; ער הינטען — אין א עקיפאזש. דאָס שעהנינקע מיידעלע איז די גאנ־צע צייט פונ'ם וועג ניט אָפּגעגאנגען פונ'ם קארעטע־פענסטער; אויף אַלעס האָט זי זיך גע'חדוש'ט; אויף די פויערים, פויערטעס, שטיבלאך, ברונימער, דוהעס, גלעקלאך און אויף א מעננגע קראָעס; זשוסטינע האָט זיך אויך ווי זי גע'חדוש'ט; ווארוואַרא פאוולאָוונא האָט געלאכט פון זייערע באמערקונגען און אויסגעשרייען. זי איז געווען אין א גוטער שטימונג; פאר'ן אוועקפאָהרען פון דער שטאָדט אָ... האָט זי זיך דורכגערעדט מיט איהר מאַן.

— איך פארשטעה אייער לאַגע, — האָט זי איהם געזאָגט, — און ער, לויט'ן אויסדרוק פון איהרע קלוגע אויגען, האָט געקענט קומען צום באשלוס, אז זי האָט טאקע פאָלקאָמען פארשטאנען זיין לאַגע, — נאָר איהר וועט מיר אָבער צוגעבען יענע גלייכקייט פון פארשטאנד, אז מיט מיר לעבט זיך גרינג; איך וועל זיך צו אייך ניט אָנבינדען, אייך ניט שטערען; איך האָב געוואָלט פארזי־כערען אדא'ס צוקונפט; מעהר דארף איך גאָר נים.

— יאָ, איהר האָט דערגרייכט אַלע אייערע צוועקען, — האָט פעדאָר איוואניטש א זאָג געטאָן.

— איך פאנטאזיר איצטער נאָר פון איין זאך: אויף שטענ־דיג זיך באגראָבען ערגעץ אין א פארוואָרפען ווינקעל; אייביג וועל איך געדיינקען אייערע מעשים טובים...

— פע! גענוג, — האָט ער איהר איבערגעשלאָגען.

— און איך וועל קענען אכטען אייער אומאָפּהענגיגקייט און אייער רוה, — האָט זי פארענדיגט איהר צוגעגרייטע פראַזע.

לאווריצקי האָט זיך טיעף פארנייגט פאר איהר. ווארוואַרא

פאוולאָווונא האָט פארשטאנען, אז אין הארצען דאנקט איהר דער מאַן.

אויפ'ן צווייטען טאָג געגען אָווענט זיינען זיי אָנגעקומען קיין לאוודיקי; אין א וואָך ארום, איז לאוורעצקי אָפּגעפאָהרען קיין מאָסקווא, איבערלאָזענדיג דער פרוי א פינף טויזענדער אויף לעבענס־באַדערפנישען — און אויפ'ן צווייטען טאָג נאָך לאוורעצקי'ס אָפּפאָהרען איז געקומען פאנשין, וועמען ווארוואַרא פּאוולאָוונא האָט געבעטען ניט צו פארגעסען איהר איינזאמקייט. זי האָט איהם אזוי אויפגענומען, אז בעסער קען מען שוין ניט, און ביז שפּעט אין דער נאַכט זיינען די הויכע צימערען פונ'ם הויז פארטויבט געוואָרען פון מוזיק־קלאַנגען, געזאַנג און פרעהליכע פראנצויזישע רייד. דריי טעג איז פאנשין געווען דער גאסט פון ווארוואַרא פאוולאָוונא'ן. בעת ער האָט זיך געזעגענט מיט איהר און קרעפטיג געדריקט איהרע שעהנע הענט, האָט ער איהר צוגע־זאָגט זעהר שנעל צוריקקומען — און טאקע געהאַלטען וואָרט.

45.

ליזא האָט געהאַט א באַזונדער, קליין צימערעל אויפ'ן צוויי־טען עטאַזש פון איהר מוטער'ס הויז, א ריינס, א ליכטיגס, מיט א ווייס בעטעלע, מיט בלומען־טעפּלאך אין די ווינקעלעך און פאר די פענסטער, מיט א קליין שרייב־טישעל, א בערגעלע ביכער און א קרוציפיקס אויף דער וואנט. אָט דאָס צימערעל האָט געהייסען דאָס קינדער־צימער; ליזא איז אין דעם צימער געבאָרען געוואָ־רען. קומענדיג פונ'ם קלויסטער, וואו לאוורעצקי האָט זי געזעהן, האָט זי נאָך פאָרזיכטיגער ווי געוועהנליך צוגעקליבען ביי זיך אין צימערעל, אָפּגעקעהרט דעם שטויב פון אומעטום, איבערגע־קוקט און איבערגעבונדען מיט בלענדלאך אלע איהרע העפטען און בריעף פון פריינדינס, פארשלאָסען אלע קעסטעלאך, באַגאָסען די בלומען און האָט זיך צוגעריהרט מיט דער האַנט צו יעדער בלי־מעלע. דאָס אלעס האָט זי געטאָן ניט איילענדיג, אָהן רעש, מיט עפּעס אַן הכנעה'דיגער און שטילער באַזאָרגטקייט אויפ'ן פּנים. ענדליך, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אין מיטען צימער, פאמעלאך זיך

אומגעקוקט, צוגעגאַנגען צום טיש, איבער וועלכען עס איז געהאַנ־גען דער קרוציפיקס זיך אראָפּגעלאָזט אויף די קניע, אוועקגעלעגש דעם קאָפּ אויף די צוזאַמענגעדריקטע הענט און אַזוי געבליבען אומבאַוועגליך.

מארפא טימאָפעיעוונא איז אריינגעקומען און זי געטראָפען אין אָט דעם צושטאַנד. ליזא האָט ניט באַמערקט איהר אריינקו־מען. די אַלטיטשקע איז אַרויס אויף די שפּיץ־פינגער אויף יענער זייט טיר און עטליכע מאָל הויך א הוסט געטאָן. ליזא האָט זיך פלינק אויפגעהויבען און אָפּגעווישט די אויגען, אויף וועלכע עס האָבען געגלאַנצט ליכטיגע, נאָך ניט פאַרגאָסענע טרערען.

— און דו, זעה איך, האָסט שוין ווידער צוגעראַמט דיין קלויסטער־צעלכעל, — האָט מארפא טימאָפעיעוונא א זאָג געטאָן, און זיך נידעריג צוגעבוינען צו א טעפּעל מיט יונגע ראָזעס. — ווי פיין עס שמעקט!

ליזא האָט פאַרטראַכט א קוק געטאָן אויף איהר מוהמע.

— וואָס פאַר א וואָרט האָט איהר דאָס ארויסגעזאָגט! — האָט זי ארויסגעשושקעט.

— וואָס פאַר א וואָרט, וואָסערס? — האָט מיט לעבעדיג־קייט אויפגעכאַפּט די אַלטיטשקע.

— וואָס ווילסטו זאָגען? — האָט זי אָנגעפאַנגען צו ריידען, אַרונטערגעוואָרפען דעם טשיפּעק און זיך צוגעזעצט אויף ליזא'ס בעטעלע: — דאָס שטייגט שוין אריבער מיינע כחות! היינט איז שוין דער פערטער טאָג, זינט איך בין ווי אין א קעסעל; איך קען שוין מעהר ניט מאַכען דעם אָנשטעל, אַז איך באַמערק גאָרניט, — איך קען ניט זעהן ווי דו ווערסט בלאַס, ווי דו טריקענסט, וויינסט, איך קען ניט, איך קען ניט!

— אָבער וואָס איז מיט אייך מוהמעניו? — האָט ליזא א זאָג געטאָן: — איך האָב גאָרניט...

— גאָרניט? — האָט מארפא טימאָפעיעוונא אויסגעשריי־הען: — דאָס זאָג אימיצען אַנדערש, ניט מיר! גאָרניט! און ווער איז נאָר־וואָס געשטאַנען אויף די קניע? ביי וועמען זיינען די וויעס נאָך נאַס פון טרערען? גאָרניט! דו גיב נאָר א קוק

אויף זיך, וואָס האָסטו געמאכט פון דיין פּנים, וואוהין האָסטו אהין געטאָן דיינע אויגען? גארניט! איך ווייס דען ניט אלעס?

— דאָס וועט פאַראיבערגעהן, מוהמעניו; מיט דער צייט.

— פאראיבערגעהן, אָבער ווען? גאָט מיינער, אלמעכטי־גער! האָסטו איהם באמת אזוי ליעב באקומען? ער איז דאָך שוין אַן אלטער, ליזאָטשקא. נו, איך וועל ניט לייקענען, ער איז א גוטער מענש, ער בייסט זיך ניט; וואָס־זשע איז דאָס אזעלכעס? מיר זיינען אלע גוטע מענשען; די וועלט איז גרויס נענוג פאר אלערליי מענשען, אזא גוטס וועט נאָך זיין א סך.

— איך זאָג אייך, דאָס אלעס וועט פאראיבערגעהן, דאָס אלעס איז שוין פאַראיבערגעגאנגען.

— הער אוים ליזאָטשקא, וואָס איך וועל דיר זאָגען, — האָט מארפא טימאפעיעוונא פלוצלונג א זאָג געטאָן, בעת זי האָט אוועקגעזעצט ליזא'ן נעבען זיך אויפ'ן בעט און צוגעריכט אָט איהרע האָר, אָט איהר האלדז־טיכעל. — דאָס ציינט זיך דיר נאָר אוים אזוי אויף דער הייסער מינוט, אז צו דיין צרה איז קיין הילף ניטאָ. אַך, נשמה מיינע, נאָר צום טויט איז ניטאָ קיין רפואה! דו זאָג נאָר זיך אליין: „איך וועל זיך ניט אונטערגעבען — כאַפּט איהם דער גוטער יאָהר!" און דערנאָך וועסטו זיך אליין חדוש'ן — ווי גיך, גוט, ס'וועט אוועק. דו, האָב נאָר געדולד.

— מוהמעניו, — האָט ליזא געענטפערט: — ס'איז שוין פאַראיבערגעגאנגען, אלעס איז שוין פאַראיבערגעגאנגען.

— פאראיבערגעגאנגען! וואָס פאר א פאראיבערגעגאנגען! אָט האָט זיך ביי דיר דאָס נעזיל אפילו פארשפּיצט, און דו זאָגסט: פאראיבערגעגאנגען. גוט: פאראיבערנעגאנגען!

— יאָ, ס'איז פאַראיבערגעגאנגען, מוהמעניו, אויב איהר וועט מיר נאָר וועלען ארויסהעלפען, — האָט ליזאַ ארויסגערעדט מיט א פלוצליכער באגייסטערונג און האָט זיך א וואָרף געמאָן מארפא טימאָפיעוונא'ן אויפ'ן האלדז. — טייערע מוהמעניו, זייט מיר א פריינד, העלפט מיר; זייט אויף מיר ניט אין כעס, פארשטעהט מיך...

— וואָס אזעלכעס, וואָס איז, מאמע מיינע? שרעק מיך

ניט, איך בעט דיך; אָט הויב איך גלייך אָן צו שרייען, קוק ניט אַזוי אויף מיר; זאָג ניכער, וואָס אַזעלכעס?

— איך... איך וויל... — ליזא האָט באַהאַלטען איהר פּנים אויף מארפא טימאָפעיעוונא'ס ברוסט... — איך וויל געהן אין אַ מאָנאַסטיר, — האָט זי טעמפּ ארויסגערעדט.

די אַלטע איז אַזש אונטערגעשפּרונגען אויפ'ן בעטעל.

— צלם זיך איבער, מאַמע מיינע, ליזאַטשקא, קום צו זיך: וואָס האָסטו דאָס, גאָט איז מיט דיר, — האָט זי ענדליך ארויס־געפּלאָפּעלט: לעג זיך צו, טייבעלע, שלאָף אַביסעל איין; דאָס איז דיר אַלץ געקומען פון שלאָפלאָזיגקייט, נשמה מיינע.

ליזא האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, די באַקען איהרע האָבען געפלאַממט.

— ניין, מוהמעניו, — האָט זי אַ זאָג געטאָן: — רעדט ניט אַזוי; איך האָב זיך באַשלאָסען, איך האָב מתפלל געווען, איך האָב געבעטען אַן עצה ביי גאָט; אַלעס איז געענדיגט, מיין לעבען מיט אייך איז געענדיגט. אַזאַ לעקציע איז ניט אומזיסט; און ס'איז שוין ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך קלער וועגען דעם. קיין גליק צו מיר פּאַסט ניט, אפילו ווען איך האָב געהאַט האָפּ־נונגען אויף גליק האָט דאָס הארץ מיר אַלץ געגאָנט. איך ווייס אַלעס, אי מיינע עבירות, אי פרעמדע, אי ווי דער טאַטעניו האָט דאָס רייכטום אָפּגעשפּאַרט; איך ווייס אַלעס. אויף דעם אַלעס מוז מען אויסבעטען, אַ כפרה אויסבעטען. איהר טוט מיר באַנג, די מאַמע טוט מיר באַנג, לענאָטשקא; נאָר מען קען זיך ניט העלפען; איך פיהל, אז דאָ קען איך ניט לעבען; איך האָב זיך שוין מיט אַלעס געזעגענט, פאַר אַלעס אין הויז פארניינט צום לעצטען מאָל; עפּעס רופט מיך אַוועק; עס איבעלט מיך, עס ווילט זיך מיר זיך פארשפּארען אויף אייביג. האַלט מיך ניט אָפּ, רעדט מיך ניט אָפּ, העלפט מיר, אַ־ניט, וועל איך אַליין אַוועק־געהן...

מארפא טימאָפעיעוונא האָט מיט שרעק אויסגעהערט איהר פּלעמעניצע.

„זי איז קראַנק, רעדט פון היץ, — האָט זי געטראַכט: — מען דאַרף שיקען נאָך אַ דאָקטאָר; אָבער נאָך וועלכען? גע־דעאָר

גאָוואָסקי האָט ניט לאנג צוריק געליובט עפּעס א דאקטאר, ער ליינט אבער אלץ — און אפשר האָט ער דאס אמאָל געזאגט אן אמת".

נאָר ווען זי האָט זיך איבערצייגט, אז ליזא איז ניט קראנק און רעדט ניט פון היץ, ווען אויף אלע איהרע אבווענדונגען האָט ליזא שטענדיג געענטפערט איינס און דאס זעלבע, האָט מארפא טימאָפעיעוונא זיך דערשראָקען און ניט אויף קאַטאָוועס זיך פארזארגט.

— דו ווייסט דאָך ניט, טייבעלע דו מיינס, — האָט זי אנגעפאנגען איהר איינריידען: וואָס פאר א לעבען עס איז אין די מאָנאַסטירען! מען וועט דיך דאָך, קינד מיינס, האָדעווען מיט גריינער קאַנאָפּליע־פּוטער, וועש וועט מען דיר אנטאָן די גראָבסטע, און מען וועט דיך צווינגען צו געהן אין דער קעלט; דו וועסט דאָך דאָס אלעס ניט איבערטראָגען, ליזאָטשקא. דאָס איז אלץ אין דיר נאָך אגאַפיאַ'ס שפּורען; דאָס האָט זי דיך פון וועג אראָפּגעפיהרט נאָר זי האָט דאָך אנגעפאנגען דערפון, וואס זי האָט פריהער א לעבן געטאָן, און טאַקע א לעב געטאָן מיט פארגעניגען; טו אויך א לעב. לאָז מיר, לכל הפחות, שטארבען רוהיג, און נאָכדעם טו, וואס דו ווילסט. און ווער האָט דאָס נאר געזעהן, אז פאר אזעלכען, פאר א ציגען־בערדעל, גאָט זאָל ניט שטראָפען פאר די רייד, פאר א מאַנספּארשוין זאל מען געהן אין א מאָנאַסטיר? נו, אויב עס נאגט דיך יאָ אזוי, פאָר־זשע ארונטער צו עפּעס א הייליגען און זיי מתפלל, אבער טו ניט אָן אָט דעם שווארצען מיץ אויף דיין קאָפּ, טאַטע דו מיינער, מאמע דו מיינע...

און מארפא טימאָפעיעוונא האָט זיך ביטער צואוויינט.

ליזא האָט זי געטרייסט, איהר אויסגעווישט די טרערען, אליין געוויינט, נאָר איז געבליעבען פאר'עקשנ'ט. אויס יאוש האָט מארפא טימאָפעיעוונא זיך געפּרואווט א לאָז טאָן אין גאנג סטראַשונקעס: אלעס דערצעהלען דער מוטער... אבער דאָס האָט אויך ניט געהאָלפען. נאָר צוליעב די פארשטארקטע בקשות פון דער אלטער, האָט ליזא איינגעשטימט אבצולעגען די פארווירקליכונג פון איהר פּלאן אויף א האלב יאהר; דערפאר האָט מארפא טימאָפעיעוונא געמוזט איהר געבען דאס וואָרט, אז זי וועט איהר אליין העלפען צו קריגען די צושטימונג פון מאריא דמיטריעוונא, אויב זי וועט אין זעקס חדשים ארום ניט ענדערען איהר באשלוס.

מיט'ן אנקומען פון די ערשטע קעלטען, האט ווארוואַרא פּאוולאָווא, ניט קוקענדיג אויף איהר צוזאג זיך באַגראָבען אין א פּאַרוואָרפען ווינקעל, באזאָרגענדיג זיך מיט געלט, זיך איבערגע־קליבען קיין פּעטערבורג, וואו זי האָט געדונגען א באשיידענע, נאָר גוטינקע קוואַרטיר, וואָס פּנשין האָט פאר איהר אויפגעזוכט. ער האָט נאָך פאר איהר פאַרלאָזט א...ער גובערניע. אין דער לעצטער צייט פון זיין וואוינען אין דער שטאָדט א... האָט ער אינגאַנצען פאַרלאָרען מאַריא דמיטריעוונא'ס אויפגעלעגטקייט; ער האָט פּלוצלונג אויפגעהערט זי צו באַזוכען און איז כמעט ניט ארויסגעפאָהרען פון לאַווריקי. וואַראַוואַרא פּאַוולאָוונא האָט איהם פאַרשקלאַפט, טאַקע פאַרשקלאַפט: מיט קיין אַנדער וואָרט קען מען ניט אויסדריקען איהר אומבאַגרעניצטע, אומפאַרמיידלי־כע, אומפאַראַנטוואָרטליכע מאַכט איבער איהם.

לאַווערעצקי האָט אָבגעוואוינט דעם ווינטער אין מאָסקווא, און פריהלינגס־צייט פון'ם פאָלגענדען יאָהר איז צו איהם דער־נאַנגען די ידיעה, אז ליזא איז אריין אין ב...ער מאָנאַסטיר, אין איינעם פון די ווייטסטע געגענדען פון רוסלאַנד.

ע פּ י ל אָ ג.

אכט יאָהר זיינען אוועק. עס איז ווידער געקומען דער פריהלינג... נאָר לאָמיר פריהער זאָגען עטליכע ווערטער וועגען דעם שיקזאַל פון מיכאַלעוויטשען, פּאַנשינען, מאַדאַם לאַווערעצ־קאַיא, — און זיך מיט זיי צושיידען. מיכאַלעוויטש איז, נאָך לאַנגע ארומוואַנדערונגען, ענדליך צוגעקומען צו זיין ווירקליכער באשעפטיגונג: ער האָט געקראָגען א שטעלע אלס עלטערער אויפ־זעהער אין א רעגיערונגס־אַנשטאַלט. ער איז זעהר צופריעדען מיט זיין גורל, און די תלמידים „פאַרגעטערען" איהם, הגם זיי קרימען איהם איבער. פּאַנשין האָט זיך היבש א רוק געטאָן אין ראַנג און פּיקט זיך שוין אלס דירעקטאָר; ער געהט שוין עטוואָס איינ־געבויגען: עס מוז זיין, אז דער וולאַדימיר־צלם, וואָס מען האָט איהם געשענקט אויפ'ן האלז, ציהט איהם אביסעל אָפּ פאָראויס. דער משינאָווניק האָט ביי איהם גענצליך איבערגעוואויגען דעם

קינסטלער; זיין אלץ נאך יונגענטליכער פּנים איז געל געוואָרען, די האָר — שיטער געוואָרען, און ער זינגט שוין ניט, מאָלט ניט, נאָר געהיים באשעפטיגט ער זיך מיט ליטעראטור: ער האָט אָנגעשריבען א קאָמעדיעלע, לויט'ן אַרט פון „גלייכווערטלאך" — און אזוי ווי איצטער מוזען אלע, וואָס שרייבען, „ארויספיהרען" וועמען ס'ניט איז אָדער וואָס ס'ניט איז, האָט ער אויך אין איהר ארויסגעפיהרט א קאָקעטקע און לייענט דאָס פאָר שטילינקערהייד פאר א צוויי־דריי דאמעס, אין וועמעס אויגען ער האָט געפונען חן. חתונה האָבען האָט ער, פונדעסטוועגען, ניט חתונה געהאט, הגם עס האָבען זיך געמאכט גענוג גוטע געלעגענהייטען: שולדיג אין דעם איז ווארוואַרא פּאוולאָוונא. וואָס ס'איז שייך צו איהר, וואוינט זי, ווי פריהער, שטענדיג אין פּאריז: פעאָדאָר איוואַניטש האָט איהר געגעבען א וועקסעל אויף זיך און האָט זיך אויסגעקויפט פון איהר, פון דער מעגליכקייט פון א צווייטען אומערווארטעטען אָנפאל. זי איז אלט געוואָרען און גראָב געוואָרען, נאָר איז נאָך אלץ ליעבליך און גראציעז. יעדער מענש האָט זיין אידעאל: ווארוואַרא פּאוולאָוונא האָט געפונען איהרען — אין די דראמאטישע ווערק פון הער דומא — דעם זוהן. זי באזוכט פלייסיג דאָס טעאטער, וואו מען פיהרט אויף אויף דער ביהנע שווינדזיכטיגע און סענטימענטאלע קאָמעדיעס; צו זיין מאדאם דאָש דוכט זיך איהר איז דאָס העכסטע פון מענשליכען וואוילזיין; זי האָט איינמאָל ערקלעהרט אז זי ווינשט ניט פאר איהר טאָכטער קיין בעסערן גורל. מען דארף האָפען, אז דער שיקזאל וועט אויסלייזען Mademoiselle אדא'ן פון אן עהנליכען וואוילזיין: פון א רויט אָנגעשוואָלען קינד האָט זי זיך פארוואנדעלט אין א שוואַכברוסטיגער, בלאסינקער מיידעלע; איהרע נערוון זיינען שוין צורעהט. די צאָהל פארעהרער פון ווארוואַרא פּאוולאָוונא'ן האָט זיך פארקלענערט, נאָר זיי זיינען ניט פארשוואונדען; אייניגע וועט זי, מן הסתם, אָנהאלטען ביז'ן סוף פון איהר לעבען. דער היציגסטער פון זיי איז די לעצטע צייט געוועזען איינער זאקורדאלא־סקורבירניקאָוו, אַן אויסגעדיענטער גווארדייסקער וואָנסען־טרעגער, א מענש פון א יאָהר אכט־און־דרייסיג, מיט אַן אומגעוועהנטליכער פערפערליכער קרעפטיגקייט. די פראנצויזישע באזוכער פון מאַ־

דאָס לאָװרעצקאָיאַ'ס סאַלאָן רופֿען איהם le gros taureau de L'Ucraine ; װאַרװאַרא פּאַװלאָװנאַ לאָזט איהם קײנמאָל ניט אײַן צו איהרע מאָרגנע אָװענטען, נאָר ער באַזיצט פֿאָלקאָם איהר גוט־פֿרײַנדשאַפֿט.

און אַזױ . . . איז אַװעק אַכט יאָהר. װידער האָט פֿונ'ם הימעל אַ בלאָז געטאָן מיט שײַנענדען גליק פֿון פֿריהלינג; װידער האָט ער אַ שמײכעל געטאָן אי צו דער ערד, אי צו מענשען; װידער האָט זיך אַלעס אונטער זײַן צערטלען צובליהט, פֿאַרליעבט און צוזונגען. די שטאָדט אָ . . . האָט זיך װינציג געענדערט אינ'ם משך פֿון אָט די אַכט יאָהר; נאָר דאָס הױז פֿון מאַריאַ דמיטריעװנאַ'ן איז עפּעס װי יונגער געװאָרען: זײַנע פֿריש אָפּגעפֿאַרבטע װענט האָבען זיך באַגריסענד געװײַסט, און די שױבען פֿון די צועפֿענטע פֿענסטער האָבען זיך גערױטעלט און געגלאַנצט בײַם זון־אונטערגאַנג; פֿון אָט די פֿענסטער האָבען זיך געטראָגען אין גאַס פֿרעהליכע, לײַכטע קלאַנגען פֿון קלינגענדע יונגע קולות, פֿון אומאױפֿהערליכען געלעכטער; דאָס גאַנצע הױז האָט װי גע־זאָטען מיט לעבען און האָט זיך צוטראָגען מיט פֿרײד איבער'ן געגענד. די װירטין פֿון דעם הױז איז שױן לאַנג געװען אין קבר: מאַריאַ דמיטריעװנאַ איז געשטאָרבען אין צװײ יאָהר אַרום נאָכ־דעם, װי ליזאַ איז אַרײַן אין מאָנאַסטיר; און מאַרפֿאַ טימאָפֿע־יעװנאַ האָט לאַנג ניט איבערגעלעבט איהר פּלימעניצע; זײ בײ זײט רוהען זײ אױפ'ן שטאָדטישען בית־עולם. נעגאַנגען פֿון דער װעלט איז אױך נאַסטאַסיאַ קאַרפּאָװנאַ; די געטרײַע אַלטיטשקע פֿלעגט אין משך פֿון עטליכע יאָהר אַלע װאָך געהן מתפּלל זײַן אױפ'ן קבר פֿון איהר פֿרײַנדין... עס איז געקומען די צײַט, און איהרע בײנער האָבען זיך אױך אײַנגעגרעט אין דער פֿײַכטער ערד. נאָר מאַריאַ דמיטריעװנאַ'ס הױז איז ניט אַרײַן אין קײן פֿרעמדע הענט, פֿון איהר שטאַם ניט אַװעק, די נעסט איז ניט צו־שטערט געװאָרען: לענאָטשקאַ, װאָס איז פֿאַרװאַנדעלט געװאָרען אין אַ שלאַנקער שעהנער פֿרײלין און איהר חתן — אַ פֿלאַקס־האָריגער הוסאַרען־אָפֿיציער, מאַריאַ דמיטריעװנאַ'ס זוהן, װאָס האָט נאָר־װאָס חתונה געהאַט אין פּעטערבורג און איז צוזאַמען מיט דער יונגער פֿרױ געקומען אױפ'ן פֿריהלינג אין דער שטאָדט

א . . . ; זיין פרוי'ס א שוועסטער, א זעכצעהן־יאָהריגע אינסטי־
טוטקע מיט רויטע באקען און קלאָרע אויגען, שוראמשקא, וואָס
איז אויך אויסגעוואקסען און שעהן געוואָרען — אָט וואָס פאר א
יוגענט עס האָט פארטויבט מיט געלעכטער און מיט רייד די ווענט
פון דעם קאַליטין־הויז. אלעס האָט זיך אין דעם געענדערט, אלעס
האָט זיך צוגעפאַסט צום געשמאַק פון די נייע איינוואוינער. באָרד־
לאָזע הויף־חברה, לצים און אָפּלאַכער האָבען פארביטען די אמאָ־
ליגע געזעצטע זקנים; דאָרטען וואו די אָפּגעפרעסענע ראַסקאָ
פלעגט אמאָל ארומשפאצירען אזוי ברייטלאך, לויפען איצט משוגע'־
נערווייז און שפּרינגען צוויי יאגד־הינט; אין פערד־שטאַל האָבען
זיך איצט באוויזען מאָגערע לייכט־געהער, פייערדיגע האָלאָבליע־
פערד, צוהיצטע זייטיגע פערד מיט געפלאָכטענע גריוועס, דאָנער
רייט־פערד; די שטונדען פון איבערבייסען, מיטאָג און וועטשערע
האָבען זיך פארפלאָנטערט און אויסגעמישט; ס'איז, לויט'ן אויס־
דרוק פון די שכנים, אוועק א סדרה פון אומגעהערטע איינפיהרונגען.

אין יענעם אָוונט, וועגען וועלכען מיר האָבען אָנגעפאַנגען צו
ריידען, האָבען די איינוואוינער פון דעם קאליטין־הויז (דער עלט־
סטער פון זיי, לענאָטשקא'ס חתן, איז סך־הכל אלט געוועזן פיער־
און־צוואנציג יאָהר) זיך באשעפטיגט מיט ניט קיין קאָמפּליצירטען,
נאָר משפּט'ענדיג לויט זייער העפטיגען געלעכטער, זעהר א פרעה־
ליכען פאר זיי שפּיעל: זיי זיינען געלאָפען איבער די צימערן און
געכאַפּט איינער דעם אנדערן; די הינט זיינען אויך געלאָפען און
געהאווקעט, און די קאַנאַריקלעך, וואָס זיינען געהאנגען אין די
שטיינעלעך פאר די פענסטער, האָבען אויך געהאלטען אין איין
רייסען דעם האַלז און פארשטאַרקט דעם אלגעמיינעם טומעל מיט
דעם קלינגענדיג קנאקען פון זייער ווילדען פּיסטשען. אינ'ם סאַ־
מע ברען פון אָט דעם באטויבענדען שפּיעל איז צו דעם טויער
צוגעפאָהרען א פארשמירטער עקיפּאַזש, און א מענש פון א יאָהר
פינף־און־פערציג, אין רייזע־קליידער, איז פון איהם ארויסגעקראָ־
כען און זיך אָפּגעשטעלט אין פארוואונדערונג. ער איז אָפּגע־
שטאנען א שטיקעל צייט אומבאוועגליך, ארומגעכאַפּט דאָס הויז
מיט אן אויפמערקזאמען בליק, איז אריינגעגאַנגען דורכ'ן טירעל
אין הויף און פּאַמעלאַך ארויף אויפ'ן גאַניקעל. אין פאָר־צימער

האַט איהם קיינער ניט באגעגענט; נאָר די טיר פונ׳ם זאַל האָט זיך שנעל אָן עפען געטאָן; — פון איהר איז ארויסגעשפרונגען שוראטשקא, איינגאנצען א פאררויטעלטע — און אין דער רגע, גלייך נאָך איהר, איז, מיט קלינגענדע געשרייען, ארויסגעלאָפען די גאנצע יונגע כאַפּטע. זי האָט זיך פלוצלונג אָפּגעשטעלט און אַנ־שווינגען געוואָרען ביים אָנבליק פונ׳ם אומבאקאנטען; נאָר די ליב־טיגע אויגען, געריכטעט אויף איהם, האָבען געקוקט פונקט אזוי ליעבליך, די פרישע פנים׳ער האָבען ניט אויפגעהערט צו לאַכען. — מאריא דמיטריעוונא׳ס זוהן איז צוגעגאַנגען צום גאַסט, און בא־גריסענד איהם א פרעג געטאָן, וואָס ער וויל.

— איך בין לאווּרעצקי, — האָט דער גאַסט אַ זאָג געטאָן.

א פריינדליכער געשריי האָט זיך איהם דערטראָגען אלס ענט־פער — און ניט דערפאר, וואָס אָט די יוגענט האָט זיך אזוי זעהר דערפרעהט מיט׳ן קומען פונ׳ם ווייטען, כמעט פארגעסענעם קרוב, נאָר פשוט דערפאר, וואָס זי איז גרייט געווען צו טומלען און זיך פרעהען ביי יעדען גינסטיגען צופאל. מען האָט לאווּרעצקי׳ן גלייך ארומגערינגעלט: לענאָטשקא, אלס אלטע באקאנטע, האָט זיך די ערשטע אָנגערופען, האָט איהם פארזיכערט, אז ווען נאָך א ביסעלע, וואָלט זי איהם געוויס געוועזן דערקענט, און האָט איהם פאָרגע־שטעלט די גאַנצע איבעריגע געזעלשאפט, אָנרופענדיג יעדען, אפילו איהר חתן, ביי זייערע צערטעל־נעמען. דער גאַנצער עולם האָט זיך דורך דעם עס־צימער א לאָז געטאָן אין גאַסט־צימער. דער שפאליר אין ביידע צימערען איז שוין געוועזן אַן אנדערער, נאָר דאָס מעבעל איז נאָך גאַנץ געבליבען; לאווּרעצקי האָט דערקענט די פּיאַנאָ; אפילו דער נייראם ביים פענסטער איז אויך געשטאַנען דער זעלבינער, אין דעם זעלביגען פלאַץ, און אויב ניט מיט דער זעלבינער ניט־פארענדיגטער ארבייט, ווי צוריק מיט אכט יאָהר. איהם האָט מען אוועקגעזעצט אויף א ווייכער שטוהל; אלע האָבען זיך מיט שטאָט ארום איהם ארומגעזעצט. פראגען, אויסגעשרייען, ערצעהלונגען האָבען זיך אָנגעפאַנגען צו שיטען איינס נאָכ׳ן אַנ־דערן.

— שוין לאַנג האָבען מיר אייך ניט געזעהן, — האָט לע־

נאַטשקא נאַאיוו באַמערקט: און ווארוואַרא פּאַוולאָוונאַ׳ן האָבען מיר אויך ניט געזעהן.

— ס׳א משל! — האָט איהר ברודער איילענדיג אונטערגע־כאַפּט. — דיך האָב איך אוועקגעפיהרט קיין פּעטערבורג, און פּע־דאָר איוואַניטש האָט אַלץ געוואוינט אין דאָרף.

— יאַ, די מאַמע איז דאָך פון יענער צייט אָן טוידט.

— און מארפא טימאָפעיעוונא, — האָט שוראַטשקא אַ זאָג געטאָן.

— און נאַסטאַסיא קאַרפּאָוונא, — האָט לענאָטשקא געענט־פערט: — און מאַסיא לעמם...

— ווי? לעמם איז אויך געשטאָרבען? — האָט לאַווּרעצקי אַ פרעג געטאָן.

— יאַ, — האָט דער יונגער קאַליטין געענטפערט: — ער איז פון דאַנען אוועקגעפאָהרען קיין אָדעס, מען זאָגט, עמיצער האָט איהם אַהין אַרויסגענאַרט; דאָרט איז ער געשטאָרבען.

— איהר ווייסט ניט, פון איהם איז איבערגעבליבען מוזיק?

— איך וויים ניט, אפשר.

אַלע זיינען אַנשווייגען געוואָרען און זיך איבערגעקוקט. א טרויער־וואָלקען איז אָנגעפלויגען אויף אַלע יונגע פּנים׳ער.

— און מאַטראָסקא לעבט, — האָט פלוצלונג לענאָטשקא אָנגעפאַנגען צו ריידען.

— און געדעאָנאָווסקי לעבט, — האָט איהר ברודער צוגע־געבען.

ביי געדעאָנאָווסקי׳ס נאָמען האָט א דונער געטאָן א היל־כיגער געלעכטער.

— יאַ, ער לעבט און לייגט ווי פריהער, — האָט פאָרגעזעצט מאַריא דמיטריעוונא׳ס זוהן: — און שטעלט אייך פאָר, אָט א די בחור׳טע (ער האָט אָנגעצייגט אויף דער אינסטיטוטקע, אויף זיין פרוי׳ס שוועסטער) האָט נעכטען איהם אַריינגעשאָטען פעפער אין זיין טאַבאַק־קעסטעלע.

— ווי ער האָט דאָס אַביסעל געניעסט! — האָט לענאָטשקא אויסגעשריען, — און ווידער האָט זיך צוקלונגען אַן אומאָפּהאַלט־באַרער געלעכטער.

— מיר האבען ניט לאנג געהאט א ידיעה וועגען ליזא'ן, — האט דער יונגער קאליטין א זאג געטאן, — און ווידער איז אלעס ארום שטיל געווארען: — איהר איז גוט, דאס געזונט איהרס בעסערט זיך צוביסלאך.

— זי איז נאך אלץ אין דעם זעלביגען מאנאסטיר? — האט לאוורעצקי ניט אהן אנשטרענגונג א פרעג געטאן.

— אלץ אין דעם זעלביגען.

— זי שרייבט צו אייך?

— ניין, קיינמאל ניט; מיר באקומען ידיעות דורך מענשען.

עס איז געווארען א פלוצליכע טיעפע שטילקייט; אט „איז א שטילער מלאך דורכגעפלויגען", האבען אלע א קלעהר געטאן.

— איהר ווילט אפשר אביסעל אין סאד? — האט קאליטין זיך געווענדט צו לאוורעצקי'ן: — ער איז איצט זעהר שעהן, הגם מיר האבען איהם א ביסעל פארלאזט.

לאוורעצקי איז ארויסגעגאנגען אין סאד, און דאס ערשטע, וואס האט זיך איהם אווארף געטאן אין די אויגען — איז געוועזען יענע באנק, אויף וועלכער ער האט אמאל פארבראכט מיט ליזא'ן עטליכע גליקליכע סעקונדען, וואס האבען זיך שוין מעהר ניט ווידערהאלט; זי איז שווארץ געווארען, קרום געווארען; נאר ער האט זי דערקענט, און זיין נשמה האט ארומגעכאפט א געפיהל, וואס האט צו זיך קיין עהנליכקייט ניט, סיי אין זיסקייט סיי אין ביטערקייט — א געפיהל פון לעבעדיגען טרויער אויף דער פאר־שוואונדענער יוגענט, אויפ'ן גליק, וואס ער האט אמאל באזעסען. ער איז זיך דורכגעגאנגען צוזאמען מיט דער חברה יונגווארג איבער די אלעען: די לינדען בוימער זיינען עטוואס עלטער געווארען און אויסגעוואקסען פאר די לעצטע אכט יאהר, נאר זייער שאטען איז געווארען געדיכטער; דערפאר האבען זיך אלע קוסטען א הויב געטאן, די מאלינע־קוסטען זיינען אריין אין קראפט, נאר די ניסען־בוימלאך זיינען אינגאנצען פארדארט געווארען און פון איבעראל האט געשמעקט מיט פרישען וואלד, גראז און בעז.

— אט ווי סע איז גוט צו שפיעלען אין „פיער ווינקלען", — האט לענאטשקא פלוצלונג אויסגעשריען ארויפגעהענדיג אויף א

גרין שטיקעל פעלד, ארומגערינגעלט מיט לינדען־בוימער: מיר זייי־נען גראד פונקט אין פיפטען.

— און פעדאר איוואניטש'ען האסטו פארגעסען? — האט איתר ברודער באמערקט. — אדער דו רעכענסט זיך ניט?

לענאטשקא האט זיך לייכט פארדרויטעלט.

— קען דען פעדאר איוואניטש, אין זיינע יאהרען... — האט די אנגעפאנגען.

— שפיעלט, שפיעלט, — האט לאווערעצקי איילענדיג אונטער־געכאפט: — שענקט אויף מיר ניט קיין אויפמערקזאמקייט. מיר אליין וועט זיין אנגענעהמער, ווען איך וועל וויסען, אז איך שטער אייך ניט. און מיך אונטערהאלטען דארפט איהר ניט; ביי אונ־זערע ברידער, זקנים, איז פאראן א באשעפטיגונג, וואס איהר ווייסט נאך ניט און וואס קיין ערהאלונג קען ניט פארבייטען: עראינגע־רונגען.

די יונגע מענשען האבען אויסגעהערט לאווערעצקי'ן מיט א פריינדליכער און עטוואס שפאטישער ווירדינקייט, — אקוראט ווי דער לעהרער וואלט פאר זיי איבערגעלייענט א לעקציע, — און פלוצלונג האבען זיי זיך פון איהם אוועקגעשאטען און ארויסגע־לאפען אויפ'ן שטיקעל פעלד; פיער האבען זיך אוועקגעשטעלט נעבען די בוימער, איינער אין מיטען — און עס האט זיך אנגע־הויבען דאס שפיעל.

און לאווערעצקי האט זיך אומגעקעהרט אין הויז, אריינגעגאנ־גען אין עס־צימער, צוגעגאנגען צו דער פיאנא און אנגעריהרט א קלאוויש: עס האט זיך דערהערט א שוואכער נאר א ריינער קלאנג, און האט געהיים א ציטער געטאן ביי איהם אין הארצען: מיט אט דעם קלאנג האט זיך אנגעפאנגען יענע באגייסטערטע מעלאדיע, מיט וועלכער לעמם, דער פארשטארבענער לעמם, האט א לאנגע צייט צוריק, טאקע אין יענער גליקליכער נאכט, איהם אריינגע־בראכט אין אזא התפעלות. נאכדעם איז לאווערעצקי אריבערגע־גאנגען אין גאסט־צימער און לאנג פון איהם ניט ארויסגעגאנגען: אין אט דעם צימער, וואו ער האט אזוי אפט געזעהן ליזא'ן, איז פאר איהם לעבעדיגער אויפגעשטאנען איהר געשטאלט; איהם האט זיך געדוכט, אז ער פיהלט ארום זיך די שפורען פון איהר אנוועז־

זענהייט; נאָר דער טרויער וועגען איהר איז געווען א מיעו׳מאַ־
כענדער און ניט קיין לייכטער: אין איהם איז ניט געווען קיין שטיל־
קייט, אָנגעפּאָכעט פון׳ם טויט. ליזא האָט נאָך ערגעץ־וואו גע־
לעבט, טעמפּ, ווייט; ער האָט וועגען איהר געטראכט, ווי וועגען
א לעבעדינגער, און ער האָט ניט דערקענט דאָס מיידעל, וועמען ער
האָט אמאָל געליעבט, אין יענעם טונקעלען, בלאַסען, פאַנ־
טאַסטישען בילד, פארקליידעט אין מאָנאַכען־קליידער, ארומגע־
רינגעלט מיט רויכיגע וועלען פון וויי־רויך. לאַווערעצקי וואָלט זיך
אליין אויך ניט געווען דערקענט, אויב ער זאָל אויף זיך געווען
קענען אזוי א קוק טאָן, ווי ער האָט אין געדאנק א קוק געטאָן
אויף ליזא׳ן. אין דעם משך פון אָט די אכט יאָהר איז, ענדליך,
געשעהן יענער איבערבראָך אין זיין לעבען, וועלכע פיעלע לעבען ניט
דורך, אָבער אָהן וועלכען מען קען ניט בלייבען קיין פיינער מענש
ביז׳ן סוף: ער האָט ווירקליך אויפגעהערט צו טראכטען וועגען
פערזענליכען גליק, וועגען זעלבסטזיכטיגע צוועקען. ער איז שטיל
געוואָרען, און — צו וואָס באהאלטען דעם אמת? — ער איז אלט
געוואָרען ניט אויפ׳ן פּנים און קערפּער, נאָר אויך אלט געוואָרען
אין דער נשמה; איינצוהאלטען דאָס הארץ א יונגס ביז דער על־
טער, ווי אנדערע זאָגען, איז אי שווער, אי לעכערליך; צופרידען
זיין מעג שוין יענער, וועלכער האָט ניט פארלאָרען די גוטסקייט,
די שטאַנדהאַפטיגקייט פון׳ם ווילען, דעם חשק צו טינטינגקייט.
לאַווערעצקי האָט געהאט דאָס רעכט צו זיין צופריעדען: ער איז
באמת געוואָרען א גוטער באַלעבאָס, האָט זיך באמת אויסגעלע־
רענט אַקערען ערד און האָט געהאָרעוועט ניט צוליעב זיך; ער
האָט, אויף וויפיעל ער האָט נאָר געקענט, פארזיכערט און באפעס־
טיגט דעם וואוילשטאַנד פון זיינע פּויערים.

לאַווערעצקי איז ארויסגעגאנגען פון׳ם הויז אין סאָד, זיך אני־
דערגעזעצט אויף דעם, איהם באַקאַנטען, בענקעל — און אויף
דעם טייערען פּלאַץ, פאַר יענעם הויז, פאַר וועלכען ער האָט צום
לעצטען מאָל אומזיסט אויסגעשפּרייט זיינע הענט צום פארשפּראָ־
כענעם בעכער, אין וועלכען עס זידט און שפּיעלט דער גאָלדענער
וויין פון תענוג, — ער, אַן איינזאמער, א הויזלאָזער וואנדערער,
אונטער די צופליהענדע פרעהליכע רופען פון׳ם יונגען דור, וואָס

האָט איהם שוין פארביטען, — האָט זיך אומגעקוקט אויף זיין לעבען. טרויעריג איז איהם געוואָרען אויפ'ן הארצען, נאָר ניט שווער, ניט וועהטאָגדיג: ער האָט געהאט פאר וואס ס'זאָל איהם באנג טאָן, שעהמען זיך — פאר גאָרניט. „שפּיעלט זיך, פרעהט זיך, וואקסט, יונגע קרעפטען, — האָט ער געקלעהרט, און עס איז ניט געווען קיין ביטערניש אין זיינע געדאנקען: דאָס לעבען שטעהט אייך ערשט פאָר, און אייך וועט זיין גרינגער צו לעבען; אייך וועט ניט אויסקומען, ווי אונז, צו זוכען אייער וועג, צו קעמפען, פאלען און אויפשטעהן אין דער פינסטער; מיר האָבען זיך גע־זאָרגט וועגען דעם, ווי אזוי גאנץ צו בלייבען — און וויפיעל פון אונז זיינען ניט גאנץ געבליבען! — און איהר דארפט טאָן די זאך, ארבייטען — און די ברכה פון אונזערע ברידער, זקנים, וועט זיין מיט אייך. און מיר, נאך היינטיגען טאָג, נאך אָט די אלע ערפאהרונגען, בלייבט נאָר איבער א לעצטען מאָל זיך פאר אייך פארנייגען — און הגם מיט טרויער, אָבער אָהן קנאה, אָהן אלערליי פינסטערע געפיהלען, זאָגען צוליעב דעם סוף, צוליעב דעם וואר־טענדען גאָט: „לעבען זאָל די איינזאמע עלטער! דערברען, אומ־נוצליך לעבען!"

לאַווּרעצקי איז שטיל אויפגעשטאנען און שטיל זיך דערוויי־טערט; קיינער האָט איהם ניט באמערקט, קיינער ניט אָפגעהאל־טען; פרעהליכע געשרייען, נאך שטארקער ווי פריהער, האָבען זיך געהערט אין סאָד הינטער דער גרינער דיקער וואנט פון די הויכע לינדען־בוימער. ער האָט זיך ארייגעזעצט אין עקיפאַזש און געהייסען דעם קוטשער פאָהרען אהיים און ניט יאָגען די פערד.

„און דער סוף?" וועט, אפשר, פרעגען דער אומבאפריעדיג־טער לעזער. „און וואָס איז דערנאך געוואָרען מיט לאַווּרעצקי'ן מיט ליזא'ן?" נאָר וואָס זאָגט מען וועגען מענשען, וואָס לעבען נאך, אָבער וואָס זיינען שוין אויסגעשטראָכען פון דעם ערדישען פנקס, צו וואָס זאָל מען זיך צו זיי אומקערען? מען זאָגט, לאַווּרעצקי האָט באזוכט יענעם ווייטען מאָנאסטיר, וואוהין ליזא איז אוועק — און האָט זי געזעהן. געהענדיג פון בימה צו בימה איז זי פארביי־געגאנגען נאָהענט נעבען איהם, פארבייגעגאנגען מיט א געמאָס־

טענעם איילענדיגען און הכנעה'דיגען טראַט פון אַ מאַנאַשקע — און האָט אויף איהם ניט אַ קוק געטאָן; נאָר די וויעס פון די אויגען, וואָס זיינען געווען געווענדעט צו איהם, האָבען קוים־קוים אַ ציטער געטאָן, אָבער נאָך נידעריגער האָט זי איינגעבויגען איהר אויסגעדאַרט פנים — און די פינגער פון די צוזאַמענגעדריקטע הענט, איבערגעפלאָכטען מיט'ן שנירעל פאַטשערקעס, האָבען זיך נאָך קרעפטיגער צוגעדריקט איינער צום צווייטען. וואָס האָבען זיי געטראַכט, וואָס האָבען זיי ביידע געפיהלט? ווער ווייסט? ווער וועט זאָגען? עס זיינען פאַראַן אַזעלכע סעקונדען אין'ם לע־בען, אַזעלכע געפיהלען . . . אויף זיי קען מען נאָר אָנצייגען — און פאַרביינגעהן.

DATE DUE

To renew call 292-3900

The Ohio State University
Form 10620

MAIN STACKS